STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07379

DER VULKANEN INZL

B. Daymondshteyn

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער וואולקאַנען אינזל

(אוטאָפּיע)

(באַאַרבעט פון ענגלישן)

פון

ב. דיימאָנדשטיין

צו ד״ר ר׳ סאָלאָמאָן נערבס
ב. דיימאָנדשטיין



ב. דיימאָנדשטיין — צייכנונג

COP. 2

פאַרלאַג „ליטעראַרישע העפטן"

טאָהאַנגאַ — 1951 — קאַליפאָרניע

DER VOLKANEN INSEL

THE VOLCANO ISLAND

ג ע ו ו י ד מ ע ט : —

דר. גלאָבוס וואָס האָט געגלויבט אין אַזאַ שייִנע וועלט.

Copyright by
B. DIMONDSTEIN
10143 Montair Ave.
Tujunga, Calif.
1951

ECONOMY TYPESETTING SERVICE
244 HARLEM PL.
LOS ANGELES, CALIF.

111

במקום הקדמה

(צום לייענער)

איך האָב אָנגעשריבן אַן הקדמה פון אַרום 20 זייטן פאַר דעם בוך און זי צוריקגעצויגן, פּשוט, כּדי מע זאָל ניט זאָגן, אַז איך רים מיין ווערק, איך רים זיך אַליין. אמת, ס׳איז געווען אַ רעצענזיע. איך האָב אָבער דאָס ווערק באַהאַנדלט ווי אַ קריטיקער וואָלט באַהאַנדלט ווערלכן ס׳איז אַן אַנדער מחבר, ניט נאָר זיך אַליין, ניט מיין אייגן ווערק. איך האַלט, אַז דאָס איז אַ פילאָזאָפיש־סאָציאַלע מלאכה. ס׳איז מער ווי אַן אוטאָפּיע — דאָ ווערן באַהאַנדלט אַ סך פּראָבלעמען. ס׳איז ניט איין ווערק, קען מען זאָגן: עס זיינען דאָ צוזאַמענגעקייטלט אויף איין שנור עטלעכע פּראָבלעמען, עטלעכע דערציילונגען, הגם וואָס איך מאַך מיין העלדין צו דערציילן, צו ריידן, וואָס איך וויל זי זאָל דברן. ס׳איז אַ פּראָבלעמאַטישע, פּסיכאָלאָגיש־דורכגעמוח׳טע אַרבעט. איך האָב די טעמע געטראָגן אין מיין דמיון, אין מיין מוח, זינט 1914, זינט דער ערשטער וועלט־מלחמה.

עס האָט זיך איינגעשניטן אין מיין מוח, און האָט מיך פאַרפאָלגט און ניט געלאָזט רוען — די איבערלעבונגען פון די יידן מכּל־העולם בכלל, און די יידן פון רוסלאַנד בפרט; די מלחמה, וואָס האָט געבראַכט זיך צו באַפרייען, פּטור צו ווערן פון דעם אידיאָט דעם צאַר און געבראַכט אַפילו, כּמעט, אַ סאָציאַליסטישן פּרעזידענט — „קערענסקי״. אָבער אין מיין מוח האָט זיך אַלץ געוועבט, האָט געעגבערט, אַז ווי גוט ס׳זאָל ניט זיין אונטער אַ רעפּובליק אין רוסלאַנד, וועלן דאָך די יידן דאָרט ניט גרינג אָפּקומען; אַז סוף־כּל־סוף וועלן זיי זיין די ערשטע קרבנות, די ערשטע שעיר־לאַזאזל׳ניקעס . . . פאַר אַלעם גוטס ווערט אונדז באַצאָלט מיט שלעכטס, מיט צרות, מיט ביטערניש! . . . מיטן אויפקום פון דער אָקטאָבער רעוואָלוציע, האָב איך דערזען אַ ניי ליכט, אַ נייעם תּחית־המתים, פון אונדזער דערשלאָגענעם, דערנידעריקטן, געבויגענעם עם־ישראל — אַז איצט וועלן מיר ווערן אַ פאָלק צווישן פעלקער — אַ ייד, אַ מענטש! . . .

זעענדיק דעם ייד אין סאָוויעט־רוסלאַנד טעטיק אויף יעדן געביט פון דער רעגירונג אין גלייכהייט, האָב איך, אין 1929, דאָס ווערק פאַרפאַסט אין ענגליש, נאָר איך האָב עס עד היום ניט פאַרעפנטלעכט! אין 1928 האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום מיר „על־גוריאָ״, דער פיינער אינזיכיסטישער פּאָעט — האָב איך באַאַרבעט אַלע מיינע ענגלישע ביכער, ווי „דהי קאָל וויטהין״, „ביאָנד היומען פּאַוער״ און די „וואָלקיינאַ איילאַנד״. איך זאָג בעל־מלאכהט, ווייל איך גלויב ניט, אַז אַ מחבר קען איבערזעצן זיינע אייגענע שאַפונגען, האָב איך זיי באַאַרבעט און אויך געגעבן על־גוריאָן אַ ביסל מלאכה, ער זאָל דאָס מיר איבערשרייבן, „איבערטייפּן״ אויף מיין שרייבמאַשין. דאָס איז געווען, גלויב איך, אין 1928־29. און איצט הויב איך זיי אָן צו פאַרעפנטלעכן. אגב, וויל איך באַמערקן, אַז מיין ענגלישער בוך „ביאָנד היומען פּאַוער״ איז צוריקגערופן און פאַרבאָטן געוואָרן אין די „פּאָבליק לייברעריס״ (פאָלקס־ביבליאָטעקן) פאַר זיין פּאָליטישן אינהאַלט.

דאָס איצטיקע ווערק, הגם עס איז אַן אוטאָפּיע, אַבסטראַקט, אַ פאַנטאַזיע, אָבער טעאָרעטיש ווי איך האָב באַאַרבעט די טעמע — ווי אַ פּלאַן פאַר אַ געביידע פון פונדאַמענט ביזן שפּיץ־קוימען — פּשוט ס׳ווילט זיך לעבן אין אַזאַ וועלט!...

דער עיקר בעט איך דעם לייענער איבערצולייענען דאָס גאַנצע בוך איידער ער גיט אַרויס אַ פּסק־דין. איך האַלט ניט פון יענע קריטיקער, וואָס טוען אַ בלעטער

דאָ און דאָרטן און געפינען אַ פּאָר שיינע זייטלעך און רימען אַ ניט־וווּרטפּול ווערק; אָדער, פאַרקערט, זיי געפינען עטלעכע ניט־איבעריק געראָטענע זייטלעך, וואָס ס׳געפעלן זיי ניט, און באַגראָבן אַ גוט ווערק — טאַקע דערפאַר, ווייל זיי האָבן ניט געלייענט די גאַנצע מלאכה פון מחבר: קיין פּערטל, אָדער האַלבע אַרבעט, טאָר מען ניט אורטיילן. אַזוי גלויב איך, אַזוי טו איך! . . .

ס׳זיינען אין דרוק און ס׳וועלן דעם יאָר דערשיינען די פאָלגנדע ביכער פון מיין שאַפן — הגם זיי זיינען ניט אַלע מיינע אַרבעטן: — „דער וואולקאַנעץ־אינזל״, „דער רוף אין זיך״, „איבער אונדזער קראַפט״ (די דריי זיינען איבערזעצונגען פ׳ן מיינע ענגלישע ביכער). אויך די פאָלגענדע: אַ בוך לידער, אַ בוך קינדער־לידער; אַ בוך איין־אַקטערס; אַ בוך דראַמען; אַ בוך עסייען; אַ בוך דערציילונגען; אַ ראָמאַן אין זעקס טיילן (דער ערשטער טייל איז אַרויס אין פיר פאָרזעצונגען אין דעם זשורנאַל „ליטעראַרישע העפטן״).

איך האָב באַשלאָסן אַרויסצוגעבן די ביכער אין פּאָפּולערע אויסגאַבן אין בראָשירטן פאָרם און אין גרויסן פאָרמאַט, כמעט צוויי זייטן אין איינעם: ס׳מיינט אַ בוך פון צוויי הונדערט זייטן וועט אַריין כמעט אין הונדערט. איך גלויב ניט, אַז דער שיינער בגד — דער איינבונד, מאַכט רייכער דעם אינהאַלט: דער עיקר איז דאָס אינוויינוויקסטע, דאָס האַרץ! . . . הגם ס׳וועלן זיין אויך געבונדענע ביכער, פון פשוטן און פיינערן באַנד.

טאַהאָנגאַ, קאַליפ., יאַנואַר, 1951.

דער װאולקאנען אינזל

ערשטער קאפּיטל

ביי דעם סוף פון דער גרויסער, ערשטער וועלט־מלחמה, אין יאר 1917, ווען די באלשעוויקעס האבן פארנומען די מאכט און פארטריבן די קערענסקי־מלוכה, האבן א סך פרויען זיך אנגעשלאסן און געמאכט א פרויען־באטאליאן, וואס האט זיך ניט נאר אקעגנגעשטעלט די אנטי־באלשעוויקעס, נאר דער באטאליאן איז אויך געגאנגען אין מלחמה קעגן די דייטשן, עסטרייך־אונגארן און טערקיי.

צווישן די פרויען איז געווען איינע, א יונגע בתולה, פון א יאר 20, ניט גאר קיין הויכע, מיט געשווירענע האר, מיט פייער אין אירע בלויע אויגן און מיט נאך א גרעסער פייער אין איר הארץ, וואס האט געשרפהט און געצונדן אין טויזנטער הערצער.

איר נאמען איז געווען „הילדא". די צרות פון דער מלחמה האבן פול געמאכט איר הארץ מיט פארביטערטקייט קעגן דעם צארס מלוכה. זי און אירע עלטערן האבן געהאט גענוג אויסצושטיין פון דער צארישער רעגירונג. מע האט זיי געטריבן פון יעדן פראנט ווי בהמות, אדער נאך ערגער . . .

הילדע האט געהאט א ליכטיק פנים, א קיילעכדיקס מיט חן־גריבעלעך אין אירע באקן, וואס האט א סך הערצער געמאכט שטארק צו קלאפן.

א געבוירענע פון ווארשע, רוסיש־פוילן, ביי זייער רייכע עלטערן, האט זי דאן געקראגן א זייער גוטע דערציאונג. זי האט ביז דער רעוואלוציע געקענט זעקס לשונות און איז אויך געווען א וואונדערבארע רעדנערין. אין יאר 1915, אין ברען פון דער מלחמה, האט זי אין די גאסן פון ווארשע געוועקט דעם פאטריאטיזם און געמאכט, אז טויזנטער יונגעלייט זאלן ווערן פרייוויליקע זעלנער. מע האט זי גערופן די „זשאן ד'ארק" פון רוסלאנד.

ווען „פאניע" (רוסלאנד) האט אנגעהויבן לויפן צוריקוועגס, האט מען גענומען טרייבן די יידן פון יעדער שטאט וואו זיי פלעגן צוריקטרעטן. מע האט פיינט געהאט דעם יידן, מע האט אים אבער ניט געוואלט איבערגעבן צום שונא . . . מע האט אים געטריבן קיין רוסלאנד . . . אין טיף רוסלאנד . . . וואו קיין ייד האט זיך ניט געטארט באווייזן, וואו קיין ייד האט זיך ניט געטארט געפינען אין די ניט־מלחמה־יארן.

הילדע איז געווען א יידיש קינד. אירע עלטערן זיינען געווען עשירים, אבער אויך פרום. אירע צוויי ברידער זיינען געפאלן אין שלאכטפעלד נאך אין די ערשטע עטלעכע חדשים פון דער מלחמה. איר פאטער, יוסף זעוו, האט אפּגעגעבן זיין שיינע גרויסע בית פאר א שפּיטאל, פאר די קראנקע זעלנער. די שיינע מאדאם שרה זעוו האט זיך אלץ געטאן פאר די פארוואונדעטע, ליידנדע סאלדאטן מיט געלט און מיט מי.

ווען די דייטשן זיינען געקומען צו די פארטן פון ווארשע, האט מען די יידן גענומען טרייבן פון שטאט. מע האט ביי זיי כמעט אלץ צוגענומען. די יידן האבן געהאט איין טאג צייט אויף צוצונעמען אלץ וואס איז זייערס און גיין אין טיף־רוסלאנד.

— איר, זשידעס, זייט שפּיאנען, שונאים פון רוסלאנד! . . . — פלעגט מען זיי זאגן.

הילדא האָט דערפילט דעם קלאַפּ:

— וואָס הייסט שפּיאָנען? — האָט יוסף זעוו געפרעגט.

דער וואָיענער גובערנאַטאָר האָט זיך אויף אים צעשריגן:

— דו ביסט אַ זשיד? . . . אַ זשיד איז אַ שפּיאָן! . . . איך גיב דיר איין טאָג צייט, פאַרנעם וואָס דו קענסט, ווייל מאָרגן טרייב איך דיך פון דאַנען אַרויס מיט אַלע זשידעס . . . — און האָט אויף אים געטופּעט מיט צאָרן.

יוסף זעוו איז פאַר פּחד געשטאָרבן אויפן אָרט פון אַ פּאַפּלעקציע . . . און אין דעם זעלבן טאָג האָט מען אים אויף דער גיך מקבר געווען.

אויף צו מאָרגנס האָט מען הילדען און שרהן, אָן אַ ברעקל רחמנות־געפיל, אַרויסגעטריבן, אַרויסגעיאָגט צוזאַמען מיט טויזנטער אַנדערע יידן, אַריינגע־פּאַקט זיי אין וואַגאָנעס, ווי בהמות און חזירים . . .

הילדע איז שוין דאַן ניט מער געווען די „זשאַן ד׳ארק״, נאָר געווען מיט איר פולן לב פאַר רוסלאַנדס מפלה . . . אַ קללה האָט זיך פון איר האַרצן גע־טראָגן צו דער גאַנצענער וועלט . . . ווען ניט צוליב איר מוטער וואָלט זי זיך דאָס לעבן גענומען.

הילדע האָט ניט געקענט פאַרשטיין, פאַרוואָס באַצאָלט מען דאָס זיי אַזוי? פאַרוואָס? פאַרוואָס? . . . און זי האָט מיט צאָרן אויסגעשריגן:

— איך האָב פאַרלוירן אין דער מלחמה מיינע צוויי ברידער; מיין טאַטן האָט מען געטריבן צום טויט, ניט געקוקט וואָס ער האָט אַ העלפט פון זיין עשירות אַוועקגעגעבן . . . פאַרוואָס? . . . פאַרוואָס קומט עס אונדז? — פאַר־וואָס?! — זי האָט איינגעבויגן דעם קאָפּ און זיך צעוויינט.

— ווייל מיר זיינען יידן! — האָט איר די מוטער געענטפערט.

—און אַז יידן? דאַרף מען אונדז פאַריאָגן, פאַרהאַסט פון גאָט און פון מענטשן? פאַרוואָס פאַריאָגט מען נישט די פּאָליאַקן? זיי זיינען דאָך געווען די אמתע שפּיאָנען . . . מע האָט דאָך יעדן טאָג געכאַפּט פון זייערע שפּיאָנען, אָבער קיינמאָל נישט קיין יידן! — האָט זי היסטעריש געשריגן.

— קינד מיינס, — האָט שרה צו איר געזאָגט — דערפאַר פאַרלירט רוס־לאַנד, ווייל זי פאַרטרייבט אירע פריינט. גאָט וועט זיי משלם זיין פאַר אַלע אונדזערע צרות . . . גאָט וועט זיך פאַר אונדז אָננעמען. טאַטע, טאַטע אין הימל! . . .

אַ פייער האָט געברענט אין הילדען, וואָס האָט געוואָלט מיט דעם פייער פאַרברענען די גאַנצע וועלט. אַ וואולקאַן האָט געקאָכט אין איר האַרצן, אין איר צערודערטער נשמה.

זי האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער באַוועגונג פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, וואו זי איז נאָך פריער געווען אַ טעטיקער מיטגליד.

נאָך איידער קערענסקי האָט פאַרנומען די מלוכה, נאָך דער אָראָפּזעצונג פון צאַר ניקאָלאַי, איז זי שוין געווען אַ טיכטיקע קעמפערין, האָט שוין געהאַט פאַרנומען פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. נאָר די סאָציאַליסטן, ווי אין אַנדערע לענדער, זיינען געוואָרן פּאַטריאָטן — מלחמה־העלדן . . .

בעת מע האָט אַרעסטירט דעם צאַר און זיין סוויטע, איז הילדע געווען אין זיבנטן הימל . . . זי האָט געטאַנצט ווי אַ קליין מיידעלע. מיט דריי טעג שפּעטער איז זי שוין געלאָפן צוריק קיין וואַרשע, געזוכט דעם גובערנאַטאָר, כדי זיך אָפּצורעכענען מיט אים . . . זי וועט אים משלמען! . . .

אין וואַרשע האָט מען איר געזאָגט, אַז אַ רעוואָלוציאָנער, אַ פּאָליאַק, האָט אים מיט אַ טאָג פריער דערשאָסן; פינף קוילן אַריינגעיאָגט אין אים, אין דעם הונט.

— ער האָט מיר פאַרשפּאָרט אַ טרחה, — האָט זי געזאָגט — נאָר עס פאַרדריסט מיך . . . איך האָב עס געוואָלט טאָן; ער האָט מיין פאָטער דער־הרגעט! ער האָט מיין פאָטער געטויט!

הילדע איז אַרומגעפאָרן איבער רוסלאַנד און אַגיטירט, מע זאָל אַרעסטירן אַלע פּאָלקאָווניקעס, גענעראַלן, מע זאָל אַ סך אויסשיסן פאַר דעם אומגליק וואָס זיי האָבן געבראַכט דעם רוסישן פאָלק . . . מיר דאַרפן נישט קיין צאַרסקע גענעראַלן. אַ סוף צו זיי!

הילדא האָט זיך באַקענט מיט די באָלשעוויקעס, מיט די באָלשעוויסטישע געדאַנקען און עס האָט איר צו זיי צוגעצויגן ווי אַ מאַגנעט . . . זי איז געווען פון די ערשטע צו הערן לענינען ריידן. אַזוי איז עס געגאַנגען ביז זי האָט זיך באַקענט מיט טראָצקין און מיט די אַנדערע באָלשעוויסטישע זיילן פון יענע צייטן.

הילדא איז גיך געוואָרן אַן אַנערקענטע באָלשעוויסטקע — מאַרקסן גע־לייענט פון פריער. אַ דאַנק איר רעדנערקראַפט איז זי אויך געוואָרן באַוואוסט און באַרימט; יאָ, באַרימט און באַוואוסט.

בעת די קערענסקי־מלוכה האָט גענומען פאַרפאָלגן די באָלשעוויקעס, האָט זיך הילדע אויסבאַהאַלטן, ווי לענין און אירע אַנדערע חברים און חברטעס פון יענער תקופה.

ווען לענין האָט איבערגענומען די מלוכה, האָט הילדא אויפגעלעבט. זי האָט אָרגאַניזירט פרויען־באַטאַליאָנען אַקעגן דעם אַלטן רעזשים.

— מיר מוזן האָבן אמתע קעמפער, — האָט זי פּראָקלאַמירט. — אַרונטער מיט די צאַרסקע גענעראַלן, און אַפילו מיט אָפיצירן. מיר קענען זיי ניט פאַר־טרויען! ניין! מע טאָר ניט! . . . אַרבעטער דאַרפן האַלטן בכוח די מאַכט, ווען ניט וועלן די קערענסקיס און די צאַריסטן אונדז די קעפּ אַרונטערהאַקן! . . . און ס'וועט זיין אויס! אויס מיט אַלץ! . . .

מיט איר רעדנער־כוח האָט זי אָרגאַניזירט אַ רויטן פרויען־באַטאַליאָן און זי איז אַליין געווען די פירערין . . . מע האָט זי געמאַכט פאַר אַ פּאָלקאָווניק. כאָטש געפירט פון אמתע מיליטער־מענטשן . . .

זי איז געווען אַ זיגערין אין אַ סך שלאַכטן. איר נאָמען האָט געקלונגען אין רוסלאַנד; קינד און קייט האָבן איר נאָמען געוואוסט; אַפילו די אמתע מי־ליטער־מענטשן האָבן זי באַוואונדערט . . .

די פרויען־סאָלדאַטן אין איר באַטאַליאָן זיינען געווען געשאָרן און גע־קליידט ווי מענער. ניט פילע האָבן געוואוסט פון דעם פרויען־באַטאַליאָן, ביז . . . ביז איינמאָל, ווען הילדא איז אין אַ שלאַכט פאַרוואונדעט געוואָרן . . .

— לאָזט מיך ניט שטאַרבן דאָ, — האָט הילדא זיך געבעטן ביי אירע חברטעס. — לאָזט מיך ניט איבער ביים פיינט! . . . שטאַרבן וויל איך אין מיין אייגן לאַנד, פאַר וועלכן איך קעמף . . .

אַ יונגער רויטער סאָלדאַט האָט געהערט אירע ווערטער, האָט ער זי אַ כאַפּ געטאָן אויפן אַקסל, מיינענדיק אַז דאָס איז אַ יונגער בחור . . . אַ יונגער באָל־שעוויק, אַ יונגער קעמפער, אַ רויטער אַרמייעץ . . .

ערשט אין שפּיטאָל, אַרום ברעסט ליטאָווסק, האָט מען זיך דערוואוסט

אַז דאָס איז הילדא. זי איז געווען טויטלעך פאַרוואונדעט און באַוואוסטלאָז פאַר אַ לאַנגער צייט.

אויפן אָפּעראַציע־טיש האָט הילדא קוים אַרויסגערעדט:

— איך וואָלט געוואָלט לעבן, לעבן און זען דאָס פרייע רוסלאַנד. איך וואָלט געוואָלט זען ווי דער פּראָלעטאַריאַט וועט פירן די וועלט . . . אויך אַ פרייע נייע פרוי וויל איך דערלעבן צו זען . . . גיט מיר לעבן, לאָזט מיך ניט שטאַרבן! — האָט זי זיך געבעטן.

צווייטער קאַפּיטל

הילדע איז געלעגן אין אַנמאַכט און אין גרויסער היץ כמעט גאַנצע דריי טעג.

דער יונגער סאָלדאַט, וואָס האָט זי געראַטעוועט פון שלאַכטפעלד, איז געווען אַ דאָקטאר . . . ער איז די גאַנצע צייט פון דער מלחמה געווען אין פייער. צו זיין מזל איז ער קיין איין מאָל ניט פאַרוואונדעט געוואָרן.

זיין נאָמען איז געווען איוואַן פּעטראָוו. נאָך אין 1914 האָט ער באַלאַנגט צו דער סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי. ער האָט נישט לאַנג צוריק געהאַט געענדיקט אויף דאָקטאר . . . טאַקע גלייך האָט מען אים צוגענומען אַלס אַ מיליטערישן דאָקטאר.

איוואַן פּעטראָוו האָט געשטאַמט פון אַן אַלטן גראַפישן יחוס. ער האָט זיך זעלטן מיטן יחוס באַנוצט. קיין פאָטער האָט ער ניט געהאַט; זיין מוטער האָט פאַרמאָגט אַ גרויס שטיק לאַנד, וואָס האָט זיי געגעבן צו לעבן בהרחבה אין לוקסוס אַפילו.

געווען איז איוואַן אַ הויך־געוויקסיקער, מיט ווייסע האָר, וואָס האָבן פון וויטן געמאַכט דעם איינדרוק ווי ער וואָלט זיין אַ גרויער. דער פּנים ביי אים איז געווען פון אַ רויטלעכן קאָליר, די נאָז — אַ לענגלעכע, אַ סעמיטישע, מיט טיפע, גרויע פאַרטראַכטע אויגן. ער איז געווען אַלט אַ יאָר דרייסיק.

די מלחמה האָט זיינע אויגן געמאַכט נאָך פאַרטראַכטער. עס איז צוגעשטאַנען זייער גיך צו דער באַלשעוויסטישער מאַכט, מיטן גאַנצן אימפּעט, מיט דער גאַנצער נשמה.

איוואַן פּעטראָוו, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז ער האָט געראַטעוועט אַ פרוי, אַזאַ וואונדערבאַרע שיינע בתולה, איז זי שוין ביי אים פון זיין קאָפּ ניט אַרויס . . . עס האָט אים געצויגן זי צו זען . . . אַזאַ מיידל! . . . ביי אים אין מוח האָט זי געלעבט פאַר אים אין אַלע אירע שיינקייטן . . . ער האָט זיך דערמאָנט, ווי אַזוי ער האָט זי געטראָגן אויפן אַקסל, האָט ער דאַן אינסטינקטיוו געפילט אירע ווייכע, רונדע היפטן . . . און אירע בריסט, ווען זיי זיינען געלעגן אויף זיינע פּלייצעס . . .

פון איר בעט איז ער שוין מער ניט אָפּגעטראָטן, די גאַנצע דריי טעג, וואָס זי איז געווען באַוואוסטלאָז, האָט ער זי געהיט.

אויפן פערטן טאָג, ווען זי האָט אירע אויגן געעפנט און דער קריזיס איז געווען פאַראיבער, האָט ער געשיינט פון פרייד און גליק, ווייל ערשט איצט האָט זיך נאָך מער איר שיינקייט געוויזן. ער האָט געפילט, אַז ווען ער איז לעבן איר, איז ער גליקלעך . . . צופרידן . . .

איוואַן פּעטראָוו האָט שוין צום פראָנט מער ניט געוואָלט גיין; ער האָט שוין געוואָלט אָפּהיטן זיין חיות, כדי צו לעבן, צו זיין לעבן דער שיינער יפת־תואר

הילדאַן. ער האָט זיך געפּילט צו איר צוגעצויגן מיט אַזאַ ליבע, אַז עס האָט פאַר אים קיינער מער ניט עקסיסטירט, נאָר זי . . . ער האָט אַפילו די רעוואָ־לוציע און אויך די מלחמה פאַרגעסן . . . פּשוט ער איז געווען אויף אַ נייער וועלט. ער וויל לעבן . . .

ווען מע האָט אים געוואָלט שיקן צום פראָנט, האָט ער זיך אָנגעגעבן אַלס אַ נערוועזער אינוואַליד . . . . ער האָט געקראָגן אַרבעט אין שפּיטאָל . . . וואָס דאָס האָט געמיינט פאַר אים: ער איז אין פייער ניט געגאַנגען און איז כסדר געווען לעבן הילדאַן . . . דאָס הייסט אין שפּיטאָל געווען.

הילדא האָט שוין געוואוסט, אַז ער האָט זי געראַטעוועט, הגם ער האָט איר דאָס ניט געזאָגט. ער האָט אַפילו ניט אַרויסגעוויזן, אַז ער איז פאַראינטערעסירט אין איר . . . הגם מע האָט עס אַרויסגעזען, אי אין דעם אופן ווי אַזוי ער האָט מיט צערטלעכקייט איבערגעבונדן די באַנדאַזשן, אי ווי אַזוי ער איז געוואָרן אויפגעקאָכט ביי איר יעדן ריר, ביי אירע מינדסטע ליידן . . .

איינמאָל האָט ער געדאַרפט איר איבערבינדן איר וואונד אונטערן ברוסט און דערזען אירע שיינע רונדע, קיילעכדיקע בריסט.

ער האָט זיי פאַרדעקט און איז אַוועק, געגאַנגען כלומרשט עפּעס ברענגען. אין דער אמתן האָט ער געוואָלט זיין פייער אָפּקילן. זיין אָטעם האָט אים גע־שטיקט פון אַנטציקונג.

איוואַן פּעטראָוו האָט נאָך קיינמאָל ניט געליבט קיין פרוי, מיט קיין פרוי קיינמאָל ניט געהאַט צו טאָן . . .

הילדאַן האָט ער פּשוט פאַרגעטערט, ווי אַ מלאך, ווי אַ הייליקייט! . . . ער האָט קיין זאַך ניט געפּילט, נאָר זיין לעבן איר . . . קוקן אויף איר . . . אים האָט זיך געוואָלט אייביק זיצן ביי איר זייט און קוקן אויף איר . . . קוקן, קוקן און קוקן . . .

דערווייל זיינען אַוועק צוויי חדשים. ער האָט מיט איר אַ סך מאָל פאַר־בראַכט זייט זי איז געוואָרן פאַרוואונדעט. אין שפּיטאָל, האָט ער זיך נאָר גע־דרייט אַרום איר.

הילדא איז נאָך געווען זייער שוואַך און בלאַס. זי האָט געהאַט צוויי וואונדן, איינע אונטערן ברוסט און די צווייטע אין רעכטן היפּט. איר געפאַר איז געווען פאַריבער. זי האָט זיך שוין געקענט שטעלן אויף די פיס און אַפילו געקענט אַרומגיין אַ ביסל מיט אַ קוליע.

מיט דער באַלשעוויסטישער סברה איז זי באַקאַנט געווען און האָט געגנוג נאָכגעדענקט וועגן דעם. זי האָט אַלץ גיך פאַרנומען און ראַיעל אַנאַליזירט.

הילדא האָט אויך געגומען אַליין בילדן סברות. דורך די פילע וואָכן, וואָס זי איז געלעגן אין בעט, האָט זי געהאַלטן אין איין מוחן, אין איין פלעכטן גע־דאַנקען, ווי אַזוי שאַפט מען אַ וועלט פאַר אַלע מענטשן גלייך . . . אָן האַס, אָן פאַרפאַלגונג?

— איוואַן פּעטראָוו, — האָט זי אים איינמאָל אַ פרעג געטאָן, ווען ער איז געזעסן לעבן איר — צי איז עס מעגלעך, אַז אַמאָל וועט קומען אַ צייט, ווען אַלע מענטשן וועלן לעבן גליקלעך, אָן האַס פון מענטש צו מענטש? . . .

— וואָס דענקט איר? — האָט פּעטראָוו איר געפרעגט. אין האַרצן אים האָט זיך אַ זיסקייט צעגאָסן.

— איך טראַכט: ווי גוט וואָלט דאָס געווען ווען קיין עשירים און קיין

אביונים וואָלטן ניט געווען, און קיין האַס פון איין מענטש צום צווייטן וואָלט ניט עקסיסטירט! . . .

הילדא האָט אויך אָנגעפאַנגען בענקען נאָך איוואַנען. ווען ער פלעגט זיך אַ פּאָר טעג ניט ווייזן. זי האָט אייגנטלעך דאָס ניט אָנגענומען פאַר ליבע, נאָר אַ פאַרלאַנג מיט אים צו שמועסן. ווייל איוואַן פּעטראָוו איז געווען זייער באַלעזן און האָט זייער אַ סך געוואוסט מכוח סאָציאַלע, עקאָנאָמישע און וועלטלעכע פּראַגן.

איוואַן פּעטראָוו פלעגט זיך אַמאָל וועלן איינשפּאַרן, שלאָגן זיך מיט זיינע אייגענע געפילן וועגן זיין ליבע צו הילדאַן, אָבער אין די לעצטע עטלעכע טעג האָט ער געפילט, אַז ער מוז זיך איר דערקלערן . . . ער קען שוין מער ניט אויסהאַלטן; ער ווערט משוגע.

זיינע ליפּן האָבן זיך צו איר געצויגן, נאָר ער האָט קיין מוט ניט געהאַט. געוואוסט האָט ער, אַז זי איז אַ יידישע . . .

יאָ, זי האָט אים געגנוג אָנדערציילט וועגן די יידישע ליידן, וועגן יידישע צרות, און איינמאָל האָט זי שוין אים אויך געפרעגט: פאַרוואָס עס קומט אַזוי די יידן צו באַהאַנדלען? פאַרוואָס? . . .

— איז דער ייד גאָר ניט קיין מענטש? — האָט זי איינמאָל געפרעגט און צוגעגעבן: — ווען מע דאַרף דעם יידן, איז ער דער בעסטער! דער קלוגסטער! דער ניצליכסטער! און ווען מע דאַרף אים ניט, מאַכט מען אים פאַר אַ כפרה־הינדל! . . . פאַרוואָס? . . .

פון אָט די רייד האָט איוואַן פּעטראָוו פאַרשטאַנען, אַז זי האָט קיין בטחון ניט אין קיין קריסטן, אַז זי איז פאַרביסן קעגן אַלע ניט־יידן . . . איר האַרץ איז פאַרביטערט, האָט ער געטראַכט.

ווי קען איך איר מיין האַרץ עפענען? זי קען דאָך מיר נאָך אָפּזאָגן אויך. און, וואָס נאָך ערגער איז: איך וועל זי נאָך אינגאַנצן פאַרלירן. דער געדאַנק האָט אים געשראָקן.

שטונדן לאַנג פלעגט ער אַרומגיין פאַרמוחט: וואָס טוט מען? מיט וועמען האַלט מען זיך אָן עצה?

ניטאָ קיין מזל, פלעגט ער טראַכטן. איך האָב קיינמאָל קיין גליק ניט געהאַט. דעם גוטן, דעם בעסערן מענטשן, שטראָפט דער שיקזאַל, אָבער ניט דעם ברוט, דעם אויסוואורף . . . נו, אָט האָב איך זיך פאַרליבט, דאַרף עס זיין אין אַ יידישער, און אין אַזאַ, וואָס איר האָט דאָס לעבן ניט באַהאַנדלט אַזוי מענטשלעך . . . פון אַזאַ קען מען דאָך ניט דערוואַרטן, אַז זי זאָל ליב האָבן דעם פּויסט, וועלכער האָט זי געשלאָגן . . . איך האָב אַלעמאָל ליב געהאַט זיך צו חברן מיט יידן . . . זיי זיינען פאַרט בעסער ווי די ניט־יידן . . . עפּעס איז אין דעם יידן מער טוב, ווי אין אונדז, קריסטן . . .

ער האָט זיך דערמאָנט, ווי אין אוניווערסיטעט זיינען נאָר די יידישע סטודענטן געווען זייער פיינע . . . די אַנדערע, די גויים, זיינען געווען שיכורים, אויסוואורפן, קאָרטן־שפּילער . . . אויך אויף אים, אויף איוואַנען, האָט מען דאַן געשריגן: „זשידי!" . . . ווייל ער טרינקט ניט, טרייבט ניט קיין אויסגעלאַסנקייט, און האַלט זיך ווייט פון זיי.

אַ גאַנצע וואָך איז אַוועק, איוואַן פּעטראָוו האָט ניט באַזוכט הילדאַן. זי

האָט געפילט אַזאַ בענקשאַפט נאָך אים . . . אַזאַ בענקשאַפט צו אַ מענטשן, וואָס נאָר מען איז פאַרליבט אין אים . . .

הילדא האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם געפיל. מער נאָך: זי האָט געפילט, אַז זי קען אים אויך ניט פאַרגעסן . . . זי האָט פּרובירט לייענען ביכער, אפשר וועט עס שטיל מאַכן איר בענקשאַפט צו אים און זי וועט ניט בענקען נאָך אים. אָבער עס איז ניט געווען אַזוי . . . ניין! די ביכער האָבן נאָך מער פאַרשאַרפט די בענקשאַפט צו אים. זי האָט גענומען טראַכטן פאַרוואָס ער ווייזט זיך ניט? וואָס קען דאָס באַטייטן? וואָס קען דאָס זיין?

אפשר האָט מיט אים געטראָפן אַן אומגליק? אָדער מען האָט אים, אפשר, געשיקט אין מלחמה? . . . עס האָט איר אַ צופּ געטאָן אין האַרצן פאַר שרעק.

די לעצטע פראַגע צו זיך אַליין איז געווען די ערגסטע. זי האָט דערפילט אַ מורא: טאָמער האָט מען אים טאַקע געשיקט צום פראָנט, וואוהין ער האָט אַליין קיין ווילן ניט געהאַט צו גיין.

איוואַן פּעטראָוו האָט שוין מער ניט געקענט אויסהאַלטן. ער האָט באַשלאָסן זיך איר צו דערקלערן, און אויב זי וועט אים אַנטזאָגן, ווייל ער איז ניט קיין ייד, וועט ער אָננעמען די יידישע אמונה . . . אַזוי איז ער אין איר געווען פאַר־ליבט, פּשוט פאַרקאַכט.

ער האָט קיין סך ניט געטראַכט, זיך אָנגעטאָן, אויסגעפּוצט זיך, אַוועק צו הילדאן. זיינע פיס האָבן זיך געטראָגן גרינג און מיט האָפענונג. אַלץ האָט גע־בליט און געשיינט . . . אַלע מענטשן האָבן אים אויסגעקוקט ליבלעך און גוט. די זון האָט פאַר אים געשיינט און געוואַרעמט זיין האַרץ און נשמה.

הילדא איז געזעסן אין סאָד פון שפּיטאָל. דאָס איז געווען ניט קיין שטענ־דיקער שפּיטאָל, נאָר אַ מלחמה־שפּיטאָל: —

אַ גרויסער פּאַלאַץ פון אַ רייכן פּאָמיעשטשיק, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן קאָנפיסקירט, געמאַכט פאַר אַ שפּיטאָל פאַר קראַנקע און פאַרוואונדעטע זעלנער.

הילדא איז געזעסן אין אָט דעם שפּיטאָל־סאָד, געלייענט גאָרקיס „די מוטער" און געמוחט בשעת מעשה מער פון פּעטראָוון ווי פון דעם בוך, ווען איוואַן האָט זיך פּלוצים באַוויזן פון דער ווייטן, האָט זי זיך אַזש איינגעקאָר־טשעט . . . פון שרעק און פרייד . . .

איר האַרץ האָט גענומען קלאַפּן . . . זי האָט זיך כלומרשט געמאַכט ווי זי זעט אים ניט, ווי זי איז זייער פאַרטיפט אין בוך. אָבער אירע געדאַנקען האָבן געהאַט אויגן . . .

איוואַן האָט זיך לעבן איר אָפּגעשטעלט:

— „זדראַווסטוואויטיע", הילדאַ! — האָט ער געזאָגט הויך . . .

הילדא האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, ווי זי וואָלט אים אָקאָרשט נאָר דערזען:

— אַ, „זדראַווסטוואויטע", חבר איוואַן — און האָט אים דערלאַנגט איר האַנט. — וואָס זעט מען אייך ניט? . . . איך האָב שוין געמיינט, אַז מע האָט אייך אָפּגעשיקט צום פראָנט . . . עס האָט מיך געשראָקן, — האָט זי געזאָגט און אים געקוקט אין זיינע אויגן.

— שוין צופיל פּולווער געשמעקט, מער וויל איך ניט! . . . כ'קען ניט מער! . . . איר פאַרשטייט? — ער האָט געזאָגט אין דער גיך.

— עס פרייט מיך, וואָס איר זייט געקומען, — האָט זי ווייך געזאָגט. — איך האָב נעכטן אַזאַ וואונדערבאַרן חלום געהאַט . . . איך געדענק יעדע זאַך ווי

אויפן וואַר . . . ווי איך וואָלט עס ווירקלעך איבערגעלעבט. איר וועט מיר ניט גלויבן, זאָג איך אייך.

— וואָס האָט עס צו טאָן מיט מיר? — האָט איוואַן געפרעגט. — איך וואָלט זיך דערפרייט, חברטע הילדא, ווען איר דערפרייט זיך מיט מיר אַליין, און ניט צוליב אייער חלום . . . — און האָט ליב געקוקט אויף איר און געשמייכלט.

זי האָט אויף אים אַ קוק געטאָן, און מיט אַ שמייכל געענטפערט:

— אפשר מיט אייך אויך, דאָקטאָר? מיט אייך אויך, דאָקטאָר! . . . — און פאַרהויבן די אויגן צום הימל.

דאָס האָט אים פאַררויטלט, און אויך אַ ביסל דרייסטער געמאַכט.

ער האָט זיך אָפגערופן:

— איר האָט מיך ערשט גערופן „חבר" און שוין געביטן אויף „דאָקטאָר". גאָר אַזוי נאָענט, און פּלוצלונג אַזוי ווייט? . . . — האַלב בייזלעך געקוקט אויף איר.

— אייך געפעלט בעסער „חבר"? גוט! . . . מיר געפעלט עס אויך בעסער!

— האָט זי געענטפערט. — זעצט זיך צו, חבר פעטראָוו.

ער האָט זיך געזעצט אויף דער באַנק לעבן איר.

„ווי שיין, ווי קלוג זי איז", האָט ער געטראַכט, „ווי גליקלעך אַ מאַן קען זיין מיט איר! מיט אַזאַ מענטש קען מען דאָך פאַרברענגען און געניסן גליק.

— זאָגט מיר, האָט הילדא זיך אָפגערופן — פאַרוואָס האָט מען אייך אַזוי לאַנג ניט געזען, חבר איוואַן פעטראָוו? . . . — און האָט אים געקוקט ווייך אין די אויגן מיט אַ דינעם שמייכל.

— אָט אַזוי, געווען פאַרנומען! . . . אַזוי פיל פאַרוואונדעטע, — האָט ער געזאָגט אַ ביסל אונטער דער נאָז. געוואָלט האָט זיך אים אויסשרייען: איר, איר אַליין זיינט די אורזאַך! . . . איבער דיר גיי איך אָן אַ זין! דו צאַרטע, ליבלעכע מיידל.

— עפּעס קוקט איר מיר אויס אַזוי מאָגער . . . איר מוזט צופיל אַרבעטן, חבר פעטראָוו. אָ, איר מוזט אַרבעטן שווער?

— רופט מיך בעסער איוואַן . . . איוואַן . . . איוואַן אַליין! . . . — האָט ער אין זיך אַליין געבייזערט, אַזוי ווי ער וואָלט בייז געווען, אָדער קאַפּריזנע.

— וואָס איז מיט אייך? — האָט אים הילדא געפרעגט. — צי זייט איר ניט ברוגז אויף מיר? . . . איר זייט אַזוי בייז, חבר איוואַן! . . .

— אָ, ניין! וואָס פעלט אייך איין? — האָט ער זיך געכאַפּט אַ ביסל ווייכער, האַלב געשמייכלט. — די אָנשטרענגונג מאַכט מיך צייטנווייז פילן אַזוי נערוועז . . . לאָזט מיך טאַקע הערן וואָס אייך האָט זיך געחלומט: — אויב ס'איז טאַקע אַזוי אינטערעסאַנט, ווי איר זאָגט . . . טאָ דערציילט, דערציילט!

— אָ, חבר איוואַן, כ'מיין איוואַן . . . שיער פאַרכאַפּט זיך . . . אַ וואונדערבאַרער חלום! . . . עס וועט דאַרפן נעמען אַ טאָג אַלץ אויסצודערציילן. אָבער איך זאָג אייך, אַז דאָס איז וואונדערבאַר! . . . און ווייסט איר נאָך וואָס? איך האָב באַשלאָסן דאָס צו באַשרייבן. אָבער איר מוזט מיר צוזאָגן אַלץ אויסצוהערן, אַלא ניט, וויל איך גאָר ניט אָנפאַנגען . . . אָפּגעמאַכט?! . . . גייט איר איין אויף דעם?

אויב איר וועט מיר צוזאָגן, אויך מיך וואָס אויסצוהערן, וועל איך אויס־

הערן וואָס איר האָט מיר צו דערציילן? . . . אָפּגעמאַכט?! . . . גייט איר איין אויף דעם? ווי איר זאָגט!

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן, — האָט זי געענטפערט צופרידן, גאָר ניט איבערטראַכטנדיק. אָט אַזוי האָט זי מיט איר זילבערנער שטימע אויסגעזונגען.

זיי האָבן זיך געזעגנט אײנע אַנטקעגן די אַנדערע.

איוואַן האָט אַרויסגענומען זיין זייגער און אַ זאָג געטאָן: — נאָך צוויי שעה האָב איך, און איך וועל אייך אויסהערן די גאַנצע צוויי שעה, און אַזוי ווי איר זאָגט, אַז עס דאַרף אייך נעמען אַ גאַנצן טאָג, וועל איך אייך יעדן טאָג קומען הערן צוויי שעה, צופרידן? — אים האָט אַזוי געצויגן זי אַרומצונעמען, זי צוצודריקן צו זיך.

— צופרידן, — האָט זי געענטפערט מיט אַ שמייכל — זאָל זיין אַזוי! זאָל זיין ווי איר ווילט!

איוואַן האָט פאַררויכערט, טיף פאַרצויגן און געבלאָזן דעם רויך דורך דער נאָז . . . אים איז געווען אַזוי גרינג, אַזוי גוט אויפן האַרצן. ער וואָלט די וועלט אַרומגענומען און געקושט.

הילדא האָט זיך געזעצט, זיך געמאַכט באַקוועם, און אָנגעפאַנגען דערציילן איר חלום.

— צוריק מיט אַ וואָך, ווען איר האָט מיר געבראַכט די „פּראַוודאַ“, האָב איך באַמערקט אַ נאָטיץ, אין וועלכער עס האָט זיך דערציילט, אַז אַ פּרויעקט־אָפּטיילונג זיינען געוואָרן מאַטראָסן אויף דער קריגס־שיף „לענין“. איך האָב געלייענט די נאָטיץ און עס האָט מיך געקרענקט פאַרוואָס איך קען דאָרטן ניט זיין . . .

יענע נאַכט האָב איך ניט געקענט איינשלאָפן, בין געלעגן וואַך, ביזן גרויען מאָרגן אַריין. ערשט דאַן בין איך איינגעשלאָפן, און דאַן איז געקומען דער וואונדערלעכער חלום צו מיר.

ד ר י ט ע ר   ק א פּ י ט ל

שוין — — .

אויף דער גרויסער שיף „לענין“ בין איך אויך געווען . . . האָב געטראָגן מאַטראָסן־קליידער מיט אַ רויטן באַנד אויפן אָרעם און אַ בראָנזן שטערן אויפן מיץ . . .

מיר זיינען געווען אַרום 15 הונדערט מענטשן, ביי צוויי הונדערט און פופציק פרויען.

זייענדיק אין מיטן ים האָבן מיר מיט אַמאָל דערזען אַ דייטשן סקוואַדראָן טאָרפּידאָ־שיפן. עס איז פאָרגעקומען אַ ביטערע שלאַכט! . . . מיר האָבן פאַרלוירן ביי אַ הונדערט מענטשן געהרגעטע און פאַרוואונדעטע דורך די דייטשע קוילן. אָבער אין דער פינצטערער נאַכט האָבן מיר זיך געראַטעוועט. מיר האָבן אָבער ניט געוואוסט וואו מיר זיינען ערגעץ . . . דער קאַפּיטאַן איז צעטומלט געווען.

אַרום דריי אַזייגער ביינאַכט, האָט דער קאַפּיטאַן אונדז געהייסן זיך לייגן אָפּרוען . . . אַלע זיינען געפאַלן ווי קלעצער, געפאַלן שלאָפן ווי דערהרגעטע . . . איך בין געווען די העלפערין פון קאַפּיטאַן, בין איך געבליבן וואַך! הגם אָן אויסגעמאַטערטע, קוים געשטאַנען אויף די פיס.

די נאַכט איז געווען זייער אַ פינצטערע, קיין שטערן אויפן הימל איז ניט געווען צו געפינען. אַ שווערער טומאַן האָט זיך אַרום אונדז געטראָגן, כאַטש טאַפּ אים מיט די הענט.

דער קאַפּיטאַן האָט מורא געהאַט, מיר זאָלן ניט אַרויפפאָרן אויף אַ פעלז. אָבער אָפּשטעלן זיך האָבן מיר אויך ניט געטאָרט . . . מיר זיינען געשוואומען. דער קאַפּיטאַן האָט אונדז געוויזן אַז מיר גייען נאָרד. אַ קאַלטער ווינט האָט גענומען בלאָזן און דער קאַפּיטאַן האָט געהייסן פאַראַנקערן די שיף.

איך בין געשטאַנען מיטן קאַפּיטאַן, גערעדט מיט אים פון אונדזער לאַגע, ווייל מיר האָבן ניט געוואוסט וואו מיר זיינען . . .

די טויטע האָבן מיר געהאַט אַראָפּגעלאָזן אין ים, די פאַרוואונדעטע האָבן מיר געהאַלטן אין שפּיטאָל פון שיף . . . צי האָבן מיר מיט אונדזערע קוילן עפּעס שאַדן געטאָן די דייטשן — ווייס איך ניט. נאָר דער קאַפּיטאַן האָט גע־גלויבט, אַז מיר האָבן געזונקען צוויי דייטשע טאָרפּידאָ־שיפן . . . יאָ, אַזוי האָט ער געדענקט.

שטייענדיק אַזוי פאַראַנקערט ביי אַ שעה, האָבן מיר פּלוצלינג דערהערט אַ געוואַלדיקן טומל אין ים. די שיף האָט זיך גענומען וואַרפן און דרייען ווי אַ שפּענדל, ממש ווי אַ קליין שיפעלע.

דער קאַפּיטאַן איז געווען זייער דערפאַרן אין אַזעלכע פאַלן. ער האָט מיט שרעק אויסגעשריגן:

— דאָס איז אַן ערדציטערניש, ניט ווייט פון דאַנען . . .

און ווי נאָר ער האָט געענדיקט די ווערטער, האָט זיך די שיף אַ הויב געטאָן און זיך אויסגעבויגן אויף אַ זייט. געבליבן ליגן אויף אַ זייט, און ניט פון אָרט.

עס איז געוואָרן אַ געטומל, מע איז אַרויסגעפאַלן פון די בעטן, די פרויען האָבן געקוויטשעט . . . דער קאַפּיטאַן איז אויך אומגעפאַלן. איך האָב זיך אָנ־געכאַפּט אָן אַ צעבראָכענעם פענצטער און געבליבן הענגען אין דער לופטן, ביז איך האָב זיך באַפרייט.

איך האָב זיך אָבער ניט פאַרלוירן — הגם ניט רואיק. דאָך בין איך רואיקער געווען פון די אַנדערע פרויען.

— אויב די שיף זינקט, זאָל זי זינקען . . . — האָב איך געטראַכט — מע קען זיך ניט העלפן.

איך האָב געהאַט אָנגעטאָן דעם רעטונגס־גאַרטל אַרום זיך און געוואַרט . . . געוואַרט . . . דער חושך איז געווען שרעקלעך פון דרויסן, מע האָט פּשוט גאָר־ניט געקענט זען.

דער קאַפּיטאַן איז געקומען צו זיך:

— וואָס קומט דאָ פאָר? — האָט ער מיך געפרעגט.

— איך ווייס ניט, — האָב איך געענטפערט.

— לאָזט גיין די שיף! — האָט ער באַפוילן.

איינער פון די אָפיצערן איז אַריינגעלאָפן מיט שרעק:

— מיר זיינען אַרויף אויף אַ פעלז . . . — האָט ער געמאָלדן.

— — — — — — — — — — —

די נאַכט איז אַוועק אין כאַאָס און אין שרעק . . .

אין דער פרי האָבן מיר דערזען די שיף ליגן אויף אַ זאַמדיקן גרונט, האַלב אויף אַ זייט . . .

— דאָס איז ניט קיין פעלז, — האָט געזאָגט דער קאַפּיטאַן, ווען ער איז

אַרויס פון דער שיף אין דער פרי און האָט געזען דעם גרונט — דאָס איז אַ וואַלקאַנאָ.

אויף מײלן װײט, מיטן אויג ניט צו דערגרייכן, איז געלעגן אויסגעשפּרייט דער זאַמדיקער גרונט און אויף אים זײנען געלעגן אָן אַ שיעור פיש פון אַלע מינים, אויך שאַרקס און װאַל־פישן. זיי זײנען נאָך געװען לעבעדיק, ווייל זיי האָבן זיך געוואָרפן און אײנע די אַנדערע געשלונגען און געפרעסן . . .

— דאָס איז אַ וואַלקאַן אין ים, — האָט דער קאַפּיטאַן געזאָגט — און מיר זײנען אָפּגעשניטן פון דער וועלט . . . — אַ שרעק איז אַדורך אונדז אַלעמען.

די שיף אונדזערע איז געוועז אויף מײלן ווייט פון וואַסער, טיף אײנגעזונקען אין דעם ווייכן זאַמדיקן באָדן.

דער קאַפּיטאַן האָט אונדז דערקלערט וואָס דאָ איז פאַרגעקומען. עס האָט אונדז אַלעמען געשווינדערט. — מיר זײנען פאַרלאָרענע; מיר וועלן דאָ אומקומען, — האָבן מיר געזאָגט.

די מאַשינען פון שיף זײנען קאַליע געוואָרן און צעבראָכן. די שווערע קאַנאָנען האָבן די שיף נאָך טיפער געזונקען. דער קאַפּיטאַן האָט באַפוילן אַלץ וואָס קען אויפגעריסן ווערן אַראָפּצונעמען פון שיף.

טויזנטער קוילן, באָמבעס און פולווער און אַנדערע געפערליכע אויפרייסונגס־מאַטעריאַלן האָט מען אַרונטערגענומען אין אַ פאַרזיכערטן אָרט, זיי פאַרטראָגן ווייט פון שיף.

מיר האָבן אַלע געאַרבעט פלייסיק. עס האָט געהערשט אַ דיסציפּלין. דער קאַפּיטאַן איז געוועז קלוג און אויסגערעכנט און האָט געפירט ווי אַ פירער.

ווען די געפאַר איז שוין געווען פאַראיבער; ווען מיר האָבן אַראָפּגענומען די באָמבעס, די קוילן, האָט דער קאַפּיטאַן אונדז געהייסן קלייבן קאָמיסאַרן, ווייל מיר מוזן פירן אונדזער וועלטל פאַר זיך אַליין — דאָ איז אונדזער וועלט.

— מיר זײנען אָפּגעשניטן פון דער וועלט, — האָט ער געזאָגט — מיר ווייסן אַפילו ניט וואָס מיט דער וועלט האָט געטראָפן, נאָך אַזאַ געשעעניש? . . .

יעדע 50 מענטשן האָבן געהאַט זייער קאָמיסאַר. יעדער פון די 50 מענטשן האָט געשטימט.

די צווייטע וויכטיקע פראַגע, וואָס איז אונדז פאַרגעשטאַנען, האָט געהאַט צו טאָן מיט דער אומגעהייערער צאָל פיש און פישלעך, וואָס זײנען געלעגן אין די מיליאָנען אויפן אינזל. עס איז באַשלאָסן געוואָרן זיי אויסצוטריקענען, ווייל דאָס וועט זיין אונדזער הויפּט־נאַרונג, ביז מיר׳ן געפינען אַ וועג פאַר אַנדערע שפּייז אויף צו דערנערן זיך . . .

די זון האָט געברענט ווי מיט פייער. אונדזערע 14 הונדערט מענטשן האָבן געאַרבעט פלייסיק. די דגים זײנען געלעגן אויסגעשפּרייט אויף מײלן ווייט אין רייעס, גרויסע צו גרויסע, קלײנע צו קלײנע, און די זון האָט זיי געטריקנט.

אויף דער שיף האָבן מיר געהאַט אַ גרויסן זאַפּאַס פון מעל, סוכאַרעס און וואַסער, וואָס וואָלט געקלעקט פאַר אונדזער מאַנשאַפט אויף דריי־פיר חדשים.

דער קאַפּיטאַן האָט דעריבער באַפוילן צו זיין זייער שפּאָרזאַם, איבערהויפּט מיט דעם וואַסער, און מיר האָבן דאָס וואַסער גענוצט נאָר צו טרינקען אַליין, און דאָס אויך זייער קאַרגלעך, זייער ווייניק.

ביי טאָג האָט די זון זייער געברענט און ביי נאַכט איז געווען אַ ביטערע קעלט.

דער קאַפּיטאַן האָט אונדז געזאָגט, אַז מיר זײנען צפון צו דרום, ווי עס

ווייזט אָן דער קאָמפּאַס. די שטערן זיינען געווען אַזוינע גרויסע, ווי קליינע לבנות.

מיר האָבן אויסגעקליבן קאָמיסאַרן אויף דריי חדשים. די אַרבעט האָט זיך אָנגעפאַנגען. מיר האָבן זיך ניט שטאַרק גדאגהט, וואָס מיר זיינען אָפּגעשניטן פון דער וועלט. ערגער ווי אין מלחמה קען דאָך ניט זיין! . . . אַזוי האָבן מיר געטראַכט.

דערווייל האָבן מיר געלעבט אויף דער שיף. די שיף איז ווירקלעך געווען אונדזער פעסטונג, כאָטש זי איז געווען האַלב אויף אַ זייט אויסגעבויגן, אָבער מיר האָבן זיך אין איר געפילט גאַנץ גוט און בהרחבההדיק.

דער קאַפּיטאַן איז געווען דער איינציקער מאַן, וואָס האָט באַקומען די מאַכט, צו זיין דער הויפּט־פירער, און אַלע האָבן אים גערן געפאָלגט, ווי אין מלחמה . . .

מע האָט אַרויסגעשיקט פיר עקספּעדיציעס מיט מעסט־געצייג, וואָס מיר האָבן געהאַט מיט זיך אויף דער שיף, כדי אויסצוגעפינען ווי גרויס עס איז דאָס לאַנד פון דער נייער ערד, וואו מיר זיינען, וואו מיר דאַרפן דערווייל לעבן . . .

פאַר דער צייט איז דאָס זאַמד אויסגעטריקנט געוואָרן. וואו ניט וואו האָט זיך געצויגן אַ קליינער טייך. פון וואַנען די טייכן האָבן זיך גענומען און וואוהין זיי ציען זיך האָט מען דערווייל ניט געוואוסט. אָבער דאָס וואַסער איז געווען געזאַלצן און זייער געדיכט פון די פיש, און ס׳האָט געשמעקט מיט זאַלץ און ים...

עס האָבן גענומען שפּראָצן גרעזלעך, נייע, פרישע, ניט די וואַסער־גראָזן וואָס זיינען פון אָנפאַנג אויך געווען. דאָס איז געווען אינעם ערשטן טאָג, וואָס די עקספּעדיציע האָט מיטגעבראַכט, אַז דאָ קען וואַקסן — די ערד איז פול מיט זאַפט.

עס איז ניט אַוועק קיין איין טאָג מיר זאָלן עפּעס ניט אויפטאָן קיין נייעס. מיר האָבן אויך גענומען בויען הייזער פונעם האָלץ וואָס מיר האָבן געהאַט אויף דער שיף. געצייג האָבן מיר אויך געהאַט. האָבן מיר דעריבער אויסגענוצט יעדע זאַך פון דער שיף; אַלץ וואָס אויף דער שיף האָט גענוצט צו עפּעס. מיר האָבן געפּאַרשט און געבויט.

דערווייל זיינען אַוועק אַרום צוויי חדשים. די עקספּעדיציע האָט נאָך קיין וויכטיקעס ניט געבראַכט, ווייל וואו זיי זיינען נאָר געגאַנגען האָבן זיי בלויז געזען איינס און דאָס זעלבע: טיפע קאַנאַלן אָדער טייכן און בערג; קיין טאָלן האָט מען ניט געזען, ווייל יעדער טאָל איז געווען אַ טייכל אָדער אַ קאַנאַל.

ערשט צום סוף פון חודש, האָט די עקספּעדיציע אונדז געבראַכט צוויי וויכטיקע אַנטדעקונגען: די ערשטע — זיי האָבן דערגרייכט דעם ים און, די צווייטע — אַז זיי האָבן געפונען אַ וואַלד מיט אַזוינע מאָדנעביימער, פאַר־צוויגטע, דיקע, קורצע. די נייעס האָט אונדז ממש דערפרייט.

די דאָזיקע צוויי אַנטדעקונקען האָבן אונדז געגעבן ניי לעבן און פרישן מוט: עס הייסט, מיר האָבן אַ האָפן! און אפשר אַ וואַלד מיט האָלץ און אַנדערע זאַכן?...

פון אונדזער שיף ביזן ים איז געווען ביי אַ צוויי הונדערט וויאָרסט צו מזרח־זייט, און דער וואַלד — נײַנציק וויאָרסט דרום־זייט.

די שיף האָט פאַרמאָגט אַרום 24 רעטונגס־שיפלעך, און ווי דער קאַפּיטאַן האָט זיך אויסגעדריקט, וועלן אָט די שיפלעך זיין אונדזער קאָמערץ־פלאָט, און אפשר אונדזער קריגס־פלאָט אויך.

מיר האָבן געזוכט אַ וואַסער, וואו די שיפלעך אַראָפּצולאָזן, זיי זאָלן ניט

צעטריקנט ווערן, אָבער דאָס נאָענטסטע טייכל איז געווען ביי אַ צען וויאָרסט פון אונדז. מיט שווערער מי און אַ שווערן טאָג אַרבעט, איז אונדז געלונגען צו ברענגען די שיפלעך צום וואַסער.

דאַן איז אָנשטאַנען אַ גרויסע זאָרג מכוח וואַסער צום טרינקען. דאָס וואַסער האָט גענומען אויסגיין און קיין רעגן איז פאַר דער גאַנצער צייט ניט געגאַנגען. לויט דעם קאַפּיטאַנס אויסרעכענונג, וועט דאָס וואַסער, וואָס מיר האָבן נאָך פאַרמאָגט, גענוג זיין אויף אַ זעקס־אַכט וואָכן . . . און גראָד האָט זיך געוואָלט אַ סך טרינקען, ווייל מיר האָבן כסדר געגעסן פיש. די סוכאַרעס האָבן מיר באַהאַלטן אויף שפּעטער, אויף יום־טובדיקע טעג.

געוויס וואָלט אַ רעגן אַ סך געהאָלפן אין דעם זינען, אָבער דאָס, וואָס עס האָט ניט גערעגנט, האָט אויך געבראַכט אַ צופרידנקייט דעם קאַפּיטאַן:

— דערווייל טרוקנט זיך די ערד, — האָט ער געזאָגט — און דאָס וועט אונדז געבן אַ געלעגנהייט גרינגער צו בויען און צו גיין אויף האַרטער ערד . . . אויף אַ שטייפן גרונט.

פערטער קאַפּיטל

אויף אַ פאַרזאַמלונג פון די קאָמיסאַרן איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מיר זאָלן בויען שטעטלעך, וואָס זאָלן זיך ציען ביזן ברעג פון ים, איינע נאָך די אַנדערע.

אין יעדן שטעטל זאָלן וואוינען מענטשן, און מיט דער הילף פון די שיפלעך איז אונדז ניט געווען שווער צו דערגרייכן ביזן ים.

עס האָט אָנגעהויבן ווערן קעלטער; די זון האָט שוין ניט אַזוי געוואַרעמט. די טעג זיינען געוואָרן קירצער. די זון פלעגט אַרונטער ווי אַ צעגאָסענער פייער אין אַ סך פאַרבן.

— מיר וועלן ניט האָבן קיין ווינטער, — איז געווען דעם קאַפּיטאַנס דערקלערונג — ווייל די ערד אַליין איז פול מיט היץ און שלאָגט שטענדיקע וואַרעמקייט. די ערד וועט ניט פרירן . . . הגם ס'וועט זיין קאַלט.

מיר זיינען אַרומגעגאַנגען אין איין שרעק וואָס דאָס וואַסער גייט ביי אונדז אויס. דער קאַפּיטאַן האָט געוואוסט, אַז מיר וועלן נאָר האָבן וואַסער אויף אַ וואָך אָדער צוויי; וואָס דערנאָך וועט זיין, האָבן מיר ניט געוואוסט. דאָס וואַסער האָבן מיר בלויז גענוצט פאַר טרינקען, און נאָר טראָפּנס . . . צו ביסעלעך, צו עטלעכע זופּן.

עס זיינען דערווייל אַוועק זעקס חדשים. מיר האָבן זיך שוין באַזעצט ביזן ים. די שיף איז שוין געווען כמעט צענומען אויף שטיקלעך, — די בעטן, די דילן, די טירן, דאָס האָלץ און אייזן, קופּער, מעש און בליי.

יעדע קאָלאָניע האָט געקראָגן אַ גלייכן טייל פון יעדער זאַך, וואָס מיר האָבן געהאַט אויף דער שיף . . . אַפילו פּרויען האָט מען צעטיילט אין גלייכע חלקים פאַר יעדער קאָלאָניע . . .

אַ קאָלאָניע האָט פאַרמאָגט 50 מענטשן, זיינען צווישן זיי געווען 10 פּרויען.

די קאָמיסאַרן האָבן שוין אָכטונג געגעבן, אַז אַלץ זאָל צוגיין ערלעך און יעדע זאַך זאָל געשאַנעוועט ווערן. מע האָט געלעבט אין קאָמונע.

מיר האָבן געמוזט היטן די קליידער, ווייל קיין אַנדערע, האָבן מיר געוואוסט, וועלן מיר אַזוי גיך ניט האָבן . . . זיינען מיר פיל מאָל געגאַנגען באָרוועס, כדי אָפּצוהיטן די שיך; אַפילו די קליידער האָבן מיר דורכן טאָג ווייניק געטראָגן.

איין זאַך האָט אונדז ניט געפעלט — געווער, וואָס מיר האָבן עס ניט געדאַרפט. אָבער מיר האָבן עס געמוזט היטן, אויפן פאַרלאַנג פון קאַפּיטאַן.

דערווייל האָט שוין אין איין קאָלאָניע אויסגעפעלט וואַסער. די דאָזיקע בשורה האָט אונדז צערודערט. אַ סך האָבן אָנגעפאַנגען טרינקען ים־וואַסער. אָבער וואָס מער זיי האָבן דאָס דאָזיקע וואַסער געטרונקען, אַלץ מער דורשטיק זיינען זיי געוואָרן. עס האָט שוין פּאַסירט, אַז אין איין קאָלאָניע זיינען צוויי מענטשן געשטאָרבן פון אַ דרייעניש אין בויך, וואָס איז זיי געקומען פון דעם ים־וואַסער.

עס זיינען אָנגעקומען ידיעות פון אַ סך קאָלאָניעס, אַז די קראַנקהייט פון ים־וואַסער, וואָס מע טרינקט, פאַרשפּרייט זיך אין דער פאָרם פון אַ מגפה. עס האָט געדראָט מיר זאָלן אַלע אונטערגיין פון דער כאָליערע.

צוויי וואָכן זיינען דערווייל אַוועק ווי מיר האָבן קיין וואַסער ניט געהאַט און מיר האָבן געמוזט טרינקען דאָס שפּלדיקע, געזאַלצענע וואַסער.

דער דאָקטאָר, וועלכער איז שוין געווען אַן עלטערער מאַן, האָט געהאַט דערפון מער אויסצושטיין. אויף אים האָט עס מער געווירקט ווי אויף אונדז אַלעמען. ער האָט זיך געלייגט אין בעט און געהאַלטן אין איין טענהן, אַז דער שרעקלעכסטער טויט איז צו שטאַרבן פון דורשט . . . ער איז געוואָרן בלאַס אַן אויסגעצערט, הוילע ביינער.

אַלצדינג איז געווען געזאַלצן, אַפילו דער וואַלד, מיט די ביימער, איז געווען געזאַלצן; אַזוי אויך יעדעס גרעזל אָדער בלימל . . .

דער איינציקער וואָס איז שטאַרק געווען האָט זיך אויך אַוועקגעלייגט. דאָס איז געווען דער קאַפּיטאַן, אָט דער וואָס האָט אַלעמען געגעבן מוט. ער האָט שוין אויך ניט געקענט אויסהאַלטן; ער איז איינגעפאַלן.

דער פאַרלוסט, פאַר די צוויי וואָכן, אין אונדזער קאָלאָניע איז געווען פון 12 מענטשן, 10 מענער און 2 פרויען; דאָס הייסט פון דער וואַסער־כאָליערע, פון בויך־דרייעניש.

די עצה פון דאָקטאָר איז געווען אַז מיר זאָלן זיך אַלע אויסשיסן — צוליב וואָס די מאַטערניש? מיר וועלן אויסגיין פון דורשט אָדער פון דער וואַסער־כאָליערע! . . .

— און אַז מיר לעבן נאָך אַ טאָג, אָדער אַ וואָך, וועט דען די ישועה קומען?

איך מיטן קאַפּיטאַן האָבן ניט איינגעשטימט מיטן דאָקטאָר, הגם איך האָב זיך קוים געשלעפּט אויף מיינע פיס. איך האָב זיך אָבער ניט געוואָלט אונטער־געבן. ביי מיר אין האַלדז האָט געברענט און געשטיקט. איך האָב גערעדט מיט אַ כאָרכל, מיט אַ כריפּ.

די טויטע האָבן מיר באַגראָבן עטלעכע אין איין קבר, ווייל עס איז געווען שווער צו גראָבן קליינע קברים אין זאַמדיקער ערד; עס פלעגט זיך פאַרשיטן פון זיך אַליין.

דער דאָקטאָר האָט געפילט, אַז אָט גייט ער שוין אויס. ער האָט זיך געבעטן מע זאָל אים דערשיסן, מע זאָל אים דערהרגענען.

מיטאַמאָל לויפט אַריין צו אונדז איינער מיט אַ פרייד־געשריי:

— חברים, — האָט ער געשריגן — עס וועט באַלד רעגענען! דער הימל איז פול מיט וואָלקנס! . . . שוואַרצע, געדיכטע וואָלקנס! . . .

איך בין געווען די ערשטע אַרויסצולויפן אין דרויסן און נאָך מיר האָט זיך קוים נאָכגעשלעפּט דער קאַפּיטאַן. דער דאָקטאָר האָט קיין כוח ניט געהאַט

אַראָפּצוגיין פון בעט, און געוואַרט אומגעדולדיק אויף די טראָפּנס רעגן — טראָפּנס פון לעבן און עקזיסטענץ! . . .

דער הימל איז געווען איינגעדעקט אין געדיכטע, דיקע וואָלקנס, גרויסע . . . די וואָלקנס האָבן זיך געיאָגט איינע נאָך די אַנדערע; בליצן האָבן געשניטן דעם הימל; די דונערן האָט געטריילט אונדזערע קליינע באַראַקן, און אין אַ האַלבער שעה שפּעטער האָט גערעגנט, גערעגנט מיט עמערס, מיט קוואַלן . . . פּשוט טייכן.

צו אונדזער פרייד איז קיין ווערטער ניט געווען. מיר האָבן געטאַנצט ווי ווילדע.

דריי פולע טעג און נעכט האָט גערעגנט אָן אַן אָפּהאַלט. די זאַמדיקע ערד איז אַ ביסל קלעפּעדיק געוואָרן און עס האָט זיך געפילט ווי אַ פּאַרע שלאָגט אַרויס פון דער ערד.

דער וואַסער־קעסל פון דער שיף איז שוין געווען באַזאָרגט מיט וואַסער ביז אין דער העלפט, וואָס דאָס האָט געמיינט אַ זאַפּאַס אויף איבער דריי חדשים, ניט נאָר פאַר אונדזער קאָלאָניע, נאָר אויך פאַר אַלע קאָלאָניעס צוזאַמענגענו־מען . . . אַחוץ דעם איז יעדע קאָלאָניע געווען קלוג צו פאַרכאַפּן, צו פאַרנעמען וואָס מער וואַסער. מע האָט גענוצט אַלע מעגלעכע כלים פאַר דעם צוועק . . . און אַזוי האָט זיך אָנגעגרייט אַ זאַפּאַס פון וואַסער אויף אַ זעקס אָדער אַכט חדשים.

דאָס האָט אין אונדז אַריינברענגט אַ נײַ לעבן.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דורך דער צייט פון אונדזער וואַסער־הונגער האָבן מיר פאַרלוירן אַ סך מענטשן. עס זײַנען אומגעקומען 96 מענטשן.

נאָכן רעגן האָט זיך געביטן דער קלימאַט. עס איז געוואָרן קילער און ביי־נאַכט האָט מען זיך געמוזט גוט איינדעקן. די טעג זײַנען געוואָרן קלענער, אָבער קיין ווינטער איז ניט געווען. דאָ און דאָרטן האָט אַפילו געוואַקסן גרעזלעך און בלומען.

בסך־הכל האָבן מיר נאָכן רעגן פאַרמאָגט צוועלף הונדערט און זיבעציק מענטשן. ערשט איצט האָבן מיר גענומען עסן מיטן פולן מויל און טרינקען אַ ביסל מער ווי פריער, אָבער מיר האָבן נאָך אַלץ געלעבט אויף אַלערליי פישן.

מיר האָבן גענומען גרינדן אַ רעגירונג. יעדע קאָלאָניע האָט געשיקט צו צוויי קאָמיסאַרן: איינער האָט פאַרטראָטן די קאָלאָניע און דער צווייטער איז געווען אין דער צענטראַלער קאָלאָניע, וואו די שיף איז געלעגן. דאָרט איז געווען אונדזער קאָלאָניע, און די צענטראַלע רעגירונג. דאָ האָט מען געמאַכט געזעצן און זיי צעשיקט צו אַלע קאָלאָניעס, ווי אַ פאַראייניקטע שטאַטן . . .

די טייכן זײַנען פאַר אונדז געווען פון גרויס וויכטיקייט, פון זייער גרויסן נוצן. זיי האָבן גרינג געמאַכט, מיר זאָלן קענען אָנגיין מיט אונדזער אַרבעט. דער לענין קאַנאַל, וואָס האָט זיך געצויגן דורך אַלע קאָלאָניעס פון מזרח־זייט און זיך פאַרבונדן מיט טייכן צו דרום און צפון, האָבן מיר דערפאַר גערופן „לענין־קנאַל״. אָן אים וואָלטן מיר ניט געקענט אויסקומען, ווייל קיין אַנדער טראַנספּאָרטאַציע האָבן מיר ניט געהאַט.

זינט פון ערשטן רעגן, זײַנען אַוועק צוויי חדשים און קיין אַנדערער רעגן איז פאַר דער צייט ניט געגאַנגען. דאָס האָט אונדז געוואָרנט, מיר זאָלן ווידער זען שפּאָרן וואַסער. צום סוף פון דריטן חודש האָט דאָך ווידער גערעגנט.

דער דאָזיקער רעגן איז ניט געווען קיין שטאַרקער, אָבער מיר האָבן זיך

פאַרט פאַרגרייט מיט וואַסער. עס האָט אָבער שוין, דערנאָכדעם, געדעגנט כמעט יעדע וואָך, אָדער יעדע צווי וואָכן. צו אונדזער מזל האָט זיך אויך געביטן דער קלימאַט! . . .

אַזוי איז אַוועק אַ יאָר צייט, וואָס מיר לעבן אין דער נייער וועלט. מיר האָבן געפייערט צו דער געלעגנהייט, געהאַט אַן אמתן יום־טוב! . . . מיר האָבן געזונגען נייע לידער, וואָס אונדזערע פּאָעטן האָבן געשאַפן און געגעסן צו ביסלעך פון די עסנס, וואָס מיר האָבן געהאַט פאַרבאַהאַלטן פאַר דער שלעכטער צייט: ווי קאַלבאַסע, סוכאַרעס, און פריש וואַסער האָבן מיר געטרונקען אויפן פולן מויל.

אונדזערע חברים זיינען זאַט געוואָרן, האָבן זיי דערפילט, אַז עס פעלט זיי נאָך עפּעס — פרויען . . .

אַלע ווי איינער האָבן זיי דערוואַכט; ווי פון אַ חלום זיך אויפגעכאַפּט; זיך אַ ווײַלע ניט געקענט דערמאָנען, וואָס מע האָט פאַרגעסן איידער מע האָט זיך אויפגעכאַפּט, ביז אימעצער האָט אַ זאָג געטאָן:

— פרויען! . . . ווייבער! . . . מיר זיינען דאָך מענטשן . . . מיר זיינען דאָך מענער! . . .

וואו אָבער נעמט מען אַזוי פיל פרויען? — האָבן אַלע געפרעגט און איינע די צווייטע זיך אָנגעקוקט.

מע האָט געוואוסט, אַז פרויען זיינען פאַראַן ניט מער ווי 20 פּראָצענט, בעת מענער זיינען פאַראַן 80 פּראָצענט . . . ניט רעכענענדיק די עטלערע.

מע האָט באַשלאָסן צו רופן אַ קאָנגרעס. דער קאָנגרעס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין דער הויפּט קאָלאָניע, דאָס הייסט אין אונדזער קאָלאָניע, וואו די שיף איז געלעגן.

— וואָס זאָל מען טאָן? — איז געווען די פראַגע. — דאָס געשלעכט איז אַ וויכטיקער ענין; עס איז אַ פראַגע, וואָס פאַרנעמט דעם אויבן־אָן אין די קאָלאָניעס . . .

אַלע האָבן אומגעדולדיק געוואַרט אויף דעם רעזולטאַט פונעם קאָנגרעס, וואו עס האָבן זיך אויך באַטייליקט פרויען און אָנטייל גענומען אין די זיצונגען פון קאָנגרעס. עס זיינען פאַרגעקומען היציקע דעבאַטן, און צום סוף איז געוואָרן באַשלאָסן: אַז צוליב דעם עקסיסטענץ און וואוילזיין פון אונדזערע קאָלאָניעס דאַרף די פרוי פאַרבייגן איר שטאָלץ און יעדע פרוי זאָל נעמען 4 מענער. בלויז פאַרן קאַפּיטאַן האָט דער קאָנגרעס באַשטימט אַ פרוי פאַר אים אַליין, כדי צו באַצייכענען דערמיט, אַז ער איז אונדזער פירער . . .

די פאַמיליע האָט געטראָגן דעם נאָמען פון דער פרוי.

נייע שפּראַצונג, ניי לעבן

אויף אונדזער נייער וועלט האָט גענומען שפּראָצן און בליען. די ערד האָט אַרויסגעגעבן אַזוינע ווילדע גראָזן און קרייטיכער, וואָס זיינען אונדז געווען זייער אומבאַקאַנט, אָבער זייער באַטעמטע, און עס האָט זיך געלאָזט עסן, אַפילו געשמאַק געווען.

דערזעענדיק, אַז עס וואַקסט, האָט דער קאַפּיטאַן גענומען אונדז אַרויסגעבן פאַר עקספּערימענטן בעבלעך, אַרבעס און גריקע, וואָס מע האָט געהאַלטן באַהאַלטן, וואָס מע פלעגט עס קאָכן פאַר די סאָלדאַטן אויף דער שיף. מיר האָבן זיי געהאַלטן און איצט איז די צייט געקומען: מיר דאַרפן זיי.

יעדער איינער האָט געקראָגן אַ ביסל קערנער אויף צו פאַרזייען און יעדער איינער האָט געטאָן דאָס בעסטע, וואָס ער האָט געקענט טאָן. אין עטלעכע חדשים אַרום האָבן מיר שוין געהאַט גערטנער מיט פרישע גרינצייג פון אַלע סאָרטן.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז די ערד גיט אַרויס פון זיך זייער גיך שפּראָצונג, אַז דאָ וואַקסט גיכער ווי אויף דער אַלטער וועלט.

דער קאַפּיטאַן האָט זיך דערמאָנט, אַז עס זיינען פאַראַן בולבעס (קאַרטאָפל), ציבעלעס, אַ ביסל פאַרדאַרטע אוגערקעס, פאַרדאַרטע באַרן, עפּל, פלוימען, קאַרשן, האָט ער דאָס צעטיילט צו אַלעמען.

מע האָט גענומען פאַרזייען די זוימען, די יאָדערן, פאַרזעצן און שאַפן סעדער פון פאַרשיידענע פרוכטן, וואָס מע האָט נאָר געהאַט . . . מע האָט אַפילו אויסגענוצטנ פאַר דעם צוועק פאַרדאַרטע ציטראָנען, וועלכע האָבן מיט זייערע 12 יאָדרען אַרויסגעגעבן 12 ביימער, און פון פון אַזעלכע עטלעכע ציטראָנען האָט מען פאַרפלאַנצט צענדליקער ביימער . . . מיט איין וואָרט, מיר האָבן געהאַט אַלצדינג — אַרבעס, גריקע, בולבעס, ציבעלעס, אוגערקעס, פלוימען, קאַרשן, פּאָמעראַנצן און לימענעס . . . און וואַקסן פלעגט דאָרטן יעדע דריי חדשים.

דאָס ערשטע יאָר האָבן די ביימער געגעבן זייער קליינע פרוכטן, כמעט ווי ניסלעך די גרויס, אָבער מיט יעדן יאָר האָט מען געזייט מער און מער . . .

דאָס לאַנד, ווי איך האָב געזאָגט, איז געווען אין אַלצדינג פרוכטבאַר. צום צווייטן יאָר האָט יעדע קאָלאָניע צוגעקראָגן עטלעכע צווילינגס און אין עטלעכע פאַלן — אויך דריילינגס . . . בסך־הכל איז אונדזער באַפעלקערונג מיטן ערשטן יאָר פאַרגרעסערט געוואָרן אויף צוויי הונדערט און 99 נפשות, פון וועלכע 250 זיינען געווען פון פרויען־געשלעכט . . . מיידלעך.

יעדע קאָלאָניע האָט געהאַט איר אַרבעט און געאַרבעט אַ באַשטימטע צייט, און אַלץ וואָס איז געשאַפן געוואָרן איז איבערגעגאַנגען אין די הענט פון קאָמיסאַר. די גערעטעניש איז געווען אַזוי גרויס, אַז מיר האָבן געהאַט אַן איבערפלוס פון יעדער זאַך . . .

די קאָלאָניעס האָבן אויך פאַרמאָגט בולוואַרן מיט ביימער אויף דער זייט . . . מע האָט די וואַלד־ביימער איבערגעפלאַנצט און זיי האָבן זיך אויך צוגענומען און געוואַקסן העכער, ברייטער, קרעפטיקער — ביימער מכל המינים.

מיר האָבן זיך איינגעלעבט אין אַ צופרידן און גליקלעך לעבן — אַן ערדישער גן־עדן . . .

פינפטער קאַפּיטל

פינף יאָר זיינען דערוויל אַוועק זינט מיר האָבן באַטראָטן די נייע וועלט. אונדזער באַפעלקערונג האָט געוואַקסן מיט איבער טויזנט נפשות . . . אונדז האָט קיין זאַך ניט געפעלט און עס האָט זיך גאָרניט געבענקט נאָך דער אַלטער וועלט . . .

די צענטראַלע רעגירונג האָט נאָך געזוכט וואָס מער פאַרגעניגן אונדז צו פאַרשאַפן. פון די גרויסע בענד אינסטרומענטן פון דער קריגס־שיף, האָט די צענטראַלע רעגירונג אַפּט צוגעשיקט צו די קאָלאָניעס צו שפּילן פאַר זיי קאָנצערטן; דאָס זעלבע מיט אַקטיאָרן.

יעדע קאָלאָניע האָט געהאַט עטלעכע שעה אין וואָך צו לערנען זיך פאַר־לייענען, דעקלאַמירן, זינגען. די פרויען פלעגן זינגען און טאַנצן . . .

דער פרוי האָט זיך אין אַלגעמיין זייער גוט געלעבט, ווייל זי איז געווען די ווייב פון פיר מענער און די מוטער פון פינף אָדער צען קינדער. זי האָט קיין־מאָל ניט געהאַט אויף וואָס זיך צו באַקלאָגן, ווייל צו איר האָט יעדער מאַן געשמייכלט, כאָטש דאָס האָט געדאַרפט זיין פאַרשטעלטערהייט, ווייל דאָס איז געווען קעגן דער מאָראַל, ניט צו דערוועקן אייפערזוכט איינערביים צווייטן . . .

די קינדער האָבן געוואוסט, אַז זיי האָבן פיר טאַטעס, נאָר יעדער טאַטע האָט אַן אַנדער נאָמען. פאַר די קינדער איז דאָס לעבן געווען זייער באַקוועם: זיי האָבן געהאַט די מוטער, וואָס פלעגט מיט זיי פאַרברענגען, און פיר טאַטעס, וואָס פלעגן מיט זיי אומגיין מיט דער גרעסטער צערטלעכקייט און זיי היטן, אַז קיין שלעכטס זאָל זיי ניט טרעפן . . .

פאַר די קינדער האָט מען געבויט אַלערליי גימנאַסטישע שפּילצייגן, פון וועלכע זיי פלעגן קענען געניסן גייסטיקע און קערפּערלעכע פאַרגעניגנס . . .

צוליב דעם וואָס דאָס לאַנד האָט קיין ווינטער ניט געהאַט און דער קלימאַט איז דאָ שטענדיק וואַרעם, און אַזוי ווי קליידונג, ווי אַ העמד אפילו, איז געווען צו ווערטפול פאַר אונדז, איז באַשלאָסן געוואָרן פון אונדז קאָמיסאַרן־פאַרטרע־טער, אַז קינדער אונטער פינף יאָר זאָלן אַרומגיין נאַקעט . . . נאָך די פינף יאָר זאָלן זיי טראָגן קליינע הייזלעך ביז צען יאָר, און פון צען יאָר אָן, זאָלן מיידלעך אויך טראָגן בלוזעס, אָבער אָן אַרבל.

די מוטער דאַרף זויגן אירע קינדער ביז זעקס חדשים, איין מאָל אין פיר שעה. נאָך די זעקס חדשים דאַרף דאָס קינד ווערן געקאָרמעט אונטער דער אויפזיכט פון דאָקטאָר פון די קאָלאָניעס און זיינע מיטהעלפער.

אַ קינד פון אַ יאָר ביז צוויי, דאַרף עסן פינף מאָל דורכן טאָג; פון צוויי ביז פינף יאָר — פינף מאָל דורכן טאָג און דריי מאָלצייטן מוזן זיין גרעסערע; פון פינף ביז צען יאָר — דריי מאָלצייטן אַ טאָג און צוויי מאָלצייטן פון פרוכטן און גרינגע נאַשערייען.

מכוח שלאָפן: —

אַ קינד ביז אַ יאָר מעג שלאָפן וויפיל עס וויל נאָר אַליין; פון אַ יאָר ביז צוויי — 14 - 16 שעה אַ מעת־לעת; פון צוויי ביז פינף יאָר — 12 שעה נויטיק; פון פינף ביז צען יאָר — ניט ווייניקער ווי צען שעה; פון צען יאָר אָן — אַכט שעה. מע האָט גערעכנט, אַז קינדער פון צען יאָר אָן קענען לעבן ווי דערוואַקסענע, הגם די דערוואַקסענע פלעגן שלאָפן 6 - 8 שעה אַ טאָג.

מכוח דערציאונג און איבונגען: —

פון פינף יאָר אָן — איבונגען און ווי אַרומצוגיין מיט שפּילערייען לויט דעם געשמאַק פון די לערער, און מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער — לערנען דעם אַלפאַבעט און אַזוי ווייטער.

קיין ביכער זיינען אָבער ניט געווען, האָבן מיר געהאַט אַ קליינע דרוקעריי אויף דער קריגס־שיף. אויך פּאַפּיר האָבן מיר געהאַט פון פריער פון די קלאַסן, וואָס מיר האָבן איינגעפירט נאָך דער רעוואָלוציע פאַר די „בעזגראַמאָטנע" סאָלדאַטן. דאָס אַלץ האָבן מיר זייער שפּאָרזאַם צוגעגרייט פאַר אונדזערע יונגע סטודענטן.

קיין איין קינד איז ניט געשטאָרבן פאַר דער גאַנצער צייט און אויך קיין איין פרוי ניט. בלויז פון די פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן זיינען געשטאָרבן אייניקע;

זיי זיינען געווען פאַרוואונדעט נאָך אין מלחמה מיט די דייטשן, אין יענער פינצטערער נאַכט.

די קליידונג פאַר דערוואקסענע איז געווען זייער שפּאָרזאַם.

מענער זיינען אַרומגעגאַנגען, נאַכן געזעץ, ווי צען־יעריגע קינדער, אויך די פרויען זיינען געגאַנגען אָנגעטאָן ווי די צען־יעריקע מיידלעך.

פאַר דער צייט האָבן מיר נאָך קיין זאַך ניט אויסגעפונען ווי אַזוי זיך צו קענען באַקליידן, אפשר דערפאַר ווייל מיר האָבן עס ניט צו שטאַרק געזוכט און אויך ווייל מיר האָבן זיך ניט צו שטאַרק גענייטיקט אין דעם.

קיין ווינטער, ווי איך האָב געזאָגט, איז ביי אונדז ניט געווען און צו די קאַלטע נעכט האָבן מיר זיך אויך צוגעוואוינט, מיט דעם בעטגעוואַנט פון דער שיף. בייטאָג האָבן מען זיך געבאָדן און אונדזערע לייבער האָבן באַקומען אַ פאַרב פון קופּער. קיינער האָט ביי אונדז ניט געקרענקט. אַזוי האָט אונדזער לעבן זיך געצויגן זאָרגלאָז און גליקלעך ווי דורך אַ קייט פון בלומען און צופרידנהייט.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז אַזוי ווי מיר האָבן אויף דער שיף עלעקטרישע מאַשינען, זאָלן מיר איינפירן עלעקטרישע באַלייכטונג אין די קאָלאָניעס, און גאָר אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן מיר שוין געהאַט עלעקטרישע באַלייכטונג. די קוילן וואָס מיר האָבן געהאַט אויף דער שיף, און געמישט מיט האָלץ פון וואַלד, האָבן מיר גענוצט פאַר דער באַלייכטונג און קאָכן.

די קינדער האָבן זיך זייער דערפרייט מיט די נייע פייערן, וואָס איז פאַר זיי געווען זייער אַ נייעס. זיי זיינען אַרומגעשפּרונגען אַרום די פייער־לעמפּלעך און האָבן זיי ניט באַרירט.

צוליב דער דערעפענונג פון עלעקטריע איז אין אַלע קאָלאָניעס געווען אַ גרויסער יום־טוב. קינדער האָבן געטאַנצט ביז שפּעט אין דער נאַכט אונטער דער ליכט פון דער עלעקטרישער באַלייכטונג.

דאָס איז דאָס ערשטע פון דער נייער ציוויליזאַציע, וואָס מיר האָבן איינ־געפירט אין אונדזערע קאָלאָניעס. קיין צופיל לעמפּלעך האָבן מיר ניט געהאַט, ניט מער ווי די וואָס מיר האָבן געהאַט אויף דער שיף.

אָבער אונדזער צענטראַלע רעגירונג איז ניט געשטאַנען ליידיק. מיט דער הילף פון עלעקטריע האָבן מיר אַראָפּגענומען פון דער שיף די 26 טעלעפאָנען און מיר האָבן זיי איינגעריכטעט צו איין טעלעפאָן אין יעדער קאָלאָניע.

דאָס איז געווען די צווייטע איינריכטונג, וואָס האָט אונדז פאַרבונדן איין קאָלאָניע מיט אַ צווייטער און מיט דער צענטראַלער רעגירונג.

דאַן איז אַנשטאַנען אַ נויטווענדיקייט אין קאַטן אָדער פלאַקס. מיר האָבן געדאַרפט האָבן העמדער און בלוזעס פאַר די פרויען, ווייל די וואָס מיר האָבן געהאַט האָבן זיך גענומען רייסן, דערהויפּט ביי די קינדער.

מיט אַמאָל האָבן זיך ביים ים־ברעג גענומען ווייזן אַ סך וואַסער־חיות, וואָס פלעגן גאַנץ אָפט אַרויף אויף אונדזער אינזל און שטעלן אין געפאַר אונ־דזערע קינדער.

מיר האָבן זיי גענומען פאַרטרייבן און עטלעכע פון זיי געטויט. איינער איז געווען אַזוי גרויס, אַז זיין פעל האָט אונדז געגעבן פאַר אַ סך קינדער צו באַקליידן זיי, און זיין פלייש איז געווען אַזוי פעט און געשמאַק, אַז עס איז געוואָרן פאַר אונדז אַ נייער מאכל און דאָס פעל איז געוואָרן פאַר אונדז אַ נייער קוואַל פון קליידונג. פון אָנפאַנג האָבן מיר געלאָזן די האָר אויפן פעלכל, נאָר

אזוי ווי די קינדער האָבן אַריינגענומען אין שטוב צופיל שמוץ, האָבן מיר אַראָפּ־גענומען די האָר פון די פּעלכלעך.

אונדזערע חברים האָבן פאַר דער גאַנצער צייט געזוכט אַ טאַבעקע, אָדער אַן אַנדער פּלאַנצונג, וואָס זאָל זיך לאָזן רויכערן. עס האָט זיי צו דעם געצויגן.

ביי אונדז איז געווען אַ גרויסער שטיין לעבן דעם קאָמיסאַרן־הויז. דער שטיין איז געווען אַ מאָנומענט פאַר אונדזערע העלדן, פאַר אונדזערע אַנטדעקער, פּאָעטן און אַזוי ווייטער. פאַר יעדן העלדנטאַט, פאַר יעדער דערפינדונג האָט מען זוכה געווען צו האָבן אויסגעהאַקט צו ווערן דעם נאָמען אויף דעם דאָזיקן שטיין און פאַרבייגייער האָבן געקענט לייענען און וויסען וואָס דער אָדער יענער האָט אויפגעטאָן אויף אַזאַ אָדער אַן אַנדער געביט.

דאָס האָט דערמוטיקט יעדן איינעם עפּעס אויפצוטאָן, און יעדער האָט געזוכט עפּעס אָן אויפטו, כדי צו פאַרדינען, אַז זיין נאָמען זאָל פאַרצייכנט ווערן אויפן שטיין. איינער האָט גענומען עפּעס אויפטאָן, שאַפן אַ דערפינדונג, איינער האָט זיך גענומען אויפצושרייבן אַ ווערק, וואָס זאָל זיין נאָמען פאַראייביקן . . .

אַ ספּעציעלן אַנבאַט איז געמאַכט געוואָרן צו געפינען אַ בלאַט, אַ פּלאַנץ פאַר טאַבאַק.

די בענקשאַפט צום רויכערן איז געווען ביי אַלעמען גרויס. אַפילו דער דאָקטאָר מיט זיינע צוויי געהילפן האָבן אויך זייער געבענקט נאָך דעם רויכערן. . . עס זיינען שוין געווען אַוועק אַכט יאָר, אַז מע האָט ניט גערויכערט און מע האָט כסדר געבענקט דערצו, געבענקט נאָך דעם . . .

יעדע דריי חדשים פלעגט מען שיקן אַנדערע עקספּעדיציעס און יעדע עקס־פּעדיציע האָט עפּעס אַנטדעקט.

די לעצטע אַנטדעקונג איז געווען, אַז מע האָט געפונען אַ וואַטע, אַ וואַקסנ־דיקע אויף אַזעלכע דיקע שטעקעלעך, וואָס איז געווען שטאַרק גענוג און האָט זיך געלאָזט צוזאַמענדרייען ווי פאָדים.

דאָס האָט אָנגעמאַכט אַ רושם אין די קאָלאָניעס. עס זיינען געמאַכט געוואָרן עקספּערימענטן און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיר וועלן קענען מאַכן פון דעם לייוואַנט. דאָס האָט געמיינט, אַז מיר וועלן האָבן אַ מעגלעכקייט צו האָבן העמדער, האָנטיכער — זאַכן אין וועלכע מיר האָבן זיך זייער גענייטיקט, זייער געדאַרפט.

מע האָט באַלד גענומען אַרבעטן אויף דעם. איין קאָלאָניע האָט געהאַט אויף דעם זייער אַ סך אויפגעטאָן און דאָס איז געבליבן אַ טייל פון איר אויפטו.

יעדע קאָלאָניע האָט געבויט גרויסע הייזער, וואָס זאָלן דינען פאַר אַ שולע, צי פאַר אַ שפּיטאָל, פאַר אַ קלוב.

די קינדער, וואָס זיינען געבאָרן געוואָרן אויף דער נייער ערד, זיינען געווען אי גרויסע, אי שטאַרקע דערצו, און זאַרגלאָז ווי די פייגעלעך אין וואַלד . . . זיי האָבן אַלץ אין דער וועלט געוואוסט, כאָטש זיי האָבן קיין זאַך ניט געזען, ווייל קיין ביכער זיינען ניט געווען, וואָס מע האָט פאַר זיי דערציילט אין דעם וועג פון לעקציעס, פון דערציילן.

זעקסטער קאַפּיטל

ווען די קאָלאָניע האָט דורכגעמאַכט אַ דור (איך רוף דאָס אַ דור, כאָטש דאָס האָט ניט געהאַט געדויערט קיין 15 יאָר), האָט מען דאָך דאָס געמעגט אַנ־

רופן: אַ דור, דער נייער דור, ווייל אַ סך ייִנגלעך און מיידלעך האָבן זיך גענומען ליב צו האָבן, נאַטור האָט געטאָן איר אַרבעט.

מיר האָבן זייער געהיט, אַז קיין פאַרוואַנדטע זאָלן ניט הייראַטן איינע מיט די אַנדערע . . . דערפאַר האָבן מיר געשיקט אונדזערע ייִנגלעך אין אַנדערע קאָלאָניעס, און דאָרט האָט זיך יעדער אויסגעקליבן אַ פּאָר, צו זיך . . . די אַנ־דערע קאָלאָניעס האָבן געטאָן דאָס זעלבע.

איצט האָבן מיר שוין געהאַט צופיל פון פרויען־געשלעכט, צופיל מיידלעך, איידער פון מענלעכן אין דער זעלבער עלטער . . . צום סוף פון די 15 יאָר פון אונדזער עקסיסטענץ האָבן מיר שוין פאַרמאָגט צוויי קאָלאָניעס פון נייעם דור — יונגע, פרייע, מוטיקע, זאָרגלאָזע פאַרלעך . . .

אויך זיי האָבן געלעבט דעם זעלבן פרייען לעבן, אויפן זעלבן וועג ווי מיר. פּאָליגאַמיִ איז שוין ניט נויטיק געווען פאַר די ייִנגערע . . . און דער אויסוואַל איז געקומען פון קעגנזייטיקער ליבע, פון אמתער קעגנזייטיקער ליבע . . .

די הייראַט איז באַשטאַנען אין דעם, אַז ווען אַ ייִנגל פלעגט זיך פאַרליבן אין אַ מיידל, האָט מען געלאָזן וויסן דערפון דעם קאָמיסאַר פון קאָלאָניע. מע האָט זיי אַרויסגעגעבן אַ קאָנטראַקט אַזאַ, פאַר אַ יאָר, און אויב זיי האָבן ניט געהאַט אויסצוזעצן נאָכן יאָר איינער קעגן אַנדערן און האָבן זיך ווייטער געליבט, זיינען זיי אַנערקענט געוואָרן אַלס אַ שטענדיק פּאָר־פאָלק. עס הייסט: מאַן און ווייב, און זיינען אַריינגענומען געוואָרן אַלס שטימבאַרעכטיקטע, פולע בירגער.

זיי האָבן געקראָגן אַ שטוב מיט אַ שטיק לאַנד און האָבן אַליין געדאַרפט איינפלאַנצן ביימער און אַלערליי פרוכטן; גרינצייג האָט די קאָלאָניע געגעבן פאַר אַלעמען גלייך, אַזוי אויך קליידער, ברויט, פיש און אַנדערע זאַכן. קיינער האָט ניט געקענט קריגן מערער אָדער ווייניקער צו באַהאַלטן אויף שפּעטער . . .

קיין גימנאַזיום אָדער קאָלעדזש האָבן מיר ניט געהאַט, נאָר לעקציעס וועגן העכערע ענינים זיינען ביי אונדז געהאַלטן געוואָרן; מע האָט אויך געהאַט לעק־ציעס אין העכערער בילדונג. ביי אונדז האָבן אייניקע געקענט עטלעכע שפּראַכן, וואָס זייערע עלטערן האָבן זיי געלערנט.

פון קיין ראַסן־פאַרשיידנהייט האָבן מיר ניט געוואוסט. מיר האָבן גערעדט ווי מיר האָבן געקענט און געוואָלט. אָבער לערנען האָבן מיר געלערנט אויף רוסיש: דאָס הייסט, די רעגירונג־שפּראַך.

דער דאָקטאָר קאָלצאָוו האָט געלערנט אונדזערע פּייאיקערע אַנאַטאָמיע און מעדיצין און אַ סך האָבן אַפילו פּראַקטיצירט דאָקטעריי און פאָלקאָם אויס־געהאַלטן ווי דער דאָקטאָר האָט געמיינט, געוואָלט, און זיי געלערנט אָן ביכער.

יעדע קאָלאָניע האָט געהאַט אַזאַ דאָקטאָר און אַ פעלדשער אויך, אַפילו אַן אַפּטייקל . . . וואָס מיר האָבן געהאַט פון דער שיף געוויסע מעדיצינען. אין אַל־געמיין האָבן מיר זיי זעלטן געדאַרפט . . . אָבער מיר זיינען אויף אַלץ גרייט געווען

יאָר־איין יאָר־אויס איז צוגעקומען אַ נייע קאָלאָניע פון יונגן דור . . . צענדליקע נייע קאָלאָניעס זיינען צוגעקומען ביזן יאָר 20 פון אונדזער צייט־רעכענונג.

דער דאָקטאָר קאָלצאָוו איז געשטאָרבן, נאָכדעם ווי ער איז אָפּגעווען אויף דעם אינזל 21 יאָר. פאַרן טויט האָט ער צוגערופן זיינע תלמידים, וועלכע האָבן

באמת פיל פון אים געלערנט און פיל פאַרשטאַנען. ער האָט זיי געזאָגט זיי זאָלן נאָכגיין זיין לערע . .

דאָקטאר קאַלצאָוו איז געשטאָרבן מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן. מע האָט אים באַלזאַמירט.

עס איז אויסגעבויט געוואָרן פאַר אים אַ ספּעציעלער קבר, וועלכער איז געוועזן אַזוי גרויס, אַז עטלעכע צענדליק מענטשן האָבן געקענט אין אים אַרומגיין פריי. אין מיטן פון קבר איז געשטאַנען דער ארון מיט אַ גלעזערנעם צודעק איבער זיין פּנים, אַז אַלע האָבן אים געקענט זען צו יעדער צייט . . . גלאָז האָבן מיר געהאַט פון אונדזער קריגס־שיף.

די לויה האָט געדויערט דריי טעג. מע איז געקומען כמעט פון אַלע קאָלאָניעס.

די עלטערע האָבן געהאַלטן רעדעס און דערקלערט פאַרן יונגן דור וואָס פאַר אַ וויכטיקער מענטש ער איז געווען פאַר זיי, און וויפיל ער האָט אויפגעטאָן פאַר זיי.

אויך פון די יונגע האָבן אייניגע גערעדט; האָבן מיט טרערן אין די אויגן געלויבט זייער לערער, אַז זיי וועלן גיין אין זיין וועג און היטן זיין לערע.

ווען מע האָט אים אַראָפּגעלאָזט אין זיין קבר און זיין ארון פאַרפלאָסטערט, האָט זיך דערהערט אַ גרויסער שאָס. דאָס האָבן די געוועזענע סאָלדאַטן סאַלוטירט זייער פריינט מיט אַ קאַנאָנען־שאָס, וואָס זיי האָבן פון פריער צוגעגרייט. און די ווייסע פאָן מיט די רויטע שטערן, דאָס איז געווען אונדזער פלאַג, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף העלפט אויף דער קאָמיסאַרן־געביידע פון אונדזער קאָלאָניע.

22 יאָר זיינען אַוועק זייט מיר זיינען אַרויף אויף אונדזער נייער וועלט. אונדזער יונגער דור האָט שוין געהאַט קינדער. דער דריטער דור איז געוואַקסן נאָך שטאַרקער און מעכטיקער, שענער און קלוגער. די עלטערע מיט די ייִנגערע צוזאַמען האָבן געזוכט אַלץ מער צו פאַרפייַנערן און פאַרשענערן אונדזער לעבן.

די עלטערן האָבן זיי אַלץ דערציילט וועגן אַלע וואונדער, וואָס געפינען זיך אויף דער וועלט, פון וועלכער זיי זיינען אָפּגעריסן געוואָרן, און אפשר איז די אַלטע וועלט שוין גאָר אונטערגעגאַנגען . . . שוין מער ניטאָ, ניט פאַרבליבן פון דער ערדציטערניש.

די יונגע פון אונדז זיינען זייער געווען אַמביציעז. זיי האָבן זיך גענומען צו דער שיף און האָבן זי אין שטיקער פאַנאַנדערגענומען, שטיקלעכווייז זי איבערגעטראָגן צום ברעג ים און זיך גענומען צו דער אַרבעט — צונויפשטעלן די שיף.

זיי האָבן געוואוסט, אַז די דאָזיקע אַרבעט וועט צונעמען פיל יאָרן, אָבער דאָס האָט זיי ניט געאַרט — זאָל נעמען יאָרן, האָבן זיי געזאָגט.

די עלטערע אינזשענערן אונדזערע און אויך די מעכאַניקער האָבן גענומען אויפזיכט אויף דער אַרבעט פון די יונגע און האָבן זיי געלערנט, די יונגע ווידער האָבן זיך טאַקע געלאָזט לערנען און האָבן זייער גיך אַזוי איבערגענומען די מלאכה, אַז זיי האָבן געקענט בעסער ווי די לערער אַליין.

קיין דערפינדער האָט ביי אונדז ניט געפעלט. מיר האָבן זיי געהאַט אַ סך צווישן די יונגע. זיי האָבן געמאַכט איבער הונדערט דערפינדונגען און אַנטדעקונגען, ווי: פאַרב, צעמענט, בליי, קוילן, קליידונג.

אַ סך האָבן זיך גענומען דערפינדן און אויפבויען לופטשיפן, ווי די עלטערן

האָבן זיי דערציילט. אַזוי ווי צייט האָבן אַלע געהאַט און קיין זאָרג וועגן פּרנסה איז ניט געווען, האָט מען זיך איבערגעגעבן צו דער אַרבעט.

יעדער האָט געזוכט עפּעס צו דערפינדן, כדי זיין נאָמען זאָל ווערן אויס־געהאַקט אויפן שטיין אויף אייביק און זיינע מיטמענטשן זאָלן פון זיין אַרבעט אויך געניסן.

און אָט וואָס פאַר אַ וואונדער אונדזער באַפעלקערונג האָט אויפגעטאָן אין אַ צייט פון בלויז פינף יאָר, אַז צום יאָר 27, האָבן מיר פאַרמאָגט אַ שיף מיט אַלע אמתע מאַשינען פון פריער, מיט נאָך מער איינריכטונגען און מיט לופט־שיפן, געטריבן פון ווינט, און וועלכע האָבן געקענט פליען 1000 אַרשין די הויך, אַ קליינע באַן פון צוויי וואַגאָנען, געטריבן פון עלעקטריע אויף שטיינערנע רעלסן, ווייל מיר האָבן נאָך ניט געהאַט אַנטדעקט קיין אייזן.

אונדזערע באַנען זיינען געגאַנגען אויף גומענע רעדער און כמעט אַלץ פון האָלץ, אַחוץ וואָס מיר האָבן אַביסל גענומען פון דער שיף פאַר די טרייב־מאַשינען. מיר האָבן אויך געהאַט אויל, שוועבל, געגאָסענע געביידעס, אנשטאט האָלצערנע, קליינע אויטאָמאָבילן, געטריבן מיט די הענט.

מיר האָבן אויסגעבויט אַ גרויסן הויכן טורעם, עלעקטריע אין די גאַסן און אין די הייזער; מיר האָבן געהאַט מער וויפיל מיר האָבן געדאַרפט.

די שיף וואָס מיר האָבן איבערגעבויט איז געווען אויף אַ העלפט קלענער פון דער פריערדיקער גרויס און געטריבן איז זי געוואָרן פון איין מאַשין, ווייל מיר האָבן די איבעריקע מאַשינען צוגענומען פאַר אונדזער געברויך און פאַר אונדזער נוצן אין די קאָלאָניעס.

אויפן טורעם האָבן מיר אויפגעהאנגען אַ גרויסן גלאָק און ער פלעגט אויס־קלונגען יעדע האַלבע און גאַנצע שעה אין מעת־לעת, ווייל קיין סך זייגערס האָבן מיר ניט געהאַט. די עטלעכע הונדערט זייגערס, וואָס מיר האָבן געהאַט פון פריער, זיינען שוין אַ סך פון זיי קאַליע געוואָרן.

זיבעטער קאַפּיטל

די לערע פאַר די קינדער האָט זיך אַ סך פאַרבעסערט, מע האָט זיי שוין געלערנט מיט בעסערע מעטאָדע, מעטאָדעס מיט נייע דערפאַרונגען.

אַ סך פון אונדז האָבן געקענט די עספּעראַנטאָ שפּראַך. מיר האָבן די דאָ־זיקע שפּראַך גענומען נוצן, זיך גענומען מער אין איר איינלעבן, מיט דער האָפע־נונג, אַז זי וועט אונדז מיט דער צייט צונוץ קומען. עס וועט אַמאָל פּאַסירן, אַז אַ שיף וועט פאַרבייפאָרן, און אַזוי ווי עספּעראַנטאָ וועט זיין צום נוצן, וועלן מיר זיך קענען דורכריידן.

אונדזער ביבליאָטעק פון דער שיף איז געווען רייך מיט אַ סך ביכער וועגן אַלערליי מאַשינען, און אונדזערע יונגע האָבן פלייסיק געאַרבעט און דערפונדן אַ סך מאַשינען. נאָר בלויז אין עטלעכע אַרטיקלען זיינען מיר געווען אָרעם: מיר האָבן זיי אינגאַנצן ניט געהאַט, און דאָס זיינען געווען: אייזן, מעש און בליי. קופּער האָבן מיר שוין געהאַט.

מיר האָבן זיך אָנגעשטרענגט צו קריגן כאָטש איין מין פון אָט דעם מעטאַל, וואָס וואָלט אונדז געהאָלפן זייער אַ סך ביים מאַכן די מאַשינען, דערהויפּט אייזן.

דער קאָמיסאַרן־ראַט האָט אָנגעבאָטן דעם שענסטן מאָנומענט צו יענעם, וואָס וועט אַנטדעקן איינעם פון די מעטאַלן וואָס מיר האָבן ניט געהאַט און נייטיק געדאַרפט האָבן.

אונדזערע אַלע געלערנטע האָבן זיך גענומען פלייסיק זוכן דעם פּאַר־לאַנגטן מעטאַל.

דערווייל איז אונדזער באַפעלקערונג געוואַקסן אויף אַ היפּש ביסל. מע האָט געדאַרפט אַ קלער טאָן וואָס אַזעלכעס צו טאָן מיט זיי.

די קאָמיסאַרן האָבן באַשלאָסן: אַזוי ווי אונדזער באַפעלקערונג וואַקסט און וועט נאָך וואַקסן מער און מער, זאָלן מיר אָנפאַנגען בויען שטעט מיט הויכע געביידעס, ווייל אונדזער ערד מוזן מיר האָבן פאַר תבואה. און פעלדער וועלן מיר מוזן האָבן אַ סך, טאַקע צוליב דער זעלבער אורזאַך, וואָס אונדזער באַ־פעלקערונג צעוואַקסט זיך, גרעסער און גרעסער.

אַזוי ווי מיר האָבן געהאַט אינזשענערן און אַרכיטעקטאָרן פון אונדזערע אַלטע, פון דער אַלטער וועלט, איז באַשלאָסן געוואָרן זיי איבערצוגעבן צו מאַכן פּלענער פאַר בוי־אַרבעט וואָס עס זאָל זיין באַקוועם און זאָל אין דער זעלבער צייט אויך שפּאָרן ערד.

די געשאַפענע פּלענער זיינען געווען פאַרשיידענע פון פאַרשיידענער שיינ־קייט, גרויסקייט און באַקוועמלעכקייט.

די יונגע לייט אונדזערע האָט מען גערופן נאָך די גרויסע מענטשן פון דער אַלטער וועלט, ווי רעוואָלוציאָנערן, שרייבער, דענקער, קינסטלער און אַזוי ווייטער.

צווישן אונדזערע איז געווען איינער אין עלטער פון 23 יאָר מיטן נאָמען קאַלענין. דער דאָזיקער קאַלענין האָט געלערנט פון זיין פאָטער אַרכיטעקטור, וואָס ער האָט זייער גוט איבערגענומען. ער האָט אויך דערצו געקענט מאָלן. ער איז געווען ניט־פאַרהייראַט. זיין ניט־הייראַטן איז געווען צוליב אַ מיידל, וואָס ער האָט ליב געהאַט און וועלכע האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערן.

קאַלענין איז געווען בלויז איינער פון די יונגע לייט אין זיין עלטער, וואָס איז געווען ניט־פאַרהייראַט אין די קאָלאָניעס — דער איין און איינציקער.

דער דאָזיקער קאַלענין האָט צוזאַמען מיט זיינס אַ פריינט מיטן נאָמען טראָצקי אויך געאַרבעט אויף אַ פּלאַן און אים געהאָלפן דערפינדן געדאַנקען אין אַרכיטעקטור.

עס איז געמאַכט געוואָרן אַן אויסשטעלונג פון די פּלענער (איבער הונדערט אין זייער צאָל) און די אַלגעמיינע מיינונג איז געווען פאַרן פּלאַן פון קאַלענין און טראָצקי. זייער פּלאַן, זייער אַרכיטעקטור איז אָנגענומען געוואָרן.

עס איז געווען די בעסטע, שענסטע און נוצלעכסטע שאַפונג. דער פּלאַן האָט פאַרגעשטעלט אַ געמאַך פון טויזנט וואוינונגען אויף אַ שטח וואָס איז געווען אַ פערטל די גרויס פון די קלענסטע פּלענער אויף דער אויסשטעלונג.

די שטאָט איז געווען קיילעכדיק; דער מיטן פון דער שטאָט האָט געהאַט די גרעסטע געביידע. די גאַסן זיינען געלאָפן זיג־זאַגיק. יעדע גאַס האָט געהאַט אין מיטן אַ בולוואַר מיטביימער אויף ביידע זייטן און בלומען צווישן די ביימער, מיט ביינק, און וואו מע קען פאָרן און גיין צופוס.

די הייזער זיינען געווען פון 5 ־ 6 און פון 7 ־ 8 עטאַזשן; די געביידעס זיינען געווען גרויסע, עלעווייטערס פאַר אַרויפגיין, געטריבן ביי האַנט מיט שטריק און האָלצערנע רעדער מיט ציינער. יעדע געביידע האָט פאַרנומען אַ גאַנצן קוואַרטאַל, אויף אַלע פיר זייטן גאַסן, אין מיטן איז געווען אַ גרויסער הויף

מיט קינדערגערטנער און אַלערליי שפּילצייג פאַר קינדער און גימנאַסטישע איבונגען.

יעדע געביידע האָט געהאַט איר אייגענע באָד, איר שפּיטאָל, איר שולע, איר ביבליאָטעק, אַן אַלגעמיינע קיך און אַן אַלגעמיין עס־צימער, לייען און פאַר־ווײַלונג צימערן.

די צאָל וואוינונגען אין די געביידעס זיינען אומעטום געווען גלייך — צו צוויי הונדערט. אויף אַלע פיר זייטן פון יעדער געביידע איז געווען אַ טויער פון איין גאַס אין דער צווייטער.

אַלע צימערן זיינען געווען ליכטיקע, לופטיקע און צוגעפּאַסט פאַר יעדער גרויס פון דער פאַמיליע.

ווען די שטאָט האָט זיך אָנגעהויבן בויען, האָט מען גערעכנט, אַז עס וועט געדויערן אַ 25 ביז 30 יאָר ביז אַלץ וועט זיין פאַרטיק. צום סוף האָט זיך איינ־געגעבן צו געפינען אַ באַרג פון אייזן און אויך פון מעש און די שטאָט איז געוואָרן אויפגעבויט אין צוויי־דריטל צייט.

ביסלעכווייס איז די באַפעלקערונג אַלץ מער און מער געוואַקסן און די שטאָט איז געוואָרן קליין. האָבן מיר די שטאָט גענומען מאַכן גרעסער, און מיט 30 יאָרן שפּעטער האָבן מיר שוין געהאַט אַ שטאָט פון 50 טויזנט איינוואוינער און מע האָט זי גערופן „די נייע וועלט".

אויך אין די קאָלאָניעס האָט מען גענומען בויען הויכע און גרויסע געביי־דעס ווי אין שטאָט.

50 יאָר זיינען אַוועק זייט מיר האָבן געבויט אונדזערע שטעט. דורך דער צייט האָבן מיר געהאַט אַ באַפעלקערונג פון איבער אַ האַלבן מיליאָן נפשות. עס האָבן נאָך געלעבט כמעט 75 פון יעדע הונדערט פון די גאָר ערשטע, מחמת ביי אונדז איז מען אין אַלגעמיין ווייניק געשטאָרבן, דורכשניטלעך איינס אָדער איינס און אַ האַלבן פּראָצענט: דאָס הייסט פון דער אַלטער וועלט מענשן.

מיר האָבן זיך גענומען באַראַטן וואָס צו טאָן אין דעם פאַל. מיר האָבן שוין געהאַט באַאַרבעט דעם גאַנצן אינזל.

די גרויס פון דעם אינזל איז געווען אַ פינף טויזנט קוואַדראַט וויאָרסט. עס איז נאָך געווען גענוג פּלאַץ צו באַזעצן אַ מיליאָן מענטשן און דאָך ניט צו זיין געענגט, אָבער מיר האָבן געקוקט אויף דער צוקונפט. מיר האָבן געדענקט, אַז די גאַנצע אַלטע וועלט איז אונטערגעגאַנגען, אָדער אַלנפאַלס אַ גרויסער טייל פון דער וועלט, און דאָ וואַקסט די באַפעלקערונג ווי אויף הייוון. און שטאַרבן שטאַרבט מען נאָר איין פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, אַרייגגע־רעכנט אומגליקס־פאַלן.

דאָס גרעסטע גליק, וואָס אַ מענטש קען זיך פאָרשטעלן, האָבן מיר דאָ געהאַט. אַן אמתער גן־עדן! יעדער מענטש האָט זיך געטאָן זיין טייל פאַר דער געזעלשאַפט, ווי פאַר זיך. די פרוי און דער מאַן האָבן גלייך געאַרבעט, די פרוי איז געווען פיזיש שטאַרק ווי דער מאַן. זי האָט זיך געקליידט אין דער זעלבער קליידונג ווי אין דער ערשטער צייט, ווי גאָר אין אָנפאַנג איז באַשטימט געוואָרן.

מיר האָבן פאַרמאָגט וואָס יעדעס גרעסטע אַנטוויקלטע לאַנד האָט געהאַט, דאָך האָבן מיר זיך דערביי ניט אָפּגעשטעלט אַפילו ניט פאַר קיין זאַך, וואָס עס קען זיין שווער אָדער אוממעגלעך. מיר האָבן אויף אַלץ זיך אונטערגענומען און אַלץ אַדורכגעפירט, און דערגרייכט.

קיין אומנויטיקע זאַכן האָבן מיר ניט גענוצט, ווי צום ביישפּיל, שיינע קליידער, וועלכע האָבן צוגענומען אומזיסטע צייט און ענערגיע.

אין קליידונג האָבן מיר געלעבט זייער פּרימיטיוו, ווייל די מידה פון גרויסן זיך, איינער קעגן אַנדערן, איז ביי אונדז ניט געווען. יעדער האָט געקענט קריגן וואָס דער אַנדערער האָט געהאַט. אַחוץ דעם האָט צופרידנגעשטעלט אונדזערע פרויען דאָס איינקאָלירדיקע קלייד — דאָס ווייסע אָדער דאָס בלויע און רויטע וואָס מיר האָבן באַארבעט.

אַ כ ט ע ר ק אַ פּ י ט ל

אַ גרויסער יום־טוב איז געווען צו דעם 50טן געבוירנטאָג פון אונדזער וועלט. אַ נאַציאָנאַלער יום־טוב . . . עס האָבן זיך געפּרייט קליין און גרויס און איבערהויפּט די אַלטע, וועלכע האָבן געוואוסט ווי ניט גרינג עס איז אַלצדינג אָנגעקומען. אויך דער צווייטער דור האָט דאָס געפילט — זיי האָבן גענוג מי אַריינגעלייגט אין זייער געבורטס־לאַנד, פּונקט ווי זייערע טאַטעס און מאַמעס וואָס זיינען אַהערגעקומען.

מיר האָבן געהאַט טויזנטער קאָמיסאַרן. יעדער פון זיי האָט ערלעך און איבערגעגעבן געדינט די באַפעלקערונג מיט ליבע און האַרציקייט.

אין מיטן פון דער שטאָט, וואו די גרויסע געביידע איז געשטאַנען, האָט מען די ערשטע סטאַטוע אויפגעשטעלט — די סטאַטוע פון קאַלענין, דעם אַרכי־טעקטאָר פון דער נייער וועלט. די ליכטיקע, וואַרעמע זון האָט זיי געוואַרעמט און געגלעט און די בלויע הימלען האָבן זיי איינגעהילט.

אין דעם ערשטן יאָר פון צווייטן האַלבן יאָרהונדערט האָבן מיר אויפגע־שטעלט אַ סך סטאַטועס פון אונדזערע גרויסע מענטשן. מיר האָבן שטענדיק גע־זוכט אין לעבן פון דעם פאַרדינטן, ער זאָל זיין דענקמאָל אָנזען מיט זיינע אייגענע אויגן.

מיר האָבן געהאַט מאַשינען אין יעדן צווייג פון פּראָדוקציע. די דאָזיקע מאַשינען האָבן אונדז געמאַכט די אַרבעט גרינגער און קירצער.

דער קאַפּיטאַן, וועלכער איז שוין געווען אַלט איבער ניינציק יאָר, האָט זייער יונג און גוט געפילט. דעם חלום, וואָס ער האָט אַרומגעטראָגן זיין גאַנץ לעבן אויף דער נייער וועלט, האָט ער פאַרעפנטלעכט. אָט האָט ער דערפונדן אַ שיף וואָס קען קיינמאָל ניט זינקען. די שיף האָט געהאַט דריי ווענט און אַ פלאַכע דעק מיט אַ טיפער, שטאַרקער מיטלסטער וואַנט, וואָס האָט געדינט פאַר אַ רודער.

די מאַשינען האָט מען גענוצט די זעלבע ווי אויף דער אַלטער שיף.

די שיף האָט זיך קיינמאָל ניט געקענט לייגן אויף אַ זייט, אַפילו ניט אין אַ שטורעם . . .

דער קאַפּיטאַן האָט געפּלאַנעוועט צו גיין זוכן די אַלטע וועלט און זען וואָס עס איז מיט איר פאָרגעקומען. פאַר דער צייט פון די 50 יאָר איז דאָ קיין שיף ניט פאַרביי געפאָרן. דער קאַפּיטאַן האָט גענומען טראַכטן פון דער פאַרלוירענער וועלט.

זיין פּלאַן איז די קאָמיסאַרן געפעלן געוואָרן און מע האָט גענומען בויען די שיף.

לויט דעם קאַפּיטאַנס פּלאַן, האָט מען ביים ברעג פון ים געבויט אַ פאַבריק און דאָרט האָט מען עס גענומען בויען די שיף, ווי מע פלעגט אַמאָל בויען אויף דער אַלטער וועלט.

פינף יאָר האָט גענומען ביז די שיף איז פאַרטיק געוואָרן. עס איז געווען די ערשטע שיף, וואָס איז ביי אונדז דאָרט געבויט געוואָרן.

די ערשטע פּראָבע האָט זיך איינגעגעבן . . . די שיף איז אַ געלונגענע; די איז געווען גוט און האָט געקענט פירן 200 מענטשן מיט אַ פּראָוויאַנט פאַר זעקס חדשים עסן און טרינקען.

הילדא האָט זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט צו איוואַן פּעטראָוון:

— נו, ווי געפעלט אייך, חבר, אַזאַ חלום? קענט איר עס זיך פאָרשטעלן?

איוואַן האָט געפרעגט:

— איז דאָס דער גאַנצער חלום? איז דאָס דער סוף, טייערע חברטע?

זי האָט אויף אים געקוקט שמייכלענדיק. איר האָט הנאה געטאָן זיין אויס־דרוק: „טייערע" . . . טייערע חברטע! . . .

— דאָס איז נאָך ניט קיין העלפט פון דעם חלום, געערטער חבר, — האָט זי געזאָגט, און ליב געקוקט אין זיינע אויגן . . .

— מיר וואָלט ניט מיאוס געוואָרן אייך צו הערן און הערן, — האָט איוואַן פּעטראָוו זיך אָפּגערופן. — אָבער איז דאָס באמת אַ חלום? טראַכט איר דאָס ניט אויס? איר דערציילט דאָך וואונדערבאַר, וואונדערבאַר, זאָג איך אייך! . . .

— ווירקלעך, ווי עס איז איצט טאָג, — האָט הילדא געענטפערט. איך האָב זיך אין מיטן חלום אויפגעכאַפּט, און פון דערפאַרונג ווייס איך, אַז כדי צו ציען דעם חלום ווייטער, איז צו האַלטן פאַרמאַכט די אויגן, ביז איך ווער ווידער אַנט־שלאָפן. וואָס איך האָב טאַקע געטאָן, און בין צוריק איינגעשלאָפן. דאַן איז דער חלום ווייטער געגאַנגען. נאָר צום סוף, ניט פאַרענדיקט, האָב איך זיך אויפגע־כאַפּט און דעם שרעקלעכן סוף האָב איך ניט געזען, און אַזאַ סוף ווילט זיך מיר אויך ניט זען, אַלנפאַלס וועל איך היינט שוין מער ניט דערציילן, ווייל מיר איז שוין טרוקן אין האַלדז, עס שטיקט מיך.

— אפשר פילט איר זיך קראַנק? — האָט דער דאָקטאר געפרעגט, און האָט דערשראָקן אַ טאַפּ געטאָן איר פּולס. — לייגט זיך צו, — האָט ער זאָרגפעליק איר געבעטן.

— איך פיל זיך זייער גוט, — האָט זי געזאָגט — בלויז פון ריידן איז מיר טרוקן געוואָרן אין האַלדז. אָט דאָ אין האַלדז, — האָט זי געוויזן מיטן פינגער . . .

ער האָט זי גענומען אין אָרעם און זי געפירט אין שפּיטאָל אַריין. הילדא האָט זיך געלאָזט פון דאָקטאר פירן ביים אָרעם, זי האָט געפילט אַזוי גוט פון זיין באַרירונג.

— ווי גוט איך פיל זיך לעבן אים, — האָט זי געטראַכט ביי זיך.

און ער האָט זיך אָפּגערופן:

— און ווען וועט איר מיך אויסהערן, חברטע הילדע? — און אַזוי צאַרט געקוקט אויף איר.

— מיר האָבן דאָך אָפּגעמאַכט, — האָט זי אים דערמאָנט — איך דאַרף פריער ענדיקן מיין חלום, — האָט זי אים אַ קניפּ געטאָן אין באַק.

עס איז געקומען די צייט ווען ער האָט געדאַרפט אַוועקגיין, האָט ער איר

געגעבן די האַנט, און הילדא האָט אים דערמאַנט מיט אַ מאַך מיטן פינגער:

— פאַרגעסט ניט קומען אין צייט, ווייל וואָס ווייטער איז אַלץ אינטע־רעסאַנטער.

— איך וועל קומען, חברטע, איך וועל קומען . . . צו אייך וועל איך שטענדיק קומען . . .

איוואַן פעטראָוו איז געקומען אַהיים אַ נייער מענטש. ער האָט פאַרשטאַנען אַז הילדא איז צו אים ניט גלייכגילטיק . . . ער האָט זי געהאַלטן אין אָרעם און איר אָרעם האט זיך געטוליעט צו אים מיט ווייכקייט און וואַרעמקייט.

— אַך, מלאך מיינער, — האָט ער צו זיך גערעדט — ווי ליב איך האָב זי, ווי שיין זי איז, ווי קלוג, ווי איידל.

אין שפיטאָל האָבן די דאָקטורים־חברים אויף אים געקוקט איבערראַשט:

„ווי קומט עס וואָס איוואַן זאָל זיין אַזוי פריילעך? זייט ער איז אין שפיטאָל האָט מען אים נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזוי פריילעך. עפּעס ווי ער זאָל זיין אַ ניי־געבאָרענער, אַ נייער מענטש.״

דעם טאָג האָט ער געאַרבעט מיט דער גרעסטער התמדה, די פאַרוואונדעטע באַהאַנדלט מיט דער גרעסטער ליבע און זיי געטרייסט, אַז זיי וועלן נאָך געזונט ווערן און זיין נוצלעך.

ער פלעגט מאַכן שפּאַס:

— דו וועסט חתונה האָבן און פאַרגעסן אַן דיינע צרות; יאָ, וועסט ווערן אַ מענטש, און האָבן קינדער.

מאַרוסאַ, די בלאָנדע קראַנקן־שוועסטער, האָט אים ניט געקענט פאַרשטיין:

— וואָס איז דאָס מיט פעטראָוון? ער האָט זיך גאָר פאַרענדערט, אַ נייער!

איר פרויען־חוש האָט איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דאָס האָט צו טאָן מיט אַ פרוי . . . ער מוז זיין פאַרליבט!

מאַרוסאַ האָט אים ליב געהאַט. זי האָט אים געליבט פאַר זיין שטילקייט, פאַר זיין פאַרטראַכטקייט, פאַר זיין ליידנדן פנים. זי האָט ניט פאַרשטאַנען, אַז ליידן פאַרגייען אַמאָל, אַז ליידן פון פנים פאַרשווינדן פאַר דער מיידל, וואָס מען ליבט אַזוי שטאַרק און מיט האָפענונג . . . אַז אַ ניי ליכט פון אָט דער האָפענונג באַלויכט דאָס פנים. יאָ, ער מוז זיין פאַרליבט, האָט זי געטראַכט.

זי איז צוגעגאַנגען צו אים:

— חבר פעטראָוו, — האָט זי צו אים געשמייכלט — וואָס עפּעס אַזוי פריילעך היינט? און אַזוי אויפגעלייגט? . . . דאָס איז גאָר אומגלויבלעך אויף אייך!

און מאַרוסאַ האָט באַמערקט ווי ער וויל אויסשרייען זיין פרייד און וויל זיין פריידיקעס דערציילן, נאָר ער באַהערשט זיך, ער טראָגט זיין פרייד אין זיך...

פעטראָוו האָט טאַקע געוואָלט פאַר אַלעמען דערציילן; דערציילן, אַז ער האָט ליב; אַז די מיידל, וועלכע ער ליבט, איז ניט גלייכגילטיק צו אים; אַז ער וואַרט אויף מאָרגן, מאָרגן וועט ער אַלץ דערציילן און נאָך מער . . . ווייל מאָרגן וועט עס אפשר שוין זיין אַ ווירקלעכקייט, אָבער דערווייל וועט ער שווייגן, שווייגן . . .

ער האָט ביי זיך געטראַכט:

— צופיל רייס איך אויף די אויגן מיט מיין האָפענונג, צופיל . . .

פעטראָוו האָט באַשלאָסן ניט צו פרייען זיך אַזוי פאַר יעדן אין די אויגן און איבערהויפּט ניט פאַר מאַרוסאַן . . . ער האָט געוואוסט וואָס פאַר אַ געפילן

זי טראָגט צו אים, אַז זי איז ניט גלייכגילטיק און זוכט אַלעמאָל צו זיין אין זיין געזעלשאַפט, און צו זיין מיט אים אַליין.

ער האָט שוין מיט איר שפּאַצירנדיק עטלעכע מאָל גערעדט. זי האָט אים געגעבן אַנצוהערעניש, אַז אַזאַ ווי ער, ווען עס מאַכט זיך איר, וואָלט זי זיך גערן פאַרבונדען; זי זוכט אַ מענטש אַ גלייכן צו זיך, אַ חבר, אַ פריינט אין לעבן.

אויף אַזעלכע אַנצוהערענישן פלעגט ער מיט קיין וואָרט ניט ענטפערן. ער פלעגט אנשטאט דעם פאַרטומלען איר, מיט מעשות, וואו אַ וואָרט צו אַ וואָרט וואָס האָט זיך ניט געקלעפּט. ער האָט דאָס געטאָן כדי איר ניט צו געבן קיין געלעגנהייט ווייטער צו ריידן אירע אַנצוהערענישן . . . ער האָט זי פּשוט ניט געליבט.

איצט האָט פּעטראָוו פאַרשטאַנען, אַז מאַרוסאַ שטויסט זיך אָן, אַז זיין פרייד האָט מיט איר גאָרניט צו טאָן . . . אַ פרוי האָט אינסטינקט, האָט ער ביי זיך געטראַכט.

און מאַרוסאַ, מיט וואָס פאַר אַ פאַרזיכטיקייט זי האָט עס גענומען אַנטאָפּן פון וואַנען זיין פרייד וואַקסט . . . ער האָט עס אויסדריקלעך געזען אין אירע אויגן — אַזאַ שרעק, אַזאַ פאַרצווייפלונג . . . אַך ליבעס ווייטיק. ווי ס׳טוט וויי! . . .

אין אָוונט, ווען ער איז געזעסן און געלייענט אַ בוך, האָט ער געטראַכט:

— פאַרוואָס מוזן פאַרליבטע אימער ליידן? פאַרוואָס די שמערצן פון ליבע? און די דאָזיקע משוגענע ווייטאָגן? . . . עס רייסט דאָס האַרץ און הויבט דעם מוח . . . די חיות, — האָט ער געטראַכט — ווייסן ניט פון קיין אייפערזוכט. און אפשר איז ביי זיי יאָ פאַראַן אייפערזוכט? געוויס מוז זיין! אָבער ביי זיי איז עס אַ מאָמענטאַלער, ווייל עס איז אַ סעקסועלע ליבע . . . אמת, דער מענטש זוכט דאָס אויך. אָבער זוכן מיר דען ניט אַ גלייכן מענטשן, מיט אונדזער פאַר־שטאַנד, ווען מיר ליבן? . . . אָט האָב איך זיך פאַרליבט אין הילדאַן צוליב איר קלוגשאַפט, צוליב איר געלערנטקייט, צוליב איר העלדישקייט; ס׳איז אַ וואונדערבאַרער מענטש! . . .

ער האָט זיך פאַרטראַכט:

— דאָ אָבער ליגן צוויי זאַכן ביים מענטשן. — פּעטראָוו האָט גענומען פילאָזאָפירן. — וואָרט, האָט ער אין זיך געזאָגט — עס איז טאַקע אינטערעסאַנט אַמאָל צו פאַרטראַכטן זיך, וואָס איז ליבע? . . . פון וואַנען שטאַמט דער ווילן דווקא צו דעם און דעם פּערזאָן? . . . אויב עס זאָל טאַקע זיין סעקסועלע ליבע, וואָלט דער מאַן בלויז געליבט נאָר איין פרוי? עס איז אמת, אַ סך מענער וואָלטן ניט אויפגעגעבן זייערע פרויען פאַר יינגערע און שענערע, וואו דער סעקסועלער גענוס איז שטאַרקער. ווען מע איז פאַרליבט, דענקט מען פון קערפּערלעכע; מע זוכט נאָר צו זיין לעבן פּערזאָן; הערן און רעדן מיט אים. די סעקסועלע ליבע קילט אָפּ; די ליבע, די שענערע, די צויבערדיקע, וואָס עס באַפרידיקט ניט דעם קערפּער, נאָר דעם גאַנצן מענטשן. אַ שענערע ליבע, ווי די סעקסועלע, איז פאַרט די גייסטיקע. אייגנטלעך, וואָס איז ליבע? און וואָס צווינגט אונדז צו ליבן? ליבע איז אַ מין מאַגנעטיזם, די אינערציע, וואָס איז באַוועבט מיט עלעקטרישע פעדים, וואָס ציט פון דעם אויג ביזן מוח און צום האַרץ. דאָס ערשטע איז דער קוק, דאָס אויג; דאָס צווייטע — דער מאַרך; דאָס דריטע — דאָס האַרץ, דער געפיל . . . אָבער ס׳איז אַלץ אַ מיסטעריע . . .

פּעטראָוו האָט געטראַכט אַזוי און פאַרקערט. ער האָט געמאַכט פאַראַלעלן,

אַנאַלאָגן פון אַ סך געפילן, וואָס ער האָט אַליין איבערגעלעבט. ער האָט זיך ניט געוואָלט נאַרן:

— דאָס גאַנצע אין לעבן איז דאָס פּאַרזעצן; דאָס הייסט, מערן דעם מענטשן־מין . . . דאָס איז נאַטירלעך. דאָס איז אַ באַווייז, אַז די נאַטור האָט עס אין אונדז איינגעשאַפן, אַריינגעגעבן דעם ווילן, די צוציאונגס־קראַפט, וואָס טרייבט די צוויי געשלעכטער.

יעדער מאַן וועט צו יעדער צייט ליבן געשלעכטלעך אַ פרוי, אַפילו אַ מיאוסע, ניט מער, ווייל זי איז אַ פרוי . . . אָבער די פעדים, וואָס פאַרבינדן דעם מענטשן מיט דעם וואָרט ליבע, האָט ער ניט געקענט אָפּפלאָנטערן.

פּעטראָוו איז געבליבן שטייןביים וואָרט: — וואָס איז ליבע? . . .

נײַנטער קאַפּיטל

אויפן באַשטימטן פּלאַץ איז שוין הילדא געזעסן און געוואַרט אויף פּעטראָוון. זי האָט אַ גאַנצע נאַכט ניט געקענט איינשלאָפן, אַלץ געטראַכט פון אים. זי האָט געוואוסט, אַז פּעטראָוו ליבט זי. אויך נעכטן האָט זי געזען, לויט זיין אויפפירן זיך, אַז ער וויל זיך צו איר דערקלערן אין ליבע. דאָס דערפילט יעדע פרוי, ווען זי געווינט די ליבע פון דעם מאַן, וועמען זי אַליין ליבט. עס האָט געצויגן איינס צום אַנדערן. זיין באַרירונג האָט איר געברענט, געמאַכט צו ציטערן מיט אַזאַ זיסן האַרץ־קלאַפּ . . .

אָט איז ער פאַר איר געשטאַנען מיט זיינע פלאַקסענע האָר, מיט זיינע בלויאיקע אויגן געקוקט אויף איר, זיין פאַרחלומט פּנים האָט געשמייכלט צו איר . . . אָט פילט זי ווי זיינע אָרעמס האַלטן זי אַרומגענומען . . . אָט פילט זי אַפילו זיין אָטעם — ווי דופטיק, ווי געשמאַק, פאַרפיום . . .

זי האָט דערפילט טריט הינטער זיך. עס האָט איר אַ ציטער געטאָן אין האַרצן אַ פרייד־ציטער . . . און טאַקע גלייך האָט זיך באַוויזן פּעטראָוו, אַ פריילעכער מיט אַ ליבלעכן שמייכל אויפן פּנים, וואָס זי האָט עס פריער אין אים ניט געזען.

פּעטראָוו האָט איר דערלאַנגט די האַנט און זי געפרעגט וואָס זי מאַכט, ווי זי פילט זיך? ער האָט אין זיין גרויסער האַנט געהאַלטן איר קליין הענטל און פאַמעלעך געדריקט . . . דערנאָך האָט ער אויך צוגעלייגט זיין צווייטע האַנט און מיט ביידע הענט געהאַלטן איר קליין הענטל, ווי ער וואָלט מורא האָבן, טאָמער רייסט זי זיך אַרויס פון אים.

הילדא האָט אים געלאָזן טאָן מיט איר קליין הענטל וואָס ער האָט געוואָלט. ער האָט זי געדריקט, ער האָט זי געגלעט און זי האָט זיך געפילט אַזוי גוט . . .

פּעטראָוו האָט איר אַריינגעקוקט אין די אויגן און אַ פרעג געטאָן:

— ווי האָט זיך אייך געשלאָפן, טייערינקע? . . .

— גאַנץ גוט, — האָט זי פריילעך געענטפערט, ווי ס'וואָלט אַן אמת געווען.

— און מיר האָט זיך ניט געשלאָפן, — האָט ער געזאָגט.

— פאַרוואָס? — האָט זי זיך געפרעגט פאַרדאגהט.

— אָט פאַראַן פיל פון וואָס צו טראַכטן, — האָט ער געענטפערט.

— איך דענק, — האָט זי געזאָגט — איך וועל אָנפאַנגען צו ענדיקן מיין חלום . . . איאַ, ווי זאָגט איר, חבר פּעטראָוו? זעצט זיך, זייט אַ גוט ייִנגל, און הערט זיך איין, הערט זיך צו.

— הייסט עס, מיר האַלטן ביים שיף? — האָט זי געזאָגט און זיך געזעצט.

צו דער רייזע האָבן זיך געזעצט אונדזערע פּייאָניקע מענטשן. דער קאַפּיטאַן איז אויך איצט געווען דער אייגענער; דאָס הייסט, דער זעלביקער פון דער קריגס־שיף.

ביי 150 מענטשן האָבן זיך געלאָזט זוכן די אַלטע וועלט.

מע האָט זיך אָנגעגרייט מיט עסן, מיט וואַסער, באַוואָפנט מיט געווער, אַפילו אַ קאַנאָן האָט מען מיטגענומען אויף דער שיף, פונקט ווי צו אַ מלחמה . . .

עס איז געווען פריילעך אין אַלע קאָלאָניעס. די נייע וועלט איז געווען איינגעטונקט אין פלאַגן און אין בלומען.

די 150 מענטשן, וואָס האָבן געדאַרפט מאַכן די רייזע אויף דער שיף, האָבן געמאַרשירט איבער דער שטאָט. מיידלעך, פרויען און מוטערס האָבן זיי באַוואָרפן מיט בלומען און מיט הוראַ־געשרייען — אַ גליקלעכע רייזע.

מיר האָבן זיי באַטראַכט פאַר העלדן, ווייל זיי האָבן דאָך אייגנטלעך איינגעשטעלט דאָס לעבן זייערס. די עלטערע פון אונדז האָבן שוין געוואוסט די געפאַר פון ים און מיר האָבן געוואוסט, אַז אין אַ נויט קען אונדז באַגעגענען אַן אַנדערע שיף. אָבער איצט, האָבן מיר ניט געוואוסט, וואָס מיט דער וועלט איז פאָרגעקומען. אַז אַן אומגליק זאָל חלילה טרעפן וועט זיי אויסקומען אונטערצוגיין אין טיפעניש פון ים . . .

עס האָט זיך אָבער געוואָלט וויסן וואָס ס׳טוט זיך אויף דער וועלט . . . די אַלטע האָבן זיי ווידער דערציילט צו די יינגערע, אַז עס איז געווען אַ וועלט מיט לענדער און ביי די יונגע האָט זיך אָפּגערופן אַן ענטוזיאַזם צו זען ווי עס קוקט אויס אין די אַנדערע לענדער פון דער וועלט.

פאַר די יונגע האָט עס געקלונגען ווי אַ מעשה פון טויזנט און איין נאַכט.

דער קאַפּיטאַן איז שוין געווען זייער אַלט, מיט אים האָט געקענט טרעפן, אַז ער זאָל מיט אַמאָל שטאַרבן, און קיין גרויסע נעוויגייטאָרס זיינען פון אונדזערע ניט געווען. עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן, וואָס זיי האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין, אין דער וועלט אַריין.

דער קאַפּיטאַן האָט עס געוואוסט און ער האָט פלייסיק געאַרבעט מיט טאַלאַנטפולע יונגעלייט. געטרייסט האָט ער זיך דערמיט, וואָס אַלע פון אונדז זיינען געווען גוטע שווימער און שאַרק־שלעגער.

עס איז אמת, אַז די יונגעלייט האָבן געוואוסט ווי אַזוי צו דערהרגענען אַ שאַרק איידער ער בייסט איין. יעדער פון אונדז האָט דעריבער געהאַט מיט זיך אַ גאַרטל מיט אַ סך מעסערס פון אַלערליי גרויסן, וועלכע האָבן גענוצט פאַר אַ סך זאַכן.

געקליידט זיינען זיי געווען מיט אַלערליי פעלן: — פעל פון ים־הינט און פעל פון פיש און ים־לייבן.

ווען די שיף האָט גענומען אָפּשווימען איז דער ים־ברעג געווען פול מיט מענטשן. צענדליקער טויזנטער מענטשן האָבן נאָכגעקוקט דאָס אַוועקשווימען פון דער שיף, ביז זי איז פאַרשוואונדען אין די אַריבער האָריזאָנטן.

דער טאָג איז געווען אַ הייסער און אַלע פון אונדז האָבן זיך געבאָדן. ערשט פאַרנאַכט זיינען מיר זיך צעפאָרן יעדער אין זיין קאָלאָניע אָדער אין דער שטאָט, נייע וועלט.

קאַלעניִן איז ניט געפאָרן מיטן קאַפּיטאַן. דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל, אַז קאַלעניִן זאָל זיך אָפּזאָגן פון עפּעס אַן אַוואַנטורע . . .

געוויינטלעך פלעגט קאַלעניִן שטענדיק צושטיין צו יעדער אונטערנעמונג. ער פלעגט זיך אָנשליסן אָן יעדער עקספּעדיציע אין לאַנד, אָדער אים פלעגט אַיעדער עקספּערימענט פאַרכאַפּן, וואָס וואָלט געקענט ברענגען דעם שטאַט נוצן. פיל מאָל האָט ער איינגעשטעלט זיין לעבן וואַנדערנדיק דורך היילן און מינען. מיט איין וואָרט, ווען ער האָט אַפילו געזען דעם געפאַר פאַר די אויגן, איז ער דאַן געווען מוטיק די געפאַר צו גיין אַנטקעגן.

און דאָ מיט אַמאָל אַנטזאָגט ער זיך. דער אמת איז, אַז קאַלעניִן האָט דאָ דערזען אַ מעגלעכקייט זיך אָפּצורעכענען מיט זיין קאָנקורענט, וואָס האָט ביי אים צוגענומען זיין געליבטע, זיין ליובאַן.

ליאָ לוגין איז געווען דער יעניקער, וואָס האָט אויסגעכאַפּט די געליבטע זיינע. ער איז געווען אַ טאַלאַנטפולער יונגערמאַן, וואָס האָט זיך אַלעמאָל אינ־טערעסירט מיט אינזשענירונג. ער איז געווען אַ וואונדערבאַרער דערפינדער. און טאַקע פאַר איינער פון זיינע דערפינדונגען האָט ער עס געהאַט דעם צוטריט צו דער שיינער ליובאַן, דאָס אייניקל פון קאַפּיטאַן.

זיין מאַשין איז ניט געווען קיין גרויסע, נאָר אַ וויכטיקע. מיט זיין מאַשין האָבן מיר געפונען אַלערליי מעטאַלן, ווי קוילן, גאָלד, דימאַנטן, אייזן, קופּער, בליי, אַפילו אויל, נאַפט.

ווען נאָר די מאַשין האָט באַרירט דעם געוויסן אָרט, האָט מען שוין גע־וואוסט וואָס דאָרט געפינט זיך, די מאַשין האָט געהאַט אַזאַ זייגער מיט ווייזערס אין איר, ווי אַ קאָמפּאַס. קוים האָט מען די מאַשין צוגעלייגט צו דער ערד, פלעגט מען גלייך, באַלד וויסן וואָס אָט די ערד אַנטהאַלט, וואָס די ערד פאַר־מאָגט. די ווייזערס האָבן אויף ציפער אָנגעוויזן צי דאָרט ליגט גאָלד, אָדער קופּער, אָדער אַן אַנדער מעטאַל.

אָן דער מאַשין וואָלט מען ניט געקענט דערגרייכן דאָס, וואָס מיר האָבן דערגרייכט. מיר האָבן אַ דאַנק דער דאָזיקער מאַשין געהאַט אַלץ, וואָס יעדע ציוויליזירטע מדינה האָט כמעט געהאַט און פאַרמאָגט.

מיר האָבן די שטאָט, די נייע וועלט אויפגעבויט מיט צענדליקער יאָרן פריער ווי מיר האָבן דערוואָרט. מיר האָבן מיט אַלע אירע דערפינדונגען איבער־געשטיגן די ציוויליזירטע לענדער און פעלקער, וועלכע האָבן געהאַט אַלע מעג־לעכקייטן צו מאַכן עקספּערימענטן, צו קענען דערפינדן זאַכן.

זיינע דערפינדונגען האָבן אונדז גליק און רוים געגעבן.

ליאָ לוגין איז געווען זעקס פוס הויך, שטאַרק געבויט מיט פעך־שוואַרצע אויגן, מיט אַ שיינעם קאָפּ האָר. יעדע מיידל האָט זיך געקענט פאַרליבן אין אים.

זיין דענקמאָל איז געשטאַנען אין יעדער קאָלאָניע און אין דער נייער וועלט.

ליאָ לוגין איז געווען דאָסאייניקל פון זלמן לוגין. זלמן האָט געשטאַמט פון אַ ווילנער חסידישער משפּחה. אין דער באַוועגונג איז זלמן געווען אַלע מאָל אַ לינקער. און ווען די באָלשעוויקעס זיינען אַריין אין מאַכט, האָט ער זיך פאַר־אייניקט מיט אונדז אַלעמען. אויך ער איז געווען אַן אינזשינער און איז געווען אין ים־פלאָט, אין דער נייווי און געגאַנגען זיך שלאָגן אַקעגן די דייטשן.

זיין געליבטע, וועלכע האָט פריער באַלאַנגט צו פיר מענער, איז איצט געבליבן זיין איינציקע . . . ווייל פריער האָבן מיר נאָך געהאַט מער ווי מענער. אָבער זיי ביידע האָבן זיך געליבט.

אויך זיין זון מאַקסים האָט זלמן געהאַלטן פאַר זיין אמתן זון. ער איז געווען זיכער, אַז כאָטש זיין פרוי האָט געהאַט אַחוץ אים נאָך אַנדערע מענער, איז ער אָבער געווען דער ערשטער . . .

מאַקסים האָט טאַקע געהאַט זלמנס אויסקוק. זלמן און מאַקסים און אויך ליאַ, דאָס אייניקל — אַלע האָבן זיי געטאָן אַלצדינג פאַרן לאַנד מיט זייער גאַנצער נשמה . . . דערפאַר טאַקע איז ליאַ געפאַרן מיט זיין זיידן פון דער ווייבס זייט, דעם קאַפּיטאַן פון דער שיף.

זיין ווייב, ליובאַ, האָט אים געבעטן ער זאָל ניט מיטפאָרן און זי ניט לאָזן אַליין, ווייל זי פילט זיך זייער אומעטיק.

זיי האָבן ניט געהאַט קיין קינדער. ליובאַ האָט זייער געבענקט נאָך אַ קינד. זי איז אָבער אים, ליאָן, געווען געטריי.

די לעצטע צייט האָט זי געטראָפן עטלעכע מאָל קאַלעניגנען און, ווי עס ווייזט אויס, האָט זי אים אויך ניט פיינט געהאַט. אָבער ער האָט ניט געהאַט די פיזישע שיינקייט, וואָס ליאַ האָט געהאַט.

געוויס איז קאַלעניגן געווען גייסטיק העכער ווי ליאַ. זיין שטאַט „די נייע וועלט" האָט יעדן געמאַכט אים ליב צו האָבן און צו בענטשן זיין גייסטיקע פייאיקייט.

ער האָט זיך מער אַנגעזען ווי ליאַ, ווייל ער האָט געמאַכט אַלע באַקוועמ־לעכקייטן פאַר די מענטשן פון שטאַט. ער איז געלעגן אין יעדנס מויל פון קליין ביז גרויס. בלויז זיין אויסזען איז ניט געווען אַזוי אַנציִענדיק; מע קען זאָגן, אַז ער איז געווען ניט שיין.

זיין פּנים האָט געהאַט אַ סך פּרישטשעס מיט קרומע אויגן. ער איז אויך געווען דאַר, דערצו נאָך פינף פוס דריי אינטשעס די הויך.

אָבער דאָך האָט אים יעדער ליב געהאַט, קליין און גרויס, יונג און אַלט.

קאַלעניגן מיט ליובאַן זיינען אַרומגעגאַנגען פאַר אַ לאַנגער צייט. זיי האָבן שוין געדאַרפט חתונה האָבן. אָבער ער פלעגט אַלץ אָפּלייגן, ביז זיין פּלאַן וועט אָנגענומען ווערן, און ווירקלעך, דער פּלאַן איז טאַקע אָנגענומען געוואָרן.

זיין דערפינדונג האָט געמאַכט אַ רושם . . .

ליאַ איז פון שטענדיק אָן געווען אָן אַלטער באַזוכער ביי איר זיידן דעם קאַפּיטאַן. דער קאַפּיטאַן האָט אים זייער ליב געהאַט און געהאַלטן אים פאַר אַ זשעני.

דערזעענדיק ליובאַן איז ליאַ פון איר פאַרפלאַמט געוואָרן. ער איז שוין פון איר ניט אָפּגעטראָטן, און מיט דער הילף פון קאַפּיטאַן און אַ דאַנק זיין גרויסן נאָמען האָט זי מיט אים געהייראַט.

ווען קאַלעניגס פּלאַן איז אָנגענומען געוואָרן, האָט ער געדענקט, אַז ליובאַ וועט זיך צו אים אומקערן . . . זי האָט זיך געגומען צו אים שאַרן, נאָר ער האָט זי פאַרשטויסן . . . געוואָלט זי אייפערזיכטיק מאַכן און זיך געמאַכט, אַז ער ליבט זי שוין ניט מער . . .

דורך דער צייט האָט ליובאַ דערוויילן זיך צוגעוואוינט צו איר מאַן און זי האָט אָן אים אַ טאָג ניט געקענט זיין; איר האָט בלויז געקרענקט פאַרוואָס זי האָט ניט קיין קינדער . . .

די ליבע איז געווען ביי אונדז גאַנץ פריי, אָבער אייפערזוכט איז ביי אונדז געווען פאַררעכנט פאַר אַ שאַנדע . . . און אויב אימעצער איז פאַרט געווען אייפערזיכטיק, האָט ער דאָס אָפן ניט אַרויסגעוויזן . . .

אַזוי איז אַוועק די צייט. קאַלעניק איז שוין אַלט געווען אַרום 43 יאָר און פאַרבליבן אַ בחור; מיט אַ האַס צו פרויען, הגם ער האָט די ליבע צו ליובאַן ניט אויפגעגעבן און געוואַרט אויף דער געלעגנהייט מיט איר זיך צו פאַר־אייניקן . . .

זיין ליבע צו איר איז איבערגעגאַנגען אין אַ ליידנשאַפט; אַ ליידנשאַפט, וואָס האָט זיך ניט געקענט פאַרלעשן . . . ער האָט זי געוואָלט באַזיצן . . .

איצט איז געקומען זיין צייט:

ער האָט געוואוסט, אַז ליאַ האָט זיך מיט איר געקריגט איידער ער איז פון איר אַוועק. ער האָט אויך געהערט ווי זי האָט אים געסטראַשעט, אַז זי וועט זיך אויפזוכן אַן אַנדערן; אַז ער וועט אַפילו קומען צוריק, וועט זי שוין צו אים צוריק ניט גיין . . .

דאָס איז געווען די אורזאַך פאַרוואָס ער האָט זיך אַנטזאָגט מיטצופאָרן.

צענטער קאַפּיטל

קאַלעניקעס האָט מען שטענדיק געזען אין דער געזעלשאַפט פון ליובאַן; מען האָט זיי שוין געזען צו אָפט צוזאַמען . . . פריער האָט מען דאָס גאָר ניט באַ־מערקט און איצט האָט מען שוין גענומען רעדן אין דער שטיל . . .

גערעדט האָבן מערסטן טייל פרויען אויס אייפערזוכט צו ליובאַן, ווייל זי באַהערשט די העכסטע פון דער געזעלשאַפט, פריער ליאַן און איצט קאַלעניקען.

קאַלעניק האָט זי ליב געהאַט, ער איז אָבער געווען צו שעמעוודיק און ניט געהאַט דעם מוט צו זאָגן איר, אַז ער בענקט נאָך איר, אַז ער ליבט זי — אַ קוש צו טאָן . . . אַז ער וויל זי האָבן . . .

פלעגן זיי אָפּזיצן גאַנצע טעג, אָוונטן און שווייגן אָדער ריידן וועגן זאַכן, וואָס עס האָט ניט צו טאָן מיט זיי . . .

ליובאַ איז געווען דרייסטער פון אים און האָט אים געפרעגט צי ער האָט אַ געפיל פון אַמאָל נאָך איר, און פאַרוואָס ער האָט ניט געהייראַט.

ער האָט געשוויגן און גאָרניט געענטפערט.

זיין מויל עפנט זיך ניט, עס הויבט זיך ניט אָן צו באַוועגן זיין צונג . . .

— איך קען אים ניט פאַרשטיין, — האָט זי געזאָגט און זיך צוגערוקט צו אים, גענומען זיין האַנט גלעטן און קוקן אין זיינע אויגן, אין זיין פנים . . .
— זאָגט, האָט איר גאָר קיין פרוי קיינמאָל ניט געליבט? כ׳מיין אַלע אייערע יאָרן? פאַרוואָס זייט איר אַזוי פאַרהאַרטעוועט? . . . כ׳ווייס, — האָט זי גע־זאָגט — איר זייט בייז אויף מיר . . . אָבער דאָס איז ניט מיין שולד, דאָס איז די שולד פון מיין זיידן דעם קאַפּיטאַן, ער האָט מיך צוגערעדט.

זי האָט אים צוגעצויגן צו זיך און אים אַ קוש געטאָן.

און קאַלעניקען האָט זיך צעשפּילט אַ געפיל . . . ער מוז זיך מיט איר אַנרייצן, ער מוז מאַכן זי זאָל זיך בעטן, קניען פאַר אים.

— צו שפעט, טייערע, צו שפעט האָסטו זיך געכאַפּט, — האָט ער געזאָגט.

— איר זייט נאָך ניט קיין אַלטער מאַן, — האָט זי אים באַמערקט.

— איר אָבער זייט אַלט! — האָט ער איר געענטפערט.

— דאָס איז פון בענקעניש, — האָט זי זיך באַקלאָגט. — און בין איך דען טאַקע אַזוי אַלט? . . .

— יאָ, איר זיינט איצט ווי אַ באבע! — האָט ער געזאָגט. — שוין ניט די זעלבע וואָס מיט 20 יאָר צוריק.

ביי איר האָט זיך דאָס האַרץ אָפּגעריסן. פאַר אַ פרוי איז דאָס דער גרעס־טער אומגליק, ווען איר קומט אויס צו הערן אַזעלכע רייד פון אַ מאַן וועמען זי ליבט. אַ פרוי ווערט ניט פאַרגעבן דעם מאַן, וואָס ווערט זי אָפּשטויסן און רופן זי אַלט.

זי האָט פאַרלאָזן דעם צימער און אים געלאָזן אַליין . . .

אים האָט שוין פאַרטראָסן, וואָס ער האָט אויפגעטאָן קעגן זיך? . . . ער האָט דאָך זי אַליין פאַרטריבן פון זיך . . . יאָ, ווארום האָט ער דאָס געטאָן?

ליובאָ האָט ניט געהאַט פאַר זיך קיין אָרט, איז זי אַוועק צו איר מוטער און האָט איר געפרעגט:

— בין איך, מוטער, טאַקע אַזוי אַלט? . . . בין איך אַלט, מוטער?

די מוטער האָט זי אָנגעקוקט און זיך צעלאַכט:

— וואָס טוט זיך דאָ? וואָס איז מיט דיר? דו ביסט דאָך די זעלבע ווי דו ביסט געווען אַ מיידל . . . פאַרוואָס פרעגסטו מיך אַזאַ פראַגע? . . . ווער האָט דיר עפּעס געזאָגט? — האָט זי איר פאַרוואונדערט אָנגעקוקט.

— מאַמע, איך בין ניט ווי איך בין געווען. אָט האָב איך אַ קנייטש אין שטערן און שוואַרץ אונטער די אויגן.

— דאָס איז ביי דיר געוואָרן פון טראַכטן . . . — האָט די מאַמע געזאָגט.

— אַ פרוי, אויב זי וויל זיין שיין, דאַרף זי ניט טראַכטן, דאַן וועט זי אימער זיין שיין.

ליובאָ איז ניט געבליבן צופרידן מיט איר מוטערס עצה, און גייענדיק האָט זי באַגעגנט די באָבע אירע.

— וואָס עפּעס אַזוי באַזאָרגט? — האָט די באָבע געפרעגט. דו קוקסט מיר היינט אויס פאַרענדערט, אַנדערש, ניט ווי אַלע מאָל. פאַרוואָס אַזוי פאַרדאגהט?

— באָבע, ווי ווערט מען יונג און שיין, — האָט ליובאָ געפרעגט?

— איך וואָלט עס אויך וועלן וויסן! . . . — האָט די באָבע געענטפערט און זיך צעלאַכט.

— אָבער דאָך, באָבע, ווי ווערט מען יונג? . . . איך וואָלט וועלן ווערן ווי אַ מיידל, ווי בעפאָר איך האָב חתונה געהאַט . . . איך האָב דאָך ניט קיין קינדער, באָבע.

— וואָס איז מיט דיר? — האָט די באָבע זיך געוואונדערט. — דו ביסט דאָך נאָך יונג, דו בליסט דאָך נאָך ווי אַ מיידל! . . .

די באָבע האָט זי גוט באַראַכט און געזאָגט:

— קינד מיינס, איך וועל דיר וואָס זאָגן. עס איז דאָ אַ פרוי, וואָס איז אַלט ווי איך און קוקט אויס ווי דו. איר יוגנט פאַרשווינדט ניט! זי ווייסט אַליין ניט פאַרוואָס זי ווערט ניט אַלט, אין איר אויסזען . . . זי געדענקט, זאָגט זי, ווען מיר זיינען אַריבערגעקומען אַהער אין לאַנד און מיר זיינען שיער ניט אויס־געגאַנגען פון דורשט, האָבן אַלע אַרום געזוכט וואַסער. איז זי אויך געגאַנגען זוכן. דאָס וואַסער, וואָס איז געווען אין די טייכן, איז געווען געזאַלצן און שפּלדיק; מע האָט עס ניט געקענט טרינקען. דערווייל גייענדיק אַזוי, האָט זי באַמערקט אַ וואונדערבאַרע בלום; די בלום איז געווען אָנגעגאָסן מיט אַ זעל־טענעם ווייַן אָדער אַן אַנדער פליסיקייט. זי האָט אַ כאַפּ געטאָן די דאַזיקע בלום

און זי ממש אינגאַנצן פאַרשלונגען מיטן וויין! — פון דאַן אָן ווערט זי ניט עלטער, — האָט די באָבע פאַרענדיקט.

ליובאַ האָט זיך דערפרייט און גיך אַ פרעג געטאָן:

— ווי אַזוי האָט די בלום אויסגעזען, באָבע? און וואו געפינט מען זי?

— יענע פרוי ווייסט ניט און געדענקט ניט ווי אַזוי די בלום האָט אויסגעזען און וואו מען געפינט זי, — האָט די באָבע געענטפערט. — מיר אַלע פרויען האָבן שוין פיל מאָל געזוכט די דאָזיקע בלום, מיר האָבן זי אָבער ניט געפונען. עס ווייזט אַלענפאַלס אויס, אַז קיינער האָט זי ניט געפונען . . .

— דענקסטו, באָבע, אַז די דאָזיקע בלום איז פון אייביקער יוגנט? — האָט ליובאַ געפרעגט.

— עס ווייזט אויס אַזוי! . . . עס ווייזט אַזוי אויס, מיין קינד!

— דאַן גיי איך זי זוכן! — האָט ליובאַ געזאָגט.

— אָבער קינד מיינס, מע ווערט אַלט און העסלעך ווען מע געפינט זי ניט. די אַלטקייט דערגענטערט זיך שנעלער פאַר די וואָס זוכן זי און געפינען ניט! . . . אַזוי האָט עס שוין געטראָפן מיט אַ סך פון אונדזערע . . .

ליובאַ האָט זיך פאַרטראַכט און צום סוף באַשלאָסן:

— וואָס ס׳זאָל ניט זיין, איך גיי זוכן די בלום! . . . יאָ, באָבע, איך גיי זוכן די בלום!

— אָבער קינד מיינס, קיינער האָט זי דאָך נאָך ביז איצט קיינמאָל ניט געפונען!

— אָבער יענע האָט דאָך יאָ געפונען, אַזאַ בלום, — האָט ליובאַ געענטפערט.

— זי איז נאָר געווען איינע, — האָט די באָבע ווידער געענטפערט — און טויזנטער אַנדערע פרויען האָבן זייער שיינקייט פאַרלוירן צוזאַמען מיט זייער יוגנט, זוכנדיק די דאָזיקע בלום און זי ניט געפונען . . . פאַרשטייסטו, מיין קינד? . . .

— כ׳וועל איינשטעלן, באָבע, — האָט ליובאַ געענטפערט. — צוליב אייביקער יוגנט איז כדאי איינצושטעלן! . . .

ליובאַ האָט באַשוואָרן דער באָבען קיינעם קיין וואָרט וועגן דעם ניט צו זאָגן.

די באָבע האָט צוגעזאָגט ניט אויסצוזאָגן פאַר קיינעם און דערביי איר געבעטן, זי זאָל זי אויך האָבן אין זינען בעת זי וועט געפינען די בלום.

— טאָמער געפינסטו די בלום, מיין קינד, פאַרגעס ניט אָן דיין באָבען! . . . ווייל, אַז מע ווערט אַלט און מיאוס, ווילט זיך ערשט לעבן און געניסן פון לעבן . . . אָבער אַ שיינע פרוי איז קיינמאָל ניט אַזוי קלוג ווי די ניט־שיינע . . . דעריבער הער זיך איין, מיין קינד, פאַר אַ פרוי איז מער ווערט צו זיין יונג און שיין, איידער קלוג און העסלעך! . . . און טאָמער געפינסטו יאָ די בלום, פאַרגעס ניט אָן מיר . . . פאַרגעס ניט אָן דיין באָבען!

— גוט, איך זאָג דיר צו, באָבע! — האָט ליובאַ פאַרשפּראָכן.

עלפטער קאַפּיטל

ווען די זון האָט גענומען אויפגיין, האָט ליובאַ פאַרלאָזן די שטאָט „די נייע וועלט“ און זיך געלאָזן איבער לאַנד זוכן די בלום. דער טאָג איז געווען אַ הייסער,

אַ שטיקענדער, די זון האָט געברענט. אַפּגייענדיק אַ האַלבן טאָג, האָט זי זיך געזעצט אָפּרוען און צובייסן. די זוילן און די פּיס האָבן געברענט ווי פייער. נאָכן אָפּרוען זיך עטלעכע שעה, האָט זי זיך ווידער געלאָזן אין וועג אַריין. ביי־טאָג האָט די זון נאָך מער געברענגט, אַז עס איז געווען אוממעגלעך אַריבער־צוטראָגן . . . ביינאַכט האָט זי זיך צוגעשלעפּט צו אַ קאָלאָניע, אַ צעבראָכענע און אַן אויסגעמאַטערטע, האָט זי זיך דאָרט אָפּגעשטעלט איבערנעכטיקן.

— פון וואַנען קומט איר? — האָט איר געפרעגט דער קאָמיסאַר.

— איך קום פון דער שטאָט „נייע וועלט" און בין די פרוי פון ליאָן . . .

דערהערנדיק ווער זי איז, האָט מען איר פיין אויפגענומען, מיטן גרעסטן כבוד.

אָפּזייענדיק דאָרט אַ טאָג צוויי, האָט ליובאַ דערקלערט, אַז זי מוז באַזוכן אַלע קאָלאָניעס.

— דאָס איז ניט מיין ציל, — האָט זי געזאָגט. איך דאַרף דורכפירן אַן אַרבעט! . . .

— ווילט איר אפשר, אַז אימעצער זאָל מיט אייך מיטגיין? — האָט ביי איר געפרעגט דער קאָמיסאַר. — עס קען נאָך מיט אייך וואָס טרעפן אין וועג.

— ניט נייטיק, — האָט זי געענטפערט — איך וויל גיין מיין וועג אַליין.

און צומאָרגנס האָט זי זיך געלאָזט אין וויטערן וועג אַריין . . .

עס איז אויסגעקומען דורכצוגיין אַ וועלדל, און דאָ האָט זי מיט אַמאָל באַמערקט פון וויטן אַ בלימל . . .

— אַ מאָדנע בלימל, — האָט זי צו זיך אַ זאָג געטאָן — מע דאַרף עס באַ־טראַכטן . . .

ליובאַ האָט זיך געלאָזט צוגיין צום בלימל. מיט אַמאָל איז דער וועג פאַר איר געוואָרן פאַרשטעלט מיט צווייגן און שטעכיקע דערנער. זי האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט, געגאַנגען וויטער, צעשניידנדיק זיך און צערייסנדיק אויף זיך די קליידער און דאָס לייב. ענדלעך, דורך שווערער מי, איז איר געלונגען צוצוקומען צום בלימל. ערשט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז אַן אומשמעקנדיק ווילד בלימל . . . ליובאַ האָט פאַרבונדן אירע וואונדן, זיך אַ ביסל אָפּגערוט און געגאַנגען וויטער.

ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן, איז זי צוגעקומען צו אַ צווייטער קאָלאָניע.

אויך דאָרטן האָט מען זי אויפגענומען זייער פיין, ווען מע האָט זיך דער־וואוסט ווער זי איז. מע האָט אויסגעהיילט אירע וואונדן, און אָפּזייענדיק דאָרט עטלעכע וואָכן, האָט זי זיך ווידער געלאָזט אין וועג אַריין.

ווי אימער איז זי גאַנץ פרי אַוועק איר וועג.

דאָס מאָל איז דער טאָג געווען אַ כמאַרנער, אָבער עס האָט איר ניט אָפּ־געהאַלטן פון גיין וויטער. עס איז געווען איר פאַרלאַנג צו געפינען די יוגנט. עס איז ווערט צו באַצאָלן יעדן פרייז, וואָס עס זאָל ניט קאָסטן! . . .

אָפּגייענדיק אַרום אַ שעה, איז אָנגעקומען אַ גוס רעגן, עס האָט געגאָסן ווי מיט צעבערס . . . דער וועג איז געווען אַ ליידיקער, אָפילו אַןביימער, פון ביידע זייטן זיינען געלאָפן פעלדער פאַרזייעט מיט קאָרן און ווייץ.

דער רעגן האָט איר צוזאַמענגעדריקט און ווי איינגעקלעפּט די קליידער צו איר לייב. עס איז אַריבער דער טאָג און זי האָט גאָרניט געהאַט געגעסן פון אינדערפרי אָן. געגאַנגען איז זי אָן אָפּרו. די קעלט, די נעץ האָט זי דורכגענומען, אַריינגעגעסן זיך אין יעדן גליד פון איר קערפּער. זי האָט געפילט אַ וויטאָג אין

קאָפּ, די פּיס האָבן זיך קוים באַוואויגן. ווען זי איז ענדלעך דערגאַנגען צו דער דריטער קאָלאָניע איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט.

מיט אירע לעצטע קרעפטן האָט זי זיך דערשלעפּט צו אַ הויז און קוים עפּענענדיק די טיר איז זי ביים שוועל אַנידערגעפאַלן אַ פאַרחלשטע.

ווען זי האָט געדאַרפט זאָגן ווער זי איז, איז איר אָנגעקומען שווער אַרויס־צורייד אַ וואָרט, ווייל זי איז געווען פאַרקילט און געהאַט גרויס היץ. און אַז מע האָט דערהערט דעם נאָמען פון איר מאַן, האָט מען איר געגעבן די שענסטע באַהאַנדלונג. מיט דער גרעסטער זאָרג און אַכטונג האָט מען גענומען אַרומגיין אַרום איר.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי האָט אַנטוויקלט אַ בראָנכיטאַס און זי איז געווען אין געפאַר צו קריגן־לונגען־אָנטצינדונג. אָבער ליובאַ האָט אָפּנים געהאַט גליק, ווייל זי איז נאָך אַ לענגערער קראַנקהייט געזונט געוואָרן.

ווידער האָט ליובאַ גענומען זיך גרייטן אין וועג אַריין. די דאָקטוירים האָבן איר געהאַט געראָטן זיך ניט צו לאָזן מער אויף אַזוינע געפערלעכע גאַנגען. אָבער ליובאַ האָט זיי ניט געהערט און איז ווייטער אַוועק זוכן די בלום פון יוגנט . . .

פון דער קראַנקהייט איז ביי ליובאַן פאַרבליבן אַ כריפּ אין האַרץ און אַ קורצער אָטעם. אָבער וואָס העלפט עס? דאָס האָט ליובאַן ניט אָפּגעשטעלט פון גיין זוכן די בלום פון יוגנט.

אַ שוואָכע האָט ליובאַ געוואַנדערט איבער פעלדער, דורך וועלדער, אין היץ און אין רעגן, האָט דעם לעבן איינגעשטעלט אין געפאַר פאַר ים־חיות צו ווערן פון זיי פאַרצוקט, פון שלאַנגען געביסן . . . נאָך אַ וואַנדערן פון עטלעכע חדשים, איז ליובאַ זייער שוואַך געוואָרן, איר גאַנצער קערפּער איז געוואָרן פאַרדאַרט, האָט זייער שטאַרק געהוסט און קוים געקענט אָטעמען.

זי האָט געמוזט ליגן אין בעט און האָבן רו . . .

ליגן אין בעט, איז פאַר ליובאַן געווען זייער שווער, אַפילו איינזיצן האָט זי ניט געקענט. הגם זי האָט געוואוסט, אַז זי איז זייער קראַנק, האָט איר דאָך געצויגן און געטריבן צו גיין זוכן די בלום פון יוגנט . . .

דער ווילן פאַרצוזעצן דאָס זוכן, האָט איר פיל געהאָלפן ביי יעדן מאָל, אָבער דאָס איצטיקע מאָל איז איר ווילן באַהערשט געוואָרן פון איר קראַנקהייט.

ליובאַ האָט זיך געמוזט אונטערגעבן. די קראַנקהייט האָט זי געהאַלטן אין בעט . . .

קאַלעניןן, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז ליובאַ איז אַוועק, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דורך אים געשען. ער האָט זי באַליידיקט דערמיט, וואָס ער איז געווען צו איר קאַלט . . . ער האָט זיך איצט ניט געקענט מוחל זיין, וואָס ער האָט געפאָלגט זיין עגאָאיזם. זיך אַליין אַזוי אָפּגעטאָן . . . אַליין מיט זיין אייגן מויל האָט ער זי פאַרטריבן פון זיך . . .

וואו זי קען איצט זיין, האָט ער ניט געוואוסט. ער איז אַרומגעגאַנגען פאַר־זאָרגט און פאַרטראַכט. נאָך עטלעכע וואָכן פון ליידן און פון בענקשאַפט, האָט ער באַשלאָסן זי צו גיין זוכן . . .

ער האָט זיך פאַרטיק געמאַכט אין וועג אַריין.

קאַלעניןן איז איצט געגאַנגען זוכן זיין גרויסן פאַרלוסט . . . איצט ערשט האָט ער דערפילט וואָס פאַר אַ גרויסן פאַרלוסט ער האָט אין ליובאַס פאַרשווינדן

ווערן . . . איצט איז זי אים טייערער געווען, מער ווי ווען ניט איז פריער. ער וואָלט איצט געפאַלן צו אירע פיס און געבעטן פאַרגעבונג פאַר אַלע אירעליידן, וואָס ער האָט איר פאַרשאַפט.

ער איז געקומען אין דער ערשטער קאָלאָניע און גענומען זיך נאָכפרעגן אויף ליובאַן.

קאַלעניך איז דאָרט געוואָר געוואָרן, אַז זי איז געווען דאָרט און אַוועקגע־גאַנגען און וואוהין זי איז געגאַנגען ווייסט קיינער ניט, ווייל זי האָט קיינעם ניט געזאָגט וואו זי גייט.

קאַלעניך האָט זיך געלאָזט ווייטער גיין, ביז ער איז געקומען אין דער צווייטער קאָלאָניע. איבערן וועג האָט ער יעדן געפרעגט צי זיי האָבן ניט באַ־געגנט ליובאַן. ערשט ווען ער איז געקומען אין דער צווייטער קאָלאָניע, האָט מען אים דערציילט, אַז זי איז דאָרט געווען, און מע האָט אים אויך דערציילט וועגן די וואונדן, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט פון וועג, און אַז זי איז אַוועק מיט באַנדאַזשן אַ פאַרוואונדעטע אין וועג אַריין.

קאַלעניכס האַרץ האָט שטאַרק געליטן פון דעם, וואָס ער האָט געהערט.

— וואָס איך האָב דיר אָפּגעטאָן, טייערע ליובאַ! — האָט ער געקרעכצט.

— און זיך אַליין האָב איך אויך אָפּגעטאָן . . . איך האָב זיך אַליין מיין האַרץ פאַרוואונדעט.

אַך, ווען ער געפינט זי . . . איצט וואָלט ער ערשט געוואוסט ווי אַרומצוגיין אַרום איר . . . ער ליבט זי דאָך אַזוי שטאַרק! . . .

ער האָט זיך ווייטער געלאָזט גיין זי זוכן און אויך דורכגעמאַכט אַלערליי וועטערן, ווי היץ, שטורעמס און געפאַרן. פיל מאָל איז ער געווען ניט ווייט פון ליובאַן און ניט געוואוסט. ער פלעגט אַוועק אין אַן אַנדער ריכטונג . . . ער איז אַוועק ווייטער און גראָד אין יענער שטאָט, וואו ער וואָלט זי געקענט זען, טרעפן, איז ער ניט געגאַנגען זוכן . . .

נאָך עטלעכע חדשים וואַנדערן, האָט קאַלעניך, אַן אויסגעמאַטערטער, באַ־שלאָסן זיך אויסצורוען . . . זיין דאַרער קערפּער איז נאָך דאַרער געוואָרן און געבויגן האָט זיך זיין רוקן. ער מוז זיך אויסרוען!

ווען ער איז געקומען אין אַ שטאָט, האָט קיינער ניט געוואוסט ווער ער איז און קיין ספּעציעלע אויפנאַמע האָט מען אים ניט געגעבן, ווייל ער האָט ניט געוואָלט מען זאָל פון אים וויסן.

אין דער שטאָט, וואו ער איז איצט געווען, האָט זיך געבויט אַ הויז לויט זיין פּלאַן . . . ער האָט געהערט ווי אַלע רעדן וועגן אים און דערמאָנען זיין נאָמען צו גוטן. קיינעם איז ניט איינגעפאַלן, אַז דאָס איז ער, דער אַרכיטעקטאָר קאַלעניך . . .

קאַלעניך האָט זיך באַקענט מיט איינעם אַן אַלטן מאַן, איינער פון די ערשטע אַריבערגעקומענע, אַ מאַן פון אַ יאָר 80. ער האָט געאַרבעט ביי די גרויסע טירן פון אַ ניי גרויס הויז.

מיט אים האָט זיך קאַלעניך באַקאַנט און פאַראינטערעסירט, ווייל דער אַלטער האָט זייער פלייסיק געאַרבעט און האָט אויך די שווערע אַרבעט ליב געהאַט.

דער אַלטער האָט זיך אַפילו אויף קאַלעניכן ניט אומגעקוקט, ווי ער וואָלט דאָרטן ניט געווען, ווען יענער האָט אים אַזוי באַטראַכט. ער האָט זיך רואיק גע־

אַרבעט. עס איז אים אַפילו ניט אָנגעקומען שווער די אַרבעט, כמעט גאָר ווי אַ יונגער מענטש.

אָפּטוענדיק אַ שווער שטיקל אַרבעט, האָט ער זיינע לאַנגע וואָנצעס פאַר־גלייכט, אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן און פאַרגעזעצט די אַרבעט, ניט אַרומקוקנדיק זיך.

— זיידע, האָט קאַלענין זיך אָפּגערופן — וואָס איז דער געאייל? . . .

דער אַלטער האָט זיך אַ קער געטאָן און באַטראַכט קאַלענינען.

און קאַלענין האָט פאַרגעזעצט:

— עס איז פאַראַן גענוג צייט, אַלטער, זאָלן די יינגערע אַרבעטן . . . איר האָט שוין ווייסט אויס גענוג געאַרבעט . . . שוין צייט אָװעקצולייגן דעם האַמער.

— פאַרוואָס־זשע גייסטו אַרום ליידיק? — האָט דער אַלטער געפרעגט.

— איך קום פון דער „נייער וועלט". איך בין דאָ ביי אייך צום ערשטן מאָל.

דער אַלטער האָט זיך דערפרייט:

— אַזוי גאָר? — האָט דער אַלטער איבערגעפרעגט. — וואָס־זשע הערט זיך דאָרטן? הערט מען עפּעס פון קאַפּיטאַן מיט זיינע מענטשן? אַ. הערט מען עפּעס?

— דערווייל הערט מען גאָרניט! . . . אויסער דעם בין איך שוין עטלעכע חדשים אין וועג . . .

— וואו טראָגט זיך עפּעס אַ יונגערמאַן אין דער וועלט אַריין? עפּעס אַן עקספּעדיציע אפשר? . . . פאָרשט איר עפּעס? . . . — האָט דער אַלטער געוואָרט אויף אַן ענטפער.

— יאָ, איך זוך! . . .

— וואָס זוכסטו, מיין קינד? — האָט דער אַלטער געפרעגט. עפּעס אַ וויכ־טיקע זאַך? . . .

— זייער אַ וויכטיקע! — האָט ער געענטפערט.

— פאַר דעם וואוילזיין פון דער שטאָט? — האָט דער אַלטער געפרעגט.

— ניין, עס איז מיין גליק, וואָס איך זוך! — האָט קאַלענין געענטפערט.

— וואָס הייסט דיין גליק? אין וואָס באַשטייט דיין גליק? — האָט אים דער אַלטער געפרעגט.

קאַלענין האָט געשוויגן.

דער אַלטער האָט אים באַטראַכט און נאָך אַ קורץ שווייגן האָט ער אַ בורטשע געטאָן:

— אַ פרוי? . . .

קאַלענין האָט אויף אים אַ קוק געטאָן:

„ער האָט פאַרשטאַנען . . ."

דער אַלטער איז געווען אַ מאַן, וואָס פאַרשטייט און שטאַמט פון דער אַלטער וועלט . . .

— זעצט זיך זיידע און רוט זיך אַ ביסל אָפּ, — האָט קאַלענין אים גע־בעטן. — מיר'ן זיך אַ ביסל דורכשמועסן . . .

זיי האָבן זיך צוגעזעצט.

— זאָגט מיר, זיידע, וואָס איז גליק? ווי איך זע זייט איר אַ קלוגער און איר שטאַמט פון דער אַלטער וועלט. איר מוזט זיין זייער אַ קלוגער! . . .

— גליק, מיין קינד, — האָט דער אַלטער זיך פאַרטראַכט — גליק איז נאָר ווי איינער נעמט עס דעם לעבן זיינעם . . . גליק האָט אַ סך ריכטונגען . . .

גליק איז פאַרשיידן . . . אין דער אַלטער וועלט איז גליק געווען רייכקייט; ביי אַ צווייטן איז גליק געווען באַרימטקייט; ביי אַנדערע איז דאָס געווען צופרידנ־קייט . . . אָבער דאָ ניט יענע זאַכן. אין אונדזער וועלט זיינען מיר אַלע גליק־לעך . . . מיר האָבן אַלצדינג; מיר דאַרפן אַנדערע ניט מקנא זיין; מיר קענען געניסן פולשטענדיק פון ערדישן גליק, אַלע גלייך!

— און אין וואָס באַשטייט אונדזער ערדישער גליק? ווי זאָלן מיר עס אָנ־רופן, זיידע? — זיידעניו? . . .

— „צופרידנקייט“, — האָט דער אַלטער געענטפערט. — צופרידנקייט איז גליק.

— און אומצופרידנקייט? — האָט קאַלענין געפרעגט — אומגליק? . . .

— אומצופרידנקייט איז אומגליק! . . . — האָט דער אַלטער מסכים געווען.

— און וואָס איז דאָס גרעסטע גליק פון מאַן, פון מענטשן? — האָט קאַ־לענין אים געפרעגט.

דער אַלטער האָט אים אָנגעקוקט.

— ליבע, — האָט דער אַלטער געענטפערט. — די ליבע פון צוויי געשלעכ־טער . . . ווען אַ מענטש איז הונגעריק קען ער ניט זיין גליקלעך . . . זיין מאָגן מוז צופרידנגעשטעלט ווערן . . . און מיט דער צופרידנקייט פון זיין מאָגן איז אויך צופרידן יעדער גליד פון זיין קערפּער . . . . די צווייטע באַדערפעניש פון קערפּער איז געשלעכט . . .

פאַרוואָס אָבער ציט אונדז גאָר צו דער און דער פרוי און פאַרקערט? . . .

אָ, דאָס, וואָס מיר רופן אָן מיטן נאָמען גליק. אָדער בעסער געזאָגט: ליבע...

מיר קענען לעבן מיט אַ פרוי אָן ליבע, אַזוי ווי מיר קענען לעבן מיט עסן וואָס מיר גלייכן ניט! . . .

צום ביישפּיל, וואָס האָבן מיר געטאָן ווען מיר זיינען אָנגעקומען אַהער? מיר האָבן געגעסן און געטרונקען, וואָס מיר האָבן געהאַט, און מיר האָבן געלעבט מיט אַ פרוי, וואָס מיר האָבן ניט געליבט, אַבי מיר האָבן געהאַט די באַדערפע־ניש . . . דאָס מיינט, מיר האָבן באַפרידיקט אונדזער עקסיסטענץ! . . . מיר האָבן געגעבן דעם קערפּער זיין פאַרלאַנג! . . .

קיין גליק איז אָבער אין דעם ניט געווען . . . מיר האָבן געגעסן, וואָס מיר האָבן ניט געוואָלט . . . און די פרוי, וואָס האָט אונדז מיט איר ליבע ניט גע־צויגן, איז געווען די, מיט וועלכער מיר האָבן געלעבט . . .

אָבער גליק באַשטייט אין ליבע! . . . ווען מען ליבט די זאַך, וואָס אַפּעלירט צו אונדז קעגנזייטיגט, איז גליק און צופרידנקייט.

מען עסט, וואָס מע האָט ליב, איז דערביי גאָר אַן אַנדערער טעם, און לעבט מען מיט אַ געליבטער פרוי, איז די ליבשאַפט די אמתע . . . דאַן איז אינעם גע־שלעכטלעכן טעם גן־עדן פון לעבן — און דאָס איז, וואָס מיר מענטשן קענען רופן גליק, — האָט דער אַלטער פאַרענדיקט. — אַ פרוי וואָס מען ליבט איז טעם גן־עדן.

— און פאַרוואָס איז דער מענטש אַזוי עגאָאיסטיש? — פאַרוואָס איז ער אַזוי אַנדערש ווען ער איז שוין גליקלעך? — האָט קאַלענין געפרעגט. — פאַר־וואָס וואַרפט זיך דער מענטש מיט דער זאַך, אָדער ווי איר זאָגט: מיט דער פרוי, וואָס ער ליבט? . . .

— קיין מענטש איז ניט גליקלעך אַפילו אין זיין גליק . . . מיר זיינען אַפילו אין אונדזער צופרידנקייט ניט צופרידן . . . ערשט אַז מען פאַרלירט דאָס

גליק, דאַן ערשט דערפילן מיר, אַז מיר האָבן זיך אַליין געשלאָגן און מיר פילן אַליין דעם ווייטאָג . . . דערפאַרונג אין מיין לעבן האָט עס מיך געלערנט . . . אָט וועל איך אייך דערציילן וואָס איך האָב אַליין איבערגעלעבט:

דער מאַן האָט אַרויסגענומען אַ נאָזטיכל, האָט גוט אַרומגעווישט זיין שווייס, זיך אויסגעשנייצט די נאָז, אָפּגעווישט די רויטלעכע אויגן.

— ווען איך בין אַלט געווען אַ יאָר 18, בין איך געווען אַ סטודענט אינעם ערשטן יאָר אין פּעטערבורגער אוניווערסיטעט. מע האָט מיך פאַרפאָלגט פאַר מיין אָפּשטאַמונג, ווייל איך בין געווען אַ ייד! . . . אַ יידן, האָט מען פאַר־פאָלגט! . . . פאַרפאָלגט האָט מען אים פאַר זיין פייאיקייט און פאַר זיין ליבע צום מיטמענטשן. יאָ, צום מיטמענטשן.

מיך האָבן די סטודענטן פאַרפאָלגט ווייל איך בין געווען ערלעך, האָב זיך גוט געלערנט און זיך ניט אויפגעפירט ווי זיי . . . זיי זיינען געווען שיכורים, הולטייעס . . .

די פּראָפעסאָרן האָבן מיך געערט פאַר מיין גוט לערנען, און פלעגן מיך זידלען אויפן חשבון פון מיין יידישקייט . . . דאָס דאָזיקע לעבן האָט מיך שיער ניט געטריבן צו זעלבסטמאָרד. אַזוי האָבן זיי פאַרביטערט מיין לעבן.

זיינען אָבער צווישן די גויים אויך געווען אַזעלכע, וואָס זיינען געווען צו מיר פריינדלעך. צווישן זיי איז געווען איינע אַ מיידל — ניט קיין יידישע.

דאָס דאָזיקע מיידל האָט געהאַט מוט זיך אַנטקעגן צו שטעלן קעגן דער גאַנצער באַנדע פאַרפאָלגער און מאַטערער . . . זי איז געווען אַ וואונדערבאַר מיידל. זי האָט זיך אין מיר פאַרליבט פאַר מיינע ליידן. זי פלעגט מיך רופן: מאַרטירער! יעזוס! . . . אַזוי פלעגט זי מיך רופן.

קיין שיינע איז זי ניט געווען — אַ דאַרע, אַ הויכע, אָבער אינגאַנצן מיאוס איז זי אויך ניט געווען . . . מע האָט געקענט מיט איר פאַרברענגען . . . זי האָט געהאַט זייער שיינע לאַנגע האָר, שוואַרצע, טיף פאַרטרוימטע, פאַרחלומטע אויגן און דינע שמייכלדיקע ליפּן. זי פלעגט אַ סך לייענען, פאַרמאָגט זייער אַ פיינעם באַגריף פון גוטע און שלעכטע ליטעראַטור.

אַמאָל האָב איך אָנגעשריבן אַ קליינע נאָוועלע און האָב זי פאַר איר פאַר־געלייענט, האָט זי געטאַנצט פאַר שמחה . . . .

— וואונדערבאַר! — האָט זי אויסגעשריגן. — דאָס איז קונסט! . . .

און זי האָט געגומען פאַר מיר מאָלן יעדן כאַראַקטער, ווי ריכטיק ער איז אויסגעהאַלטן און ווי שיין. מיט איין וואָרט — אַ קונסט־ווערק, נאָך איר מיינונג.

זי האָט מיר געוויזן: מיינע אייגענע געפילן וועבן זיך מייסטערהאַפט.

— איר קענט פאַרשטיין, אַזאַ מענטשן קען מען אַכטן ווען אַפילו מען ליבט אים ניט . . .

— איך האָב זי קערפּערלעך ניט געליבט; איך האָב זי אָבער געליבט גייסטיק . . . און האָב זיך מיט איר אין אַלצדינג באַראַטן. איך האָב קיין זאַך ניט געטאָן אָן איר וויסן, אָן איר עצה . . .

פילע האָבן אונז געהאַלטן פאַר אַ פּאָר. אויך זי, — נינאַ, האָט זי גע־הייסן, — האָט מיך געהאַלטן אַז איך בין אירער . . . איר צוקונפטיקער מאַן.

איינמאָל זיצנדיק אַזוי מיט איר, זאָגט זי:

— מאָזעס, אויף אייער וואַקאַציע זאָלט איר פאָרן מיט מיר אויף אונדזער

אימעניע. דאָרטן וואָלט איר זיך גוט אויסגערוט . . . יאָ, קרעפטן האָבן פאַר ווייטערדיקער אַרבעט.

איך בין מיט איר געפאָרן.

אויף דער אימעניע האָב איך זיך זייער גוט געפילט, גאָר ניט ווי די קריסטן. עס איז געווען אַ זייער פריי הויז . . דערהויפּט איר פאָטער.

איר פאָטער, אַן עלטערער פריץ, מיט גרויסע באַקן־בערד, האָט גערעדט מיט אַ שטאַרקן באַסאָוון טאָן . . . איז צו מיר זייער פריינדלעך געווען, פלעגט מיט מיר רעדן וועגן ליטעראַטור און איבער פילאָסאָפיע . . . געווען איז ער אַ גרויסער אָנהענגער פון שפּינאָזאַ, שאָפּענהויער. פון רוסאָס פילאָסאָפיע האָט ער ווייניק געהאַלטן . . . און ער פלעגט מיר זאָגן:

— די יידן קענען בעסער פילאָסאָפירן ווי מיר גויים . . .

— טאָ פאַרוואָס פאַרפאָלגט מען אונז אַזוי? — פלעג איך אים פרעגן — ווען מיר זיינען אַזאַ נייטיקייט פאַר דער וועלט? . . .

— ווייל מיר זיינען אייפערזיכטיק אויף די יידן . . . יידן זיינען אויסגעווײלטע פון גאָט. גאָט האָט אין די יידן אַריינגעגעבן זיין געטלעכקייט! . . . אָבער דאָס וועט אָנהאַלטן אייביק, סיידן די יידן וועלן זיך אַסימילירן און אַראָפּוואַרפן דעם רעליגיעזן מאַנטל, וואָס אויף די קריסטן וואַרפט עס אַ מיסטישע מורא . . .

— אין יעדער רעליגיע איז פאַראַן מיסטישע שרעק, — האָב איך אים געענטפערט. — איז דען אין דער פּראָצעסיע פון די גלחים פאַראַן ווייניק מיסטישעס און שרעק?

— אין אַלגעמיין איז איר פאָטער געווען אַ זייער ליבעראַלער מענטש.

איר מוטער איז געווען דער היפּוך פון פאָטער. זי איז געווען אַ יונגע פרוי פון אַ יאָר 39 אָדער 40. געהייראַט האָט זי צו 18 יאָר און צו 19 האָט זי נינאַן געבוירן. דער פאָטער איז געווען עלטער פון דער מוטער מיט אַ יאָר 20.

ווען די מוטער האָט געהערט, אַז איך בין אַ ייד, האָט זי געביטן איר שטעלונג, רעספּעקט פאַר מיר. איך האָב דאָס פאַרשטאַנען און האָב געוואָלט פאַרלאָזן די אימעניע, דאָס הויז.

נינאָ האָט שיער ניט געחלשט פאַר ערגערונג.

די מוטער האָט געמוזט צו מיר קומען און בעטן, אַז איך זאָל ניט פאַרלאָזן דאָס הויז, נינאַן, ווייל זי וועט זיך פילן אומעטיק אַליין — איך זאָל בלייבן:

— ווי עס ווייזט אויס האָט זי זיך צו אייך צוגעוואוינט, — האָט זיך די מוטער גענומען בעטן ביי מיר און דערביי מיר אויך אַ שטאָך געטאָן: — אייגנטלעך, וואו האָט זי זיך מיט אייך באַקענט . . . אין אַ סינאַגאָגע?

איך האָב פאַרשטאַנען וואו דער שטאָך צילט און האָב זיך אָפּגערופן:

— אַזאַ איידעלע נשמה טרעפט זעלטן ביי רייכע, אַזאַ גוט און מענטשלעך הארץ קען נאָר קומען פון די פאָלקס־מאַסן.

האָט זי זיך אָנגעבלאָזן, דערנאָך אַ שמייכל געטאָן און צום סוף געזאָגט:

— הייסט עס, אַז נאָר גוטע מענטשן זיינען די אָרעמע, אַזוי מיינט איר? די רייכע זיינען נאָר —

— אָ, געוויס! . . . — האָב איך געענטפערט און אין האַרצן האָט מיר הנאה געטאָן, וואָס איך האָב איר אַריינגעטראָפן, און זי האָט טאַקע געפילט ווי איך האָב געוואָלט, אַז זי זאָל פילן . . .

פון דאַן אָן האָט זי שוין אויך געביטן איר באַציאונג צו מיר. זי האָט זיך

דערלויבט נעמען מיך מיט נינאָן אויף אַ שפּאַציר אין פּרוכט־גאָרטן. דאָס האָט זיך גאַנץ אָפּט איבערגעחזרט . . . אויך האָט זי געגומען אַ שטעלונג אין די נייעס, אַז עס האַלט ביי אַ מלחמה, אַז איר שרעקט דאָס הארץ, אַז די מלחמה וועט פאַרניכטן רוסלאַנד: ווי דאָס הארץ האָט איר געזאָגט.

— אָ, רוסלאַנד וועט קיינמאָל ניט אונטערגיין, — האָב איך געזאָגט. — רוסלאַנד איז צו גרויס און צו מעכטיק, אַז זי זאָל אונטערגיין!

— אָבער די רעוואָלוציאָנערן, — האָט זי מיט שרעק געקוקט אויף אונדז.

— דאָס איז עפּעס אַנדערש, — האָב איך געזאָגט. — דאָס מיינט דאָך ניט אַז רוסלאַנד וועט פון דעם אונטערגיין . . .

— און וואָס מיינסטו, מאַמע? — האָט נינאַ זיך אָפּגערופן — אַ רעפּובליק איז ניט אַמאָל בעסער? . . . מע דאַרף זיך ניט שרעקן . . . רוסלאַנד וועט בלייבן!

— וואָס, דו אויך?! — האָט זי אויף איר אַ געשריי געטאָן. — אָט גיי איך גלייך צום פּאַפּאַ און אים דערציילן!

און אַ קוק טוענדיק בייז אויף מיר איז זי אַוועקגעלאָפן פון אונדז.

— זי וועט שוין פאַרקאָכן אַ קאַשע, — האָט נינאַ געזאָגט.

— און איך וועל זיין דאָס כפּרה־הינדל, — האָב איך באַמערקט.

— נאָר ניט שרעקט זיך, — האָט מיך נינאַ געזוכט צו באַרואיקן — אַלץ וועט זיין גוט. איך באַלאַנג צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, — האָט זי מיר פאַרטרויט.

איך האָב זי אַנגעקוקט איבערראַשט:

— איר באַלאַנגט טאַקע?

— יאָ, — האָט זי מיר פאַרזיכערט.

איך האָב זי ערשט ריכטיק באַטראַכט: פאַר דער קורצער צייט איז זי געוואָרן פעטער, אירע באַקן — פולער און רויטער פון דער זון . . . איך מוז זאָגן, אַז זי האָט מיר איצטער אויסגעזען שענער, נייער, פרישער, ליכטיקער . . .

אויף מיין איבערראַשונג, צי זי איז טאַקע אַנגעשלאָסן אָן דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, האָט זי זיך אָפּנים ניט געריכט.

— פאַרוואָס וואונדערט איר זיך אַזוי? — האָט זי געפרעגט.

— ווייל איר האָט מיר קיינמאָל גאָר ניט געזאָגט דערפון, — האָב איך געענטפערט.

זי האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. און איר געלעכטער האָט אַזוי זיס געקלונגען, אַז מיינע אויגן האָבן זיך שוין פון איר ניט געקענט אָפּרייסן.

איר קערפּער איז איצט געווען פולער און רונדער און זי אַליין איז עפּעס געוואָרן פריילעכער, לעבעדיקער.

— נינאַ, — האָב איך צו איר אַ זאָג געטאָן, און מער קיין וואָרט איז פון מיין מויל ניט אַרויסגעקומען.

איך בין צו איר צוגעגאַנגען. זי איז געשטאַנען, געקוקט אויף מיר און האָט געשוויגן . . .

איר פּנים איז געווען קינדיש־אומשולדיק מיט אַ דינעם שמייכעלע, ווען זי האָט אויף מיר געקוקט. די בריסטן אירע האָבן זיך געהויבן, בעת כ׳האָב זיך צוגערוקט צו איר און האָב איר אַ קוש געטאָן אויף די ליפּן און בין צעטומלט געוואָרן.

ווען איך בין געקומען צו זיך, איז זי לעבן מיר שוין ניט געווען. איך האָב זי דערזען פון וויטן אין דער געפלאָכטענערביידל, בין איך צו איר צוגעלאָפן.

זי איז אַריין איןביידל . . . איך האָב זיך געשטעלט ביים ביידל אַריינגאַנג און געזאָגט:

— אַנטשולדיקט מיר, נינאַ, איך האָב זיך ניט געקענט העלפן, איינ־האַלטן . . . איר וועט מיר פאַרצייען? . . .

זי האָט אָנגעוויזן אויף אַ קליינעם דיוואַן און געזאָגט:

— זעצט זיך.

איך האָב זיך געזעצט און גענומען שטאַמלען: באַרישקייטן . . .

— איך האָב שוין לאַנג אויף דעם געוואַרט, — האָט זי געזאָגט און דערביי מיך אַרומגענומען און אַ קוש געטאָן. — דאָס איז מיין ענטפער צו אייך!

דערנאָך האָט זי זיך אַוועקגעלייגט אויף דער סאָפע, האָט מיך צוגעצויגן צו זיך און געקושט און געגלעט מיין פּנים און מיינע האָר.

איך האָב זי ביז דאַן קיינמאָל נאָך אַזאַ הייסע ניט געזען. זי איז געווען פאַר מיר מאָדנע . . . זי האָט מיך ניט אויפגעהערט צו קושן און דערביי האָט זי שווער געאָטעמט . . .

פון איר האָט געשמעקט ווי מיט פרישן היי און די בלום אין אירע האָר האָט פון זיך אַרויסגעגעבן אַ וואונדערלעכן ריח . . .

איך האָב זיך אויך אויסגעצויגן לעבן איר און האָב זי צו מיר צוגעדריקט און זי געקושט . . .

— גאָט, — האָב איך געטראַכט — איך ליב זי דאָך . . . איך האָב זי דאָך ביז היינט ניט געליבט אַזוי קערפּערלעך . . . איך האָב איר שיינקייט קיינמאָל ניט באַמערקט.

איך האָב איר פּנים אַריינגענומען אין מיינע הענט און זי געקושט אָן אַן אָפּהאַלט. זי האָט זיך געלאָזן, און האָט מיך אויך געקושט.

אימעצער האָט פון ווייטן גערופן נינאַן.

מיר זיינען אַרויס פון ביידל. אַ באַדינער האָט זי גערופן צום פאָטער.

— קום מיט מיר, — האָט זי געזאָגט. — האָב ניט מורא, וואָס עס זאָל ניט זיין זאָלן מיר איינע די אַנדערע ניט פאַרלאָזן. יאָ אַזוי?!

און מיר זיינען אַריין אין הויז.

— נינאַ, — האָט דער פאָטער אירער זי צוגערופן — וואָס האָסטו באַ־ליידיקט דיין מוטער?

— אָ, פּאַפּאַ, — איז נינאַ צו צו אים — איך האָב זי ניט באַליידיקט, פּאַפּושקאַ.

— אָבער זי פילט זיך באַליידיקט, ווייל דו רעדסט אַזוי . . . און אַחוץ דעם שטעלסטו זיך אין געפאַר אַרעסטירט צו ווערן. ווייסט דיין פריינט אַז —

— ער האָט טאַקע ניט געוואוסט ביז היינט . . . אָבער איך בין זייער צופרידן וואָס ער האָט עס ניט געוואוסט, — האָט זי געזאָגט.

און דער אַלטער האָט זיך ווידער אָפּגערופן:

— קינד מיינס, דו זאָלסט ווייט ניט גיין, ווייל דו ביסט מיין איינציק קינד און מיין אויג אין קאָפּ . . . איך וויל דיר ניט שטערן אין קיין זאַך און כ׳לאָז דיך טאָן ווי דו פאַרשטייסט און ווי דו פילסט, אָבער פּאָליטיק, מיין קינד, וויל איך ניט! ווייל דאָס איז געפאַר! . . . איך אַליין בין אויך ניט צופרידן מיט אונדזער הערשער, וועלכער האָט ניט מער קיין שכל ווי אַ קינד! . . .

— אָט זעסטו, פּאַפּאַ, — האָט זי געזאָגט — אַז מיר דאַרפן ניט דעם צאַר? וואָס נוצט ער אונדז? . . .

דער פאָטער האָט זיך דערשראָקן:

— אָבער שווייג, מיין קינד, שווייג! היט זיך אַפילו פאַר דער מאַמען . . .

נינאַ האָט אים אַרומגעכאַפּט און געקושט, און קוקנדיק אויף מיר האָט זי צו אים געזאָגט:

— איך בין אַזוי גליקלעך, פּאַפּאַ! . . .

דערנאָך האָט זי מיך געכאַפּט פאַר דער האַנט און אַרויסגעשלעפּט פון הויז.

דער פאָטער האָט געשמייכלט, געקנייטשט מיט די פּלייצעס און איך האָב געהערט ווי ער האָט געזאָגט צו זיך:

— יונגט־שטורעם . . . זיי גליקלעך, קינדס מיינס! . . .

פון דאַן אָן איז מיר דער אַלטער זייער טייער געוואָרן.

איך און נינאַ זיינען אַוועק צוריק אין גאָרטן. מיר האָבן געקליבן שוואַרצע פלוימען און זיסע בארן. מיט אַ שטונדע שפּעטער האָט זיך איר געוואָלט, איך זאָל פאַר איר אָפּרייסן אַ באַר, וואָס האָט געהאַנגען אויף דעם העכסטן בוים־שפּיץ . . .

— אַ פייגעלע האָט געפּיקט פון דער באַר, — האָט זי מיר געזאָגט.

איך האָב פון זיך גיך אַראָפּגעוואָרפן מיין רעקל, האָב פאַרקאַשערט די אַרבל און מיט דער פלינקייט פון אַ קאַץ בין איך אַרויף אויף דעם שפּיץ פון בוים און אָפּגעריסן די באַר.

— דו ביסט אַ העלד! — האָט זי צו מיר געזאָגט, ווען כ׳האָב איר דער־לאַנגט די באַר אין האַנט. — דו ביסט מער העלד פונעם „מייסטער־בילדער“ — יענער איז פון דעם שפּיץ געפאַלן צום טויט!

מיר האָבן זיך פאַנאַנדערגערעדט וועגן איבסענען:

— איבסען האָט סימבאַליזירט, אַז פאַר אַלטקייט איז גאָר קיין הויכקייט ניטאָ, — האָב איך געזאָגט. — אָבער איך בין יונג און אַמביציעז . . . יוגנט וועט זיגן . . . די וועלט וועט עקסיסטירן אַזוי לאַנג ווי יוגנט וועט זיין . . .

— פילאָסאָף מיינער, — האָט זי מיר אַ זאָג געטאָן. — קום, קריג דיין פרייז.

איך האָב זיך צוגעזעצט לעבן איר. זי האָט מיך צו זיך צוגעצויגן און מיר אַ שטאַרקן קוש געטאָן, און געמורמלט:

— ווי נאָענט דו ביסט מיר . . . איך הויב שוין אָן איצט צו פאַרשטיין פון מאַן און פרוי . . . איך פלעג אַלעמאָל טראַכטן: צוויי מענטשן פרעמדע, וועלכע האָבן זיך פריער קיינמאָל ניט געקענט און איין בליק איז גענוג זיי צו פאַר־אייניקן . . .

— דאָס איז דאָס אייגענע, וואָס איך האָב געזאָגט פריער: ווי לאַנג יוגנט וועט בליען וועט איין געשלעכט צו דער צווייטער ציען . . . דאָס איז אַ נאַטור־געזעץ. דאָ איז אינערציע־מאַגנעטיזם, אַזוי ווי די ערד דרייט זיך אַרום דער זון צום פונקט און צום ציל, און ווי דער מאַגנעט, וואָס ציט צו זיך צו אייזן, ווי די זון די ערד, אַזוי איז די נאַטור . . . די פרוי איז אונדזער הויפּט־מאַגנעט, וואָס ציט צו זיך, און דער ציל איז דער אַל־וועלט־ציל . . . רייד איך ניט צו אָפן, טייערע? — האָב איך געפרעגט.

— פאַר מיר איז דיין אָפנקייט אַ לערע און אַ גליק, — האָט זי געזאָגט.

— דו ביסט אַ פילאָסאָף! . . .

— דער אַל־וועלט־ציל, זאָל איך עס אָנרופן, דער עקסיסטענץ פון דער וועלט . . . צום ביישפּיל, נאָך ווינטער קומט זומער און די וועלט ווערט יונג

און וואַקסט, און די וועלט ווערט ווידער יונג און שיין און גיט נייעם לעבן ... ווען די וועלט, איך מיין דאָס לעבעדיקע מין, דאָס באַוועגלעכע מין, וואָלט ניט ניי־געבוירן, וואָלטן מיר שוין געווען לאַנג אונטערגעגאַנגען, ווי עס האָט שוין פּאַסירט מיט אַ סך מינים, וואָס זיינען אונטערגעגאַנגען. ביאָלאָגיש ווייסן מיר עס מער, געלערנטע, וואָס שטודירן מעדיצין, דאָקטאָריע. סיי דער מאַן, סיי די פרוי באַשאַפן זייער אייגענעם עקסיסטענץ ... דער מאַן איז די פאַרזייאונג אָדער די זריעה און די פרוי איז געגליכן צו דער ערד, וואָס נעמט אויף די פאַר־זייאונג. אין איר קערפּער וואַקסט עס און עס בליט זיך פאַנאַנדער די פרוכט, די נייע שאַפנדע יוגנט, די נייע וועלט ... אַט אַזוי ווערט עס און אַזוי וועט עס זיין, ווי לאַנג די וועלט וועט זיין!

— פאַרוואָס זאָלן מיר זיך מיט דעם שעמען? — האָט נינאַ געפרעגט.

— דאָס ווייס איך אויך ניט, — האָב איך דערקלערט. — עס קען זיין, ווייל מיר לעבן אין אַ פאַרמאַסקירטער וועלט ... מיר האָבן אַ סך שיינע זאַכן, נאָר מיר האָבן עס מורא צו ווייזן פאַר דער וועלט ... און מיט מיאוסע, העסלעכע זיינען מיר שטאָלץ און אָפן ...

— האָט דער בוימייסטער געהאַנדלט ריכטיק? ווי מיינסטו? — האָט זי מיך געפרעגט. — דיין פילאָסאָפישער געדאַנק וועט מיר געבן אַ ריכטיקן ענטפער?!

— איך בין ניט קיין פילאָזאָף, — האָב איך איר געענטפערט — נאָר איך וועל דיר פרובירן קלאָר מאַכן. די פרוי אין מענטשנס לעבן, איך מיין אין מאַנס לעבן, נעמט אַוועק זיין גאַנצן געדאַנק. דער יונגער האָט כוח און ער טראָגט אַלץ אויף זיך מיט דער באַלוינונג פון ליבע ... דער אַלטער האָט שוין אָפּגעלעבט און אָפּגעליבט, זיין ליבע מיט זיין שטאַרקייט! ... עס טרעפט, אַז דעם אָפּ־געלעבטן ווילט זיך נאָך אַמאָל פאַרליבן זיך, איז דאָס ניט מער ווי אַ פונק, אַ קליינער, וואָס איז נאָך פאַרבליבן אין אים, נאָר ער פאַרלעשט זיך באַלד און גייט אויס אין אַ מאָמענט! ... דער יונגער וואָלט דערגרייכט, וואָס דער אַלטער בוימייסטער האָט ניט געקענט דערגרייכן ...

נינאַ האָט מיך גענומען אונטערן אָרעם און מיר האָבן זיך געלאָזט גיין צוגעטוליעט צווישן דיביימער אין גאָרטן.

צוועלפטער קאַפּיטל

מיט עטלעכע טעג שפּעטער.

אין אַ מיטן דער נאַכט־שעה האָט מיך אימעצער אויפגעוועקט פון שלאָף. איך טו אַ קוק, אימעצער ליגט לעבן מיר.

איך האָב זיך דערשראָקן, אָבער אַ טאַפּ טוענדיק די לאַנגע האָר, האָב איך דערקענט אַז דאָס איז נינאַ.

— נינאַ, — האָב איך געזאָגט.

— יאָ, דאָס בין איך, — האָט זי שטיל געענטפערט.

— ווי קומסטו אַהער?

— איך קען ניט שלאָפן.

— ביסט דאָך אין איין העמד, — האָב איך געזאָגט. — וואָס וועט זיין, אַז מע וועט דיך דאָ טרעפן?

— וואָס אַרט מיך? — האָט זי רואיק געזאָגט.

זי האָט זיך צוגערוקט צו מיר און האָט מיך אַרומגענומען און געדריקט צו זיך . . . איר אָטעם איז געווען שווער און איר קערפּער האָט געברענט . . . עס האָט פון איר זיך געטראָגן דער ריח פון עדאָ־קעלאָן, בעת זי האָט מיך געקושט . . .

איך בין געווען צעטומלט פון ליידנשאַפט, אָבער איך האָב זיך ניט פאַר־לוירן. איך האָב אַרומגעטראַכט די רעזולטאַטן, וואָס עס וועט אַרויסקומען פון אַזאַ פאַל . . . דערביי האָב איך זיך געשראָקן, אַז איך וועל זי דערנאָך אויפהערן ליב האָבן . . .

און האָט ניט אויפגעהערט צו מיר צו מורמלען:

— קענסט טאָן מיט מיר וואָס דו ווילסט! . . .

איך האָב געשוויגן און זיך געמאַכט ווי איך הער ניט.

— האָסט געהערט, וואָס איך האָב דיר געזאָגט? — האָט זי ביי מיר געפרעגט.

— ניין, — האָב איך געענטפערט. — האָסט דען גערעדט צו מיר, טייערע?

איצט האָט זי געשוויגן.

איך האָב אויך געשוויגן.

זי איז לעבן מיר געלעגן. איר אָטעם האָט געברענט אויף מיין האַלדז, איר נאַקעטע ברוסט האָב איך געפילט אויף מיין אָרעם . . . פּלוצלונג האָט זי מיך אַ פרעג געטאָן:

— מאָזעס, איך וויל דיך עפּעס פרעגן.

— פרעג, — זאָג איך צו איר.

— וועסט ניט בייז ווערן, וואָס איך, אַ מיידל, זאָל פרעגן אַזאַ זאַך? . . .

— דו ביסט ניט קיין קינד און איך בין אויך ניט קיין קינד. מיר זיינען ביידע סטודענטן און שטודירן מעדיצין, — האָב איך איר געזאָגט.

— איך האָב דיך געוואָלט פרעגן, — האָט זי גענומען שטאַמלען — האָסטו געהאַט צו טאָן עפּעס מיט פרויען . . . איך מיין . . .

— ניין, נינאָ! — האָב איך איר געזאָגט. — איך בין אַ בחור.

זי האָט מיך צוגעצויגן צו זיך און מיר אַ קוש געטאָן.

— האָסטו גאָר קיין פאַרלאַנג ניט נאָך אַ פרוי? — האָט זי געפרעגט.

— איך בין ניט קיין מלאך! — האָב איך געענטפערט. — אָבער מיט דיר וועל איך ניט איינשטעלן מיין לעבן, מיין צוקונפט! . . . איך מיין: מיין צו־קונפטיקע פרוי זאָל ליידן פון מיין נאַכלעסיקייט, אָדער צעלאָזנקייט! . . .

— אַזוי קען נאָר דענקען אַ פילאָסאָף, — האָט זי צו מיר געזאָגט. — אָבער ווי איז, צום ביישפּיל, אַז איך, דאָס מיידל, זאָל זיך איבערגעבן, און זאָל דערביי וויסן, אַז זי איז ריין פון געפאַרן . . . פאַר דיר, אָדער —

— איך וואָלט אַזאַ מיידל אָפּגערעדט דערפון! — האָב איך ניט קלערנדיק געענטפערט.

— פאַרוואָס וואָלסטו זי אָפּגערעדט?

— ווייל דאָס קען ניט זיין פאַר איר קיין גליק. דער מאַן וועט דערפון ניט ליידן, אָבער די פרוי קען פון דעם האָבן פיל אומבאַקוועמלעכקייט, באַזונדערס אין אונדזער איצטיקער אָרדענונג!

— אַ פילאָזאָף קען זיין אַזוי אויסגערעכנט, — האָט זי סאַרקאַסטיש באַ־מערקט. — האָסט געלייענט „די פרוי וואָס האָט געטאָן?" — האָט זי געפרעגט.

— יאָ, געלייענט, — האָב איך געענטפערט, — און וואָס זאָגסטו אויף דעם סוף פון דער זאַך? . . .

— אָבער די פרוי האָט געטאָן? — האָט זי געזאָגט.

— און גרענט עלען האָט געוויזן ווי ווייט מיר זיינען פון דעם, וואָס מיר ווילן זיין. איך זעלבסט וואָלט מער סימפּאַטיזירט מיט דער העלדין און ניט מיט איר טאָכטער. אָבער אַזוי איז שוין די איצטיקע וועלט. די פרוי האָט נאָך פיל דורכצומאַכן זי זאָל דערגרייכן צו דער שטופּע . . . ווייסטו, אַז דיין פּאָטער וואָלט דיך פאַרשטויסן ווי דאָס האָט געטאָן איר פאָטער, דער גלח? אמת, דיין טאַטע איז אַ ליבעראַלער מענטש און מיט פאַרשטאַנד, אָבער ער וואָלט געהאַנדלט ניט ערגער ווי דער גלח! . . . — האָב איך איר פעסט דערקלערט.

— איך דאַנק דיר פאַר דיין גוטער מיינונג וועגן מיין פאָטער, — האָט זי זיך אָפּגערופן — אָבער מיר דאַכט, ער וואָלט דאָס ניט געטאָן! . . . מיין מוטער אפשר יאָ? אָבער וואָס מיר וואונדערט פון דיין טאָן, מיט וועלכן דו רעדסט צו מיר, איז אַזוי ווי איך וואָלט שוין דיר געוועזן אַ פרעמדע! . . .

— פאַרקערט, טייערע, איך רעספּעקטיר דיך, — האָב איך געזאָגט — איך ליב דיך און איך פאַרגעטער דיך, ווען איך טראַכט פון דיין מאַמען! . . .

— באַליידיק ניט מיין מוטער! — האָט זי אַ זאָג געטאָן און איז בייז געוואָרן.

— איך באַליידיק זי גאָר ניט! . . . איך מאַך נאָר בלויז אַ פּאַראַלעל צווישן דיר און איר . . . דו ביסט אַ חבר פאַר אַ מאַן; ער קען מיט דיר ריידן פון אַלערליי איבערלעבענישן . . . און ווי זאָל איך ניט פאַרגעטערן? ווייל, וואָס קען אַ מענטש האָבן פון גרעסטן חלק, וואָס דאָס לעבן טיילט אים צו?

— טייערער פילאָסאָף מיינער, און ווי איז אַז איך זאָל צו דיר קומען און זאָגן: נעם מיך און גיב מיר ליבע?

— אַט קוק איך אויף דיר, — האָב איך געצומען פאַרקערעווען דעם שמועס.

— וואָס וואָלט געווען, אַז איך וואָלט זיך ניט באַהערשט און פון דיין ליבע גע־נומען? . . . דו וואָלסט אפשר זיך מיר אויך איבערגעגעבן? . . . אָבער איך טראַכט וועגן די רעזולטאַטן, פאַרשטייסט? עס קען דאָך נאָך אויך טרעפן, אַז דו זאָלסט גאָר ניט קענען באַלאַנגען צו מיר . . . אין לעבן קענען טרעפן אַ סך שטערונגען . . . למשל, דיין טאַטע . . . און דערווייל ברענגט די ליבע איר פרוכט! . . . דאַן בלייבט דיר איבער אויסצושטיין ווער ווייסט וואָס? . . . מע צאָלט אַמאָל צו טייער פאַר אַזאַ זאַך . . . פאַרשטייסט, מיין טייערע? . . .

— איך וואָלט אָבער וועלן לעבן פריי און געניסן פון דער פרייער ליבע, אַט ווי אַ מאַן . . . פאַרוואָס, פילאָסאָף ליבער, קען איך ניט זיין קיין לערערין ווי זי איז געווען? דאַרף מען דען קוקן וואָס די קינדער וועלן זאָגן? קען איך דען ניט געניסן פון לעבן ווען איך וויל, און מיט וועמען איך וויל? . . . מיין מוטער האָט געהייראָט מיין פאָטער פאַר זיין געלט, פאַר דעם לוקסוס, וואָס ער האָט איר פאַרשאַפט . . . איך ווייס ניט אַפילו אויב זי האָט אים ליב, אָבער זי האָט, וואָס זי האָט געוואָלט האָבן: לוקסוס! . . . איך וויל בעסער ליבע איידער לוקסוס; איך וויל מענטש און נשמה . . .

איך האָב זי צו זיך צוגעצויגן און זי באַדעקט מיט קושן.

זי האָט מיך אַרומגענומען און געמורמלט הייזעריק:

— נעם מיך, ליבער, גיב מיר ליבע, וואָס עס זאָל טרעפן און וואָס עס זאָל ניט זיין . . . און וואָס די צייט זאָל מיר ניט באַצאָלן, ווייל איך, אַז דו זאָלסט

זיין מיין ערשטער ליבהאָבער . . . מיין קערפּער גייט נאָך דיר אויס אַזוי ווי מיין נשמה.

איך האָב מיין זינען ניט פאַרלוירן און האָב זיך „ביי איר געבעטן, זי זאָל זיך איבערטראַכטן. און פּלוצלונג האָט זי זיך אַרויסגעריסן פון מיינע הענט און מיט כעס אַ זאָג געטאָן:

— דו ביסט ניט קיין מאַנסביל . . . דו ביסט אַ פילאָזאָף, אָבער ניט קיין מאַנסביל.

זי איז אַרויסגעלאָפן.

צומאָרגנס האָט מען זי געפונען ביים קאַניוק אין שטיבל . . . מיטן קאַניוק אין בעט . . .

— — — — — — — — — —

איצט פאַרשטייט איר שוין, מיינע פריינט. איך האָב זי פאַרלוירן, ווייל איך האָב זי ניט פאַרשטאַנען . . .

איך האָב ניט פאַרשטאַנען די פרוי . . . די פרוי איז פּאַטיש, אָבער ניט פילאָסאָפיש! . . .

— אויב אַזוי זייט איר דאָך ווירקלעך אַ פילאָסאָף, — האָט געזאָגט קאַ־לעניק. — איך האָב געזוכט צו געפינען דעם סוד: פאַרוואָס מיר מענער זיינען אַזוי? . . . און איר האָט מיר אַ סך דערקלערט: די פרוי איז טאַקע פּאַטיש . . . פרויען האָבן זיך ליב צו פּוצן, — מיט פילאָסאָפיע האָבן זיי ניט צו טאָן! . . . זיי ווילן דעם מאַן אַלעמאָל אָפּטאָן ווען ער גיט זיי ניט נאָך . . .

— די פרוי, אַלס הערשערין, איז מער טיראַניש ווי דער מאַן . . . אָבער דאָס קומט פון דעם, ווייל זי איז אַלעמאָל נידעריקער פון מאַן און דאָס מאַכט זי זיך אָפּצורעכענען מיטן הערשער, וואָס האָט זי פאַרשקלאַפט!

— דאָס פאַרשטיי איך ניט, — האָט געענטפערט קאַלעניק. — ווער מאַכט די פרוי פאַר אַ שקלאַף?

— ביי אונדז איז די פרוי גלייך מיטן מאַן און נאָך מער פון מאַן! . . . זי האָט ביי אונדז די פולע פרייהייט . . . אָבער אין די אַמאָליקע צייטן איז די פרוי געווען אָפּהענגיק אָן דעם מאַן, איז זי אים ניט טריי געווען, האָט ער זי אָפּגעגט, אָדער זי דערהרגעט . . . זי האָט געדאַרפט אָנקומען צו אים נאָך זיינע פאַרדינסטן . . . און אין אַלגעמיין האָט זיך די פרוי נאָר געפּוצט און געשמירט, כדי צו געפעלן ווערן די מענער! . . . די פרוי האָט געאַרבעט די באַקן, די ליפּן, אַלץ כדי צוצוציען די אויפמערקזאַמקייט פון דעם מאַן! . . . איר ציל איז נאָר געווען חתונה צו האָבן — ווי שאָפּענהויער זאָגט: — צו פאַרשפּענדן זיין פאַר־דינסט, אָדער זיין רייכטום. די פרוי, אין יענער צייט, האָט אויסגעגעבן אַ סך אויף קליידונג און פּוץ־זאַכן, וואָס דאָס האָט באַשעפטיקט כמעט אַ העלפט פון דער באַפעלקערונג . . . אַלע האָבן געאַרבעט אַרום דעם! . . . און אַזוי איז דער מאַן געשטאַנען אין יאָך ניט נאָר צו געבן איר עסן און טרינקען, נאָר אויך שענערע קליידער און שענער מאַכן זי . . . — האָט דער אַלטער געענטפערט.

— אָבער אויך איצט ווירקט אויף אונדז די פרוי מיט איר שיינקייט . . . און די שיינע פרוי, ווערט אויך איצט אויסגעכאַפּט גיכער ווי די ניט שיינע . . . דאָס באַווייזט, אַז אויך ביי אונדז פּוצט זיך די פרוי צו, אַז זי זאָל געפעלן ווערן דעם מאַן . . . איז דאָס ניט אמת? — האָט ער געפרעגט דעם אַלטן. — אַז מענער זוכן די שיינקייט פון דער פרוי? און טאַקע דערפאַר האָט זיך די פרוי אין אַמאָ־ליקע צייטן געפּוצט, און זי פּוצט זיך אויך נאָך איצט, און וועט זיך אַלעמאָל

פוצן . . . ווייל דאָס ליגט שוין אין איר נאַטור כדי צו געפעלן ווערן דעם מאַן, דעם מאַן וואָס זוכט עס אין דער פרוי, און דאָס מיינט איר עקסיסטענץ, — האָט קאַלעניק געזאָגט.

— עס ווייזט אַזוי אויס, — האָט דער אַלטער געזאָגט — אָבער ווי עס זאָל זיך ניט ענדיקן, אויב דער מאַן ווייזט צוריק אַ פרוי, וועט זי אים שוין דאַן אָפּטאָן, אַפילו ווען זי וועט וויסן, אַז זי וועט דאַרפן דערפאַר ליידן.

— אַ דאָס איז, וואָס איך האָב ביי אייך געזוכט צו דערגיין, — האָט קאַלעניק געזאָגט. — אויך איך זוך אַ פרוי, וואָס איך האָב אַליין פאַרשטויסן. דערפאַר זעט איר מיך דאָ איצטער . . .

— אַזוי? — האָט דער אַלטער זיך פאַרטראַכט און שנעל אַ זאָג געטאָן: — גייט, מיין פריינט, איר וועט זי געפינען און איר וועט נאָך זיין גליקלעך . . . איר האָט מער שכל פון מיר. איך האָב קיין שכל ניט געהאַט! . . .

דרייצנטער קאַפּיטל

ליובאַ האָט געשוועבט צווישן לעבן און טויט. די דאָקטוירים האָבן געוואוסט, אַז זי קעמפט מיטן קריזיס. זיי האָבן די נאַכט איבער איר געוואַכט. איר היץ איז געווען 105 גראַד, און אין איר גרעסטער היץ האָט זיך איר פאַרגעשטעלט, אַז זי גייט איבער פעלדער און וויט ביים זייט האָט זי דערזען אַ שמאָל טייכל. זי האָט זיך פאַמעלעך צוגערוקט . . . כדי ניט צו צעטרעטן די קאָרן, וואָס איז איר געווען אין וועג . . . ביים טייכל האָט זי דערזען ווי אַ וואונדער־בלום לאָזט זיך אַרויס פון אַ וואַסער־פלאַנץ און עפנט זיך און פאַרמאַכט זיך צוריק. ווען זי עפנט זיך איז איר קאָליר רויט, ווייס און געל און פול מיט זאַפט, ווי אַ בעכער וויין, און ווען זי פאַרמאַכט זיך קוקט זי אויס ווי אַ דיקער וואַסער־פלאַנץ מיט אַ האַריק קעפל . . .

זי האָט זיך געשטעלט ביים ברעג, געקוקט און געוואַרט, ביז די בלום וועט זיך עפענען. אַ גאַנצע שעה האָט זי געוואַרט, און ענדלעך דערזען ווי די בלום האָט זיך גענומען עפענען. זי האָט זיך געלאָזט צוגיין צו דער בלום, אָבער אַז זי האָט צו איר דערגרייכט האָט זיך די בלום פאַרמאַכט.

אַ פאַרביטערטע האָט ליובאַ געוואַרט, די בלום זאָל זיך ווידער עפענען. די בלום האָט זיך אָבער ניט רעגלמעסיק געעפנט: אַמאָל אין אַ שעה און אַמאָל אין אַ מעת־לעת.

ליובאַ האָט אָבער ניט אָפּגעטראָטן. הונגעריק, דורשטיק איז זי געזעסן אויסגעמאַטערט פון ניט עסן, פון ניט שלאָפן . . . זי איז געווען אַזוי שוואַך, אַז זי האָט זיך קוים געקענט אַ ריר טאָן.

אָט זעט זי ווי די בלום האָט זיך גענומען עפענען, און זי האָט זיך צוריק פאַרמאַכט, זיך ווידער געעפנט, ווי אַ בעכער, מיט דריי קאָלירן און פול מיט זאַפט.

זי וויל זיך אַ לאָז טאָן צו דער בלום, אָבער די הענט און די פיס אירע גייען ניט. דער קאָפּ איז שווער און די אויגן פאַרמאַכן זיך.

זי האָט זיך גענומען מיט די לעצטע כוחות, געוואָלט צוגיין צו דער בלום, אָבער עס איז שוין ווידער געווען צו שפּעט! . . .

די בלום האָט זיך פאַרמאַכט! . . .

זי האָט זיך פאַר פאַרדרוס צעוויינט . . . דאַן איז זי צוגעגאַנגען צו דער פאַרמאַכטער בלום און האָט זי אָפּגעביסן . . . די שטעכיקע האָר האָבן צעשטאָכן

איר צונג און גומען און זי האָט עס מיט אַ ווייטיק אַרויסגעלאָזן פון מויל. דאָס האָט זי דערוואַכט און דער קריזיס איז אַוועק! . . .

נאָכן קריזיס האָבן זיך די דאָקטוירים גענומען זי ברענגען צום געזונט. מע האָט איר געגעבן צו עסן און צו טרינקען אַלץ פון דאָס בעסטע. ליובאַ האָט זיך טאַקע גענומען פילן בעסער. זי האָט צוגעקראָגן וואָג און באַקומען אויף זיך פלייש — פלייש און פאַרב.

אַזוי זיינען אַוועק עטלעכע חדשים, ביז זי האָט שוין געקענט אַרומגיין און גענומען טראַכטן ווידער אַוועקצוגיין זוכן די בלום.

דער חלום האָט זי ניט צורו געלאָזט! . . . זי איז געווען אַזוי ווי זיכער, אַז זי וועט געפינען די בלום. זי ווייסט ווי אַזוי די בלום קוקט אויס — אַזוי האָט זי געדענקט.

ווען ליובאַ האָט זיך געפילט שטאַרק גענוג אַרומצוגיין, האָט זי גענומען אַזוי אַוועקשפּאַצירן פּאָר אַ שעה צוויי הינטער דער שטאָט. מער ווי אומעטום האָט זי געזוכט אַרום די וואַסערן.

וואו זי האָט נאָר דערזען אַ וואַסער, האָט זי געהאַלטן אָפן אירע אויגן, געקוקט אויף יעדן גרעזל, אויף יעדער פלאַנץ . . . און אַז עפּעס פלעגט זיך איר אויסדוכטן, אַז עס איז ענלעך צו דער בלום, פלעגט זי ווערן פאַרציטערט פון אויפרעגונג.

איינמאָל האָט זי דערפילט, אַז זי איז גענוג שטאַרק זיך צו לאָזן אין דרך אַריין.

ליובאַ האָט שוין ניט גערוט. זי האָט זיך צוגעגרייט און זיך געמאַכט פאַרטיק צו גיין . . .

קאַלענין האָט זיך געזעגנט מיטן אַלטן און איז ווידער אַוועק זוכן ליובאַן.

דער אַלטער האָט אים געגעבן מוט און געזאָגט:

— זוכט די פרוי, וואָס איר ליבט! ווייל אַ טאָג אין ליבע איז מער ווערט ווי אַ יאָר אָן ליבע . . .

קאַלענין האָט זיך ניט געלאָזט דערקענען פון קיינעם ווער ער איז. טאָמער האָט אים אימעצער געזאָגט, אַז ער איז ענלעך צו קאַלענינען, פלעגט ער ענט־פערן, אַז ער איז אָן אַנדער מאַן . . . אַז ער איז ניט גרויס גענוג צו פאַרגלייכן זיך מיט קאַלענינען . . .

עס איז שוין געווען אַ פאַל, ווען מע האָט אים צוגעפירט צו זיינעם אַ מאָ־נומענט און אים געוויזן, אַז ער קוקט אויס ווי קאַלענין, נאָר אַ ביסל עלטער און מיט מער קנייטשן, אָבער ער האָט זיי אַלעמאָל אויסגעלאַכט:

— ווי וואָגט איר מיך פאַרגלייכן מיט קאַלענינען?

אַזוי האָט ער געוואַנדערט פון איין קאָלאָניע צו אַ צווייטער. עס זיינען אַוועק אַ סך חדשים און ער האָט זיך ניט געקענט צוזאַמענטרעפן מיט לובאַן.

עס זיינען געווען פאַלן, ווען ער איז געקומען אין אַ קאָלאָניע אין אַ צייט, ווען מיט אַ ווייל פריער איז ליובאַ דאָרט געווען און אַוועקגעגאַנגען . . . אַזוי אַרום האָבן זיי זיך אויסגעמידן, און זיך ניט געקענט צוזאַמען טרעפן.

ביי קאַלענינען איז די בענקשאַפט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ווייטיק. ער האָט דערפילט אַ שוואַכקייט אין זיינע ביינער. דאָס איז געווען אַזאַ מין רומאַטיזם. ביסלעכווייז האָט ער גענומען פילן, אַז ער קען שוין ניט אַזוי גיין אויף די פיס, ווי פריער. ער האָט דערפילט, אַז ער מוז רוען . . .

דאַן האָט ער זיך געלאָזט דערקענען ווער ער איז און די גאַנצע קאָלאָניע האָט זיך מיט אים דערפרייט.

די גאַנצע קאָלאָניע האָט גענומען פּראַווען אַ יום־טוב. די קינדער זיינען אין דעם טאָג ניט געגאַנגען אין שולע. כמעט אַלע האָבן ניט געאַרבעט — אַלץ צוליב דעם געהויבענעם גאַסט, קאַלענינען . . .

דער יום־טוב האָט אָנגעהאַלטן דריי טעג. קליין און גרויס האָבן זיך גע־פרייט. עס זיינען געטראָגן געוואָרן פאָנען און פּלאַקאַטן מיט אונטערשריפטן: „ווילקאָמען אונדזער גאַסט קאַלענין!"

קאַלענין איז אָפּגעווען אין דער קאָלאָניע אַ חודש צייט און דערנאָך האָט ער באַשלאָסן צו גיין ווייטער.

די קאָלאָניע האָט גראָד געבויט אַ געביידע לויט זיינע פּלענער. מע האָט אים דערפאַר געבעטן, אַזוי ווי ער איז שוין דאָ, זאָל ער זיך פאַרזאַמען נאָך אַ ביסל צייט און אַזוי אַרום זיי גרינגער מאַכן צו פאַרשטיין זיין פּלאַן.

קאַלענין האָט זיי נאָכגעגעבן. ער איז פאַרבליבן אין דער קאָלאָניע ביז מע וועט אויפשטעלן דעם סקעלעט פון דער געביידע.

דער סקעלעט פון דער געביידע איז אויפגעשטעלט געוואָרן און ער האָט זיך ווידער גענומען אַוועקצוגיין אין וועג אַריין.

פאַרן אַוועקגיין האָט מען געמאַכט פאַר אים אַן אָפּשייד־שמחה. עס איז ווידער געווען אַ יום־טוב, אַלע האָבן זיך געפרייט. מע האָט געגעסן און גע־טרונקען, קינדער האָבן געזונגען, געטאַנצט און אַזוי האָט מען אַרויסבאַגלייט דעם אַלעמענס פריינט, קאַלענין, דעם אַרכיטעקט.

פערצנטער קאַפּיטל

אין זעלבן טאָג, ווען קאַלענין האָט פאַרלאָזן די קאָלניע, איז מיט שעה'ן שפּעטער אַהין אָנגעקומען ליובאַ. זי איז געווען מיד און פאַרמאַטערט נאָך אַ לאַנגען וואַנדערן און האָט זיך קוים דערשלעפּט אין דעם שטאָט־הויז.

אַז מע האָט זיך דערוואוסט ווער זי איז, האָט מען איר דערציילט, אַז דאָ איז ערשט געווען קאַלענין, און די שטאָט האָט היינט לכבוד אים געפּראַוועט אַ יום־טוב!

ליובאַ האָט טאַקע געזען נאָך הענגען די פאָנער, וועלכע מען האָט נאָך ניט באַוויזן אַראָפּצונעמען פון די הייזער.

זי האָט אַ פרעג געטאָן ביים קאָמיסאַר, צי ווייסט ער וואו קאַלענין איז געגאַנגען, וואָס דער ציל איז פון זיין גיין איבער די קאָלאָניעס? און אפשר האָט ער דאָ עפּעס גערעדט, צי געפרעגט?

— ווי עס ווייזט אויס זוכט ער אימעצן, — האָט דער קאָמיסאַר געזאָגט.

— אָבער וועמען ער זוכט, האָט ער ניט געוואָלט זאָגן!

דער קאָמיסאַר האָט איר דערביי דערציילט, אַז קאַלענין איז אַהער געקומען אַ צעבראָכענער, אַ קראַנקער. איז אָפּגעלעגן דאָ עטלעכע וואָכן קראַנק.

ליובאַ האָט פאַרשטאַנען, אַז קאַלענין זוכט זי און זי האָט זיך דערפילט זייער שטאָלץ.

— ער זוכט דאָך מיך! . . .

מאָדנע, ווי זי האָט איצט ניט געפילט צו אים קיין בענקשאַפט און אויך ניט געפילט קיין ברעקל רחמנות אויף אים פאַר זיין קראַנק זיין, פאַר זיין ליידן.

זי האָט ניט געפילט פאַר אים אַזוי ווי ער האָט ניט געפילט פאַר איר . . . פרעמד איז ער איר געוואָרן.

אים האָט ווי געטאָן פאַר אירע ליידן, אָבער זי האָט ניט געקלערט צי ער האָט פאַרדינט איר מיטגעפיל!

דאָ האָט זיך געזען דער אונטערשייד פון פרוי און פון מאַן . . .

ווען דער מאַן באַזיגט די פרוי, איז ער ווייך און ליבט זי; אויב די פרוי באַזיגט דעם מאַן, איז זי האַרט און טיראַניש! . . .

מאָדנע, ווי ליובאַ האָט זיך איצט געפילט געהויבן.

דער שטאָלצער מאַן, וואָס איז ביי יעדן גרויס און באַליבט, איז איצט איר קנעכט! . . . זי קען טאָן מיט אים וואָס זי וויל . . . זי וועט מיט אים איצט אַ שפיל טאָן . . . זאָל ער אויך דערפילן דעם קלאַפּ, וואָס ער האָט איר געטאָן . . . יאָ, זאָל ער פילן . . .

די מידקייט איז פון איר פאַרשוואונדן געוואָרן, זי האָט זיך געפילט שטאַרק און שטאָלץ. אירע אויגן האָבן געלויכטן, אירע ליפּן האָבן געשמייכלט און איר טראָט איז געוואָרן אָן מידקייט: פעסט! . . .

דאָס איז געווען דער כוח פון אַ זיגער! . . .

דער זיגער פילט ניט קיין מידקייט פון זיין זיגרייכן קאַמף . . .

די נאַכט איז ליובאַ געשלאָפן רואיק, זאָרגלאָז. זי האָט שוין מער ניט געהאַט יענע שווערע געפילן פון זוכן די בלום פון יוגנט.

זי איז לאַנג שוין אַזוי רואיק ניט געשלאָפן . . .

צו מאָרגנס האָט ליובאַ זיך איינגעוואַשן, דערנאָך געקוקט אין שפיגל. זי האָט זיך געזען אַ סך יונגער, און זיך געוואונדערט, וואָס זי האָט זיך ניט פיל געעלטערט. די עטלעכע קנייטשן זעען זיך קוים אָן.

די אויגן גלאַנצן מיט פייער, קיין גרויע האָר זעט זי ניט, דאָס פּנים און די אַקסלען זיינען פול און רונד.

— נאָך אַזוי פיל ליידן קוק איך נאָך אויס גאַנץ יונג! וואָס פאַר אַ נאַר איך בין געווען צו יאָגן זיך נאָך אַ בלום? . . . וואָס וויל איך דערמיט? וואָס זוך איך דערמיט? . . .

— דאָס איז דאָך אוממעגלעך ווען מע וויל גיין קעגן דער נאַטור . . . די עלטער מוז קומען . . . און די עלטער וועט קומען, ווען אַפילו מע זאָל געפינען די בלום . . . וואָס פאַר אַ נאַר איך בין! . . . ווי קומט עס צו מיר? . . .

ליובאַ האָט זיך ווידער באַטראַכט פאַרן שפיגל און זיך דערזען שיין און חנעוודיק . . .

זי האָט זיך צעשמייכלט. אירע שיינע ציין האָבן זיך אַרויסגעוויזן — ווייסע, שיינע, שטאַרקע ציין! . . .

ליובאַ איז געווען אַ דענקענדע פרוי. אַחוץ איר פרייער נאַטור צו געפעלן אַ מאַן, איז זי אויך געווען גוט באַלעזן, האָט געקענט און טאַקע ליב געהאַט זיך צו גריבלען און פילאָסאָפירן. זי האָט אויך געלייענט אַ סך פילאָסאָפיע.

זי האָט איצט גענומען פילאָסאָפיש אַרומטראַכטן פאַרוואָס זי האָט זיך געלאָזט זוכן די בלום . . .

— פאַרוואָס איז די פרוי אַזוי? פאַרוואָס איז ניט גענוג, וואָס איך בין אַ פרוי? און בין די באַדערפעניש פון מאַן? . . . פאַרוואָס מוז איך אויך זיין שיין און יונג? פאַרוואָס קוקט ניט דער מאַן אויף זיין שיינקייט? . . . איז דען קאַלעניין שיין? ניין! אָבער איך האָב אים דאָך ליב . . . יאָ, ער איז קלוג . . .

די פּיזישע ליבע קען איך דאָך געניסן מער פון מיין מאַן, ליאָ! . . . ער איז שטאַרק און אויך שיין און דאָך ליב איך אים ניט אַזוי ווי איך האָב ליב קאַלע־נינען . . . זיין וואָרט האָט מיך געמאַכט צו זוכן די בלום, די יוגנט! דאָס אומ־מעגלעכע! . . . און די ליבע אַליין איז דען מעגלעך פאַלקאָם? . . . האָב איך געהאַט אַ רעכט אויפצוגעבן קאַלענין און צו הייראַטן ליאָנען . . . אָבער איך האָב דערפאַר טייער באַצאָלט, און איך וויל נאָך אים פּלאגן, אים מאַכן צו ליידן פאַר מיינע ליידן . . .

— ניין, דאָס וועל איך ניט טאָן, — האָט זי באַשלאָסן. — איך דאַרף פאַר־שטיין, אַז איך האָב ניט קיין רעכט אים שלעכטס צו טאָן! ווייל טוענדיק אים שלעכטס וועל איך דערביי אַליין ליידן . . . יאָ, אַליין ליידן! . . .

— עך! — האָט זי אַ זיפץ געטאָן. — ווען מענטשן זאָלן זיך קענען אָפּ־געבן רעכענונג אויף זייערע מעשים, וואָלטן אַזוי פיל ליידן פאַרמידן געוואָרן . . . אָט האָט ער מיך פאַרשטויסן און איצט זוכט ער מיך! . . . וויפיל ליידן האָט דאָס אים פאַרשאַפט? . . .

ליובאָ איז אַרויס אין גאַס. די פאָנען זיינען נאָך געהאנגען איבער די גאַסן. עס האָט זיך נאָך געפילט יום־טובדיק. די קינדער זיינען היינט אין שולע ניט געגאַנגען, געווען איז עס סוף וואָך.

די גרויסע געביידע, וואָס מע האָט געבויט, איז געווען אין מיטן קאָלאָניע. די קאָלאָניע איז נאָר געווען אין נאָמען אַ „קאָלאָניע. דאָס איז אָבער געווען אַ שטאָט מיט אַ באַפעלקערונג פון 25000 נפשות, און ווען די נייע געביידע וועט פאַרטיק ווערן, וועלן פון דער שטאָט „נייע וועלט” זיך אַהער אַריבער־קלייבן אַ 5 טויזנט מענטשן, אָדער נאָך מערער!

די „נייע וועלט” האָט פאַרמאָגט צופיל איינוואוינער, האָט מען עס דערפאַר געבויט די געביידע אין דער קאָלאָניע מיט אַלע איינריכטונגען, אַז די פון דער „נייער וועלט”, וואָס וועלן דאָרט וואוינען, זאָלן ניט פילן, אַז זיי האָבן דאָ געביטן אויף ערגער.

פאַרקערט, דאָס הויז דאָ אין דער קאָלאָניע וועט האָבן מער איינריכטונגען, ווייל קאַלענין האָט צוגעגעבן אין דעם פּלאַן נייע זאַלן פאַר קאָנצערטן, אַ טעאַ־טער, אַ דאַך־גאָרטן פאַר גימנאַסטיקע, אַ גרויסע שולע און אַ שווים־צימער.

ליובאָ איז אַרומגעגאַנגען אין דער קאָלאָניע. איבעראַל האָט געבליט און געשמעקט . . . די ביימער זיינען געווען פול מיט בליאונג, די קינדער זיינען געווען ריין אָנגעטאָן, אַלץ איז געווען אַזוי יום־טובדיק.

עס איז געווען דער זעקסטער טאָג פון וואָך.

שבת און זונטיק זיינען די קינדער אין שולע ניט געגאַנגען. די גאַסן זיינען געווען פול מיט קינדער, וועלכע האָבן זיך געשפּילט מיט די פאָנען.

אַרום 11 אַזייגער האָבן זיך די לערער אויפגעקליבן אין קינדערגאָרטן. מוזיק האָט דאָרט געשפּילט. די קינדער האָבן געטאַנצט און געזונגען.

דאָס איז ספּעציעל געווען אַראַנזשירט צוליב ליובאָן.

ליובאָ איז פון דער אויפנאַמע געווען זייער גערירט. עס איז געווען צום ערשטן מאָל, אַז קינדער זאָלן זי אויפנעמען. דאָס איז פאַר איר געווען אַן איבערראַשונג. זי האָט זיך געפילט גוט און גליקלעך.

זי האָט די קינדער געקושט און פאַר זיי געהאַלטן אַ רעדע, וואָס האָט זיי באַגייסטערט.

שבת און יום־טוב זיינען פאַר ליובאַן אַוועק מיט גרויס פאַראַד. פאַר די קינדער איז עס גלאַט געווען אַ גוטע איבערלעבונג פון עטלעכע טעג פריער פאַר קאַלעגינעס און איצט פאַר ליובאַן.

אָפּגעווען אַ וואָך אין דער קאַלאָניע, האָט ליובאַ זיך גוט געפילט. זי האָט אַלץ אַרומגעזען, געווען אויך ביי דעם מאָנומענט פון איר מאַן ליאַ . . . געזען אויך דעם מאָנומענט פון קאַלעגינעס . . . אויך דאָ האָט יעדער גערעדט מיט באַגייסטערונג פון די צוויי גרויסע מענטשן. יעדער האָט געליבט קאַלעגינעס שטאַרקער, מערער ווי ליאַן; יעדער האָט פון אים מער גערעדט ווי פון איר מאַן, ליאַ.

איצט האָט ליובאַ פאַרלאָזן די קאַלאָניע . . . שוין ניט ספּעציעל צו זוכן די בלום . . . זי איז געגאַנגען, ניט וויסנדיק שוין צי זי גייט נאָך קאַלעגינעסן, אָדער נאָך דער בלום, אָדער גלאַט אַזוי . . . זי איז געגאַנגען אָן אַ ציל . . .

דעם ווילן צו זוכן די בלום האָט זי שוין ניט געהאַט. אויך די בענקשאַפט נאָך קאַלעגינעסן איז געווען קילער . . . אָבער געגאַנגען איז זי פאַרט, ניט וויסנדיק וואו זי גייט און וואָס זי וויל! . . . וואָס זי טוט! . . .

אין וועג האָט געשיינט די זון. זי האָט זיך געפילט גוט . . . עפּעס אַ צופרידנקייט האָט זיך צעגאָסן אין איר האַרצן . . . זי איז רואיק געגאַנגען, געטעמט די פרישע לופט מיט גרויס פרייד און געטראַכט:

אַך, ווי רואיק און זאָרגלאָז איך בין . . . פאַרוואָס בין איך אַזוי רואיק? פאַרוואָס אַזוי זאָרגלאָז? . . . יאָ, דאָס איז גליק! . . . אָבער אייגנטלעך, וואָס האָב איך פון מיין זיג? . . . פאַרוואָס בין איך אַזוי קאַלט? אַזוי ווילנלאָז? וואו איז דער פייער, וואָס האָט מיך אַזוי געברענט און געבראָטן מיט אַמביציעס, אי צו זוכן די בלום, אי צו זיין יונג און שיין? . . . פאַרוואָס בין איך איצט אַזוי קאַלט צו אַלץ און צו אַלעמען? . . . עפּעס מוז זיין אין אונדז מענטשן! . . . אַזוי איז דאָס: מיר זוכן, מיר שטרעבן, מיר ווילן וואָס . . . אונדז איז שווער דאָס צו דערגרייכן. אָבער ווען מיר דערגרייכן שוין דאָס, וואָס מיר ווילן, ווערן מיר צו דעם קאַלט און וואָכעדיק.

ליובאַ האָט זיך געזעצט אָפּרוען און זיך פאַרטראַכט:

— פאַרוואָס האָט מיך קאַלעגין צוריקגעשטויסן? און פאַרוואָס זוכט ער מיך איצט? פאַרוואָס האָב איך זיך נאָך אים געיאָגט און איצט בין איך אָן אַ טראָפּן בענקשאַפט צו אים?

זי איז געקומען צום שלוס, אַז די זאַך, וואָס מיר דערגרייכן, ווי גרויס זי זאָל ניט זיין, איז נאָר געווען ווערטפול פאַר אונדז איידער מיר האָבן עס דערגרייכט. דערנאָך, אַז מע האָט עס שוין, פאַרלירט עס דעם ווערט. מיר ווערן דערצו גלייכגילטיק! . . .

זי איז אויפגעשטאַנען און האָט ווידער גענומען גיין.

גייענדיק צווישן גראָזן און בלומען האָט זי דאָך אירע אויגן געהאַלטן אָפן. אויף יעדער פאַרדעכטיקער בלום האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און זי גוט באַטראַכט. אָבער צווישן די טויזנטער בלומען האָט זי יענע בלום ניט געפונען . . .

זי האָט שוין אַליין ניט מער געגלויבט, אַז אַזאַ וואונדערבאַרע בלום איז פאַראַן! אייגנטלעך האָט איר שוין ניט געאַרט, צי אַזאַ בלום איז יאָ פאַראַן, אָדער ניט! ווייל עס האָט איר מער ניט געאַרט, האָט זי שוין אויך גענומען גלויבן, אַז אַזאַ בלום איז גאָר ניט פאַראַנען! . . .

— עס איז אַן אויסגעטראַכטע זאַך, אַ מיספאַרשטענדעניש . . . — האָט

זי זיך דערקלערט. — איך מוז זיך דאָס אַרויסשלאָגן פון קאָפּ!

און ליובאַ איז געגאַנגען ווייטער און אַלץ אַזוי געטראַכט און אויך גע־מוח'ט פון נייע פּלענער, ווי צו דערגיין אַ זין פון נייעם לעבן און שטרעבן . . .

פאַרוואָס האָט זי געגלויבט אין אַזעלכע אוממעגלעכקייטן?

— אין פאַרצווייפלונג זוכט מען זיך אָנצוכאַפּן אין וואָס ניט איז . . . שאַפט מען זיך עפּעס אַ גלויבן, אַ גאָט! . . . אַזוי ווערן געטער באַשאַפן! . . . אין פאַרצווייפלונג רופן מיר אימעצן, וואָס זאָל אונדז העלפן . . . אַזוי בילדן מיר זיך איין אַ בלום . . . אַ קלאַץ, אָדער אַן אַנדער מין זאַך! . . . און מיר פאַרגעטערן דאָס, כאָטש מיר האָבן דאָס קיינמאָל ניט געזען. מיר גלויבן, אַז עס מוז עפּעס זיין! . . .

ווען זי איז אַריין אין דער נעקסטער קאָלאָניע האָט זי געהערט שפּילן מוזיק. די טענער זיינען געקומען פון ניט ווייט. געווען איז עס פון קאָמיסאַרן־הויז.

זי האָט אַ פרעג געטאָן: — וואָס איז דאָס פאַר אַ יום־טוב היינט?

— דאָס גיט די קאָלאָניע אַ זיי־געזונט דעם אַרכיטעקט קאַלעניך, — האָט מען איר דערקלערט. — ער פאַרלאָזט היינט די קאָלאָניע.

— ווי ווייט איז דאָס פון דאַנען? — האָט ליובאַ געפרעגט.

— ניט ווייט! — האָט מען איר געענטפערט.

זי איז גלייך אַוועק אַהין און פון ווייטן האָט זי דערזען קאַלעניכן. ער איז פאַר דער לעצטער צייט געוואָרן פולער.

זינט ער האָט זיך געלאָזן דערקענען ווער ער איז, האָבן אים אַלע געגעבן פון דאָס בעסטע, אים אָפּגעהיט, און דערפאַר האָט ער געוואונען אַ סך וואָג... ער איז געווען אויסגערוט, אַרומגעראַזירט, ער האָט פיל שענער אויסגעקוקט.

ליובאַ האָט אים באַטראַכט, אָבער אָן דער ליבע, וואָס זי האָט אַמאָל צו אים געפילט. די ליבע איז פולשטענדיק פאַרשוואונדען! זי האָט אויף אים איצט געקוקט ווי אויף אַ ברודער. קיין קערפּערלעכע ליבע, וואָס אַ פרוי קען פילן צו איר געליבטן, איז מער ניט געווען. אַלץ, וואָס זי האָט איצט געפילט קוקנדיק אויף אים, איז געווען בלויז דער געפיל פון רחמנות: ער ליידעט! . . .

— איך מוז אים אָפּהאַלטן. ער טאָר מיך מער ניט זוכן — אומזיסט. איך מוז אים זאָגן, אַז איך ליב אים מער ניט! . . . דאָס עפּעס, האָט זיך אין מיין האַרצן צעבראָכן! . . . איצט ליב איך קיינעם ניט! . . . איך ליב ניט מיין מאַן און איך ליב אים אויך ניט!

זי האָט זיך אָבער ניט געוואָלט באַווייזן פאַר יעדן אין די אויגן, האָט זי באַשלאָסן, זי וועט וואַרטן ביי דעם אַרויסגאַנג פון דער קאָלאָניע און דאָרטן וועט זי זיך מיט אים אָדורכריידן.

אויסער דער קאָלאָניע האָט זי זיך מיט אים געטראָפן. זי איז אים אַקעגן געקומען.

ער האָט זיך זייער דערפרייט מיט איר. זי האָט אים קאַלט געענטפערט. זי האָט קאַלטלעך געדריקט זיין האַנט.

קאַלעניך איז איצט געווען שענער ווי פריער. ליובאַ האָט זיך געוואונדערט, וואָס איז עס מיט איר געוואָרן? אין האַרצן האָט זי זיך געוואונטשן זי זאָל אים ליבן . . . און אפשר האָט זיך נאָר אויסגעדאַכט, אַז ער איז שענער געוואָרן, ווייל זי האָט אים צופיל געהאַלטן אין איר נשמה? . . . און אין בייטן פון אירע געפילן האָט זיך אויך געביטן זיין אויסזען . . . אָט זעט זי זיין לאַנגע נאָז, ווי זי איז שוין ניט אַזוי לאַנג, זיין ברייט מויל איז איצט ניט אַזוי ברייט, די אויגן

איצט טיפער אָבער קיילעכדיקער אַפילו. זיין קליינע, דאַרע האַנט האָט איצט אַזוי מעכטיק געהאַלטן איר הענטל.

אין געשפּרעך מיט אים, האָט זי דערזען זיין פאַרצווייפלונג, ווייל זי איז אַזוי קאַלט צו אים. זי האָט אים געבעטן ער זאָל ניט זיין פאַרצווייפלט, ווייל זי ווייסט אַליין ניט, וואָס מיט איר האָט געטראָפן? אַז אימעצער האָט מיט געוואַלט איר ליבע צו אים אַרויסגעריסן פון איר האַרץ, פון איר נשמה!

זי האָט צו אים גערעדט וועגן זיין שיינקייט, אַז ער זעט איצט אויס שענער ווי פריער, און דאָך איז זי אָפּגעקילט צו אים . . . זי האָט אים געטרייסט: אפשר וועט עס זיך מיט דער צייט צוריק בייטן אין אירע געפילן.

— דו ביסט מיר איצטער טייער ווי אַ ברודער, אָבער ניט ווי אַ מאַן, ווי אַ געליבטער. ניט ווי איך האָב דיך ליב געהאַט, — האָט זי געזאָגט און אים אַ קוש געטאָן.

— דו ווילסט מיר באַצאָלן ווי איך האָב דיר באַצאָלט? — האָט ער איר ווי אויפגעוואָרפן און צוגעגעבן: — זאָל מען דאָס איבערלאָזן צו דער צייט, ווי דו אַליין זאָגסט: די צייט וועט פאַרענטפערן צווישן אונדז ביידן.

נאָך אַ קליינער פּאַוזע האָט ער ביי איר געפרעגט צי זי קערט זיך אום צוריק אין דער שטאָט „נייע וועלט"?

— געוויס קער איך זיך אום, — האָט זי געזאָגט. — איך האָב דאָרט כמעט אַלע מיינע אייגענע, מיין גאַנצע משפּחה, מיין היים!

— איך קער זיך אויך אום, — האָט ער געזאָגט.

און זיי האָבן זיך ביידע אומגעקערט אין דער שטאָט „נייע וועלט" מיט אַ פּלאַטאָנישער ליבע . . .

פופצנטער קאַפּיטל

נאָך אַ וואַנדערונג, וואָס האָט געדויערט מער ווי אַ יאָר, זיינען קאַלענין און ליובאַ ענדלעך אָנגעקומען אין דער שטאָט „נייע וועלט".

זיינע און אירע עלטערן האָבן זיך מיט זיי דערפרייט, ליובאַ און קאַלענין זיינען זיך אין שטאָט פאַנאַנדערגעגאַנגען, זי — צו אירע פריינט און ער — צו זיינע פריינט, אָבער ביידע גוטע פריינט.

ליובאַ האָט באַלד געהאַט נייעס צו הערן, אַז ליאָ איז צוריקגעקומען פון דער עקספּעדיציע; אַז די גאַנצע מאַנשאַפט איז אונטערגעגאַנגען אין אַ שטורעם. געבליבן זיינען נאָר צען מענטשן, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט און זיינען געווען מער ווי ניין חדשים אויף אַן אינזל, און נאָך שווערער מי, וואָס האָט געדויערט צוויי חדשים, האָבן זיי זיך קוים דערשלעפּט אַהיים אויף אַ קליין שיפל . . .

יעדער פון די געראַטעוועטע איז געווען דאַר און אויסגעצערט פון דער איבערלעבונג, כמעט הוילע ביינער.

ליובאַן האָט פאַרקלעמט דאָס האַרץ. אַלץ אין איר האָט זיך באַוואויגן צו איין פאַרלאַנג: „גיין זען ליאָן".

— וואו איז ער, — האָט זי זיי געפרעגט. — ווי פילט ער זיך? . . .

— ער איז אין שפּיטאָל מיט די איבעריקע, — האָט מען איר געזאָגט.

— ווי לאַנג איז שוין ווי זיי זיינען געקומען צוריק? — האָט זי געפרעגט.

— ביי אַ וואָך.

— און זיי זיינען אַזוי שוואַך?

— מע גלויבט, אַז איינער פון זיי וועט שטאַרבן.

ליובאַ איז אומרואיק געוואָרן.

— דאַן מוז איך גיין אין שפּיטאָל, — האָט זי צו זיך געזאָגט.

זי איז אַוועק צום שפּיטאָל. קומענדיק אַהין, האָט מען איר ניט צוגעלאָזן צו זען ליאָנען. זי האָט אים נאָר געקענט אָנקוקן פון ווייטנס.

אַ בלאַסער, אַ מאָגערער, אַ פאַרוואַקסענער פול מיט וואונדן איז ער געלעגן אין אַ בעט.

ביי ליובאַן האָט פאַרקלעמט דאָס האַרץ פאַר אים . . . עס האָט זיך איר געוואָלט צו אים צוגיין און אים גלעטן . . . עס האָט זיך איר געוואָלט אים אַ קוש טאָן . . . דאָס האַרץ האָט צו אים געצויגן, אָן אָנגעפילטע מיט אַ מאָד־נער בענקשאַפט! . . .

זי האָט אַזוי נאָך קיינמאָל ניט געפילט צו אים ווי איצט! . . .

— איז דאָס רחמנות־ליבע? — האָט זי זיך צוגעהערט צו איר האַרץ. דאָס האַרץ האָט איר ווי געענטפערט: — ניין, דאָס איז מער ווי רחמנות־ליבע! . . .

ליובאַ האָט געפילט, אַז ליאָ איז איצט מיט איר שטאַרק פאַרבונדן, אַז זי בענקט נאָך אים און קען אָן אים ניט לעבן . .

דאָס אייגענע, וואָס זי האָט געפילט פאַר קאַלענינען, פילט זי איצט פאַר דעם שוואַכן, קראַנקן ליאָ . . .

— איך ליב אים! — האָט זי זיך געפרייט. איך ליב אים! . . .

זי איז געשטאַנען פון ווייטן און האָט געקוקט אויף ליאָן און זיך ניט געקענט אָנזעטיקן . . .

און אָט האָט פאַסירט: די „בוירס" האָט זיך אָפּגעטראָגן פון בעט אַוועק, איז ליובאַ באַלד צוגעגאַנגען צו ליאָן און האָט אים אַ קוש געטאָן אין הייסן שטערן און איז פלינק אַוועק . . .

אין קאַנטאָר פון שפּיטאָל, וואו זי איז אַוועק געוואָר ווערן, וואָס די קראַנק־הייט איז, האָט מען איר געזאָגט, אַז אַלע ליידן פון אַ מאָדנער ים־קראַנקהייט, וואָס וואַרפט זיי אין קעלט און אין היץ, און די היץ, ווען זי קומט צו זיי, איז זייער אַ גרויסע, אָבער זיי בעסערן זיך.

ליובאַ האָט גענומען קומען צו אים אין שפּיטאָל און אָפּזיצן ביי זיין בעט די אַלע שעה׳ן, וואָס עס איז דערלויבט פאַר באַזוכער, און אַז ער האָט זיך גע־נומען בעסערן, איז זי געווען גליקלעך . . .

אַזוי זיינען אַוועק עטלעכע חדשים, ביז ליאָ איז אַרויס פון שפּיטאָל און אַוועק אַהיים: צו זיך אַהיים.

ליובאַ האָט אים אינדערהיים באַהאַנדלט מיט אַ מוטערלעכע און ווייבס־ליבע, אים אָפּגעהיט מיט עסן און טרינקען . . . פלעגט פאַר אים לייענען און געזוכט אים שטענדיק אויפצומונטערן . . . אַז גליק נאָך דערוואַרט אים.

די ריכטיקייט פון דער טראַגעדיע האָט קיינער ניט געוואוסט, ווייל אַלע זיינען געווען דערשיטערט. פון די 10 געראַטעוועטע זיינען 4 געשטאָרבן. דער איינציקער, וואָס איז צו זיך ביסלעכווייז גיכער געקומען, איז געווען ליאָ.

פון נאַטור איז ער געווען הויך און שטאַרק, ער האָט געקענט אַריבערטראָגן וואָס פאַר אַנדערע איז עס געווען זייער שווער. דערפאַר איז ער גיכער געקומען צו זיך.

ליאָ איז אָבער נאָך אַלץ געווען צעטומלט, נאָר צייטנווייז האָט זיין מוח

געאַרבעט רעגלמעסיק. די דאָקטוירים האָבן געראַטן, אַז מע זאָל זיין מוח ניט אויפרעגן, ניט אָנשטרענגען, און ער מוז זיין פולשטענדיק רואיק! . . .

ער האָט געהאַט אַ סך וואונדן אין לייב, צוויי פינגער פון זיין פוס האָבן געפעלט און עס האָט אויך געפעלט אַ שטיק מוסקול פון זיין רעכטער האַנט. אָבער ער האָט זיך גענומען בעסערן . . . ער איז בעסער געוואָרן און פעטער געוואָרן, ביסלעכווייז האָט ער גענומען זיך נאָכפרעגן וועגן געוויסע זאַכן און אויך גענומען צוביסלעך אַרומגיין און ענטפערן אויף פראַגעס.

געוויס האָט ליובאַ פון אים שוין ניט אָפּגעטראָטן. זי איז מיט אים אַרומ־געגאַנגען, אים ניט געלאָזט אין ערגעץ גיין אָן איר. זי האָט אים אָפּגעהיט, ווי אַ קינד.

ליאָ איז שוין אַליין אָן איר אויך אין ערגעץ ניט געגאַנגען, ביז ער איז געזונט געוואָרן.

ער האָט שוין גענומען אַרויסטרעטן אויף לעקציעס. אויך גענומען באַשרייבן אין די צייטונגען זיין איבערלעבונג און דעם אומגליק, וואָס עס האָט געטראָפן זייער קאַפּיטאַן און די חברים זייערע, אין זייער אומגליקלעכער עקספּעדיציע צו געפינען די אַלטע וועלט.

און אַזוי האָט זיך די מעשה דערציילט:

„אַ טאָג, נאָכדעם ווי מע האָט פאַרלאָזן אונדזער „נייע וועלט", איז דער ים געוועזן רואיק. דער קאַפּיטאַן האָט געזאָגט, אַז די שיף איז וואונדערבאַר גוט, אַז מיר וועלן זיך וואו דערשלאָגן אין אַ קורצער צייט.

„אויפן צווייטן טאָג האָט זיך דער הימל פאַרכמאַרעט, זיך איינגעדעקט מיט שוואַרצע, געדיכטע וואָלקנס. דער קאַפּיטאַן האָט געהייסן אויפשטעלן די זעגלען און מיר זאָלן גיין וואו דער ווינט וועט אונדז טראָגן.

„דער ווינט איז געוועזן שרעקלעך. דערצו האָט גענומען גיסן אַ רעגן מיט קוואַלן . . . די שיף האָט זיך געוואָרפן, ווי אַ שפּענדל, אויפן ים . . .

דער קאַפּיטאַן האָט געזאָגט, אַז אין אַזאַ שטורעם וואָלט אָן אַנדערע שיף שוין לאַנג געווען אונטערגעגאַנגען . . . נאָר אונדזער שיף האָט זיך געהאַלטן אויפן ים, אויפן פלאַך.

„דער ווינט איז געווען רציחהדיק און האָט די שיף געוואָרפן אין דער לופטן, אָבער זי האָט זיך ניט געלייגט אויף אַ זייט. ווען דער ווינט האָט זי געוואָלט אומלייגן אויף אַ זייט, האָט זי זיך צוריקגעהאַלטן און איז געבליבן פלאַך אויפן וואַסער . . . זי האָט עקשנותדיק געקעמפט מיטן שטורעם.

„אַזוי האָט אָנגעהאַלטן צוויי טעג . . . די זעגלען זיינען אַראָפּגעריסן גע־וואָרן, דער מאַסטבוים איז צעבראָכן געוואָרן. דער קאַפּיטאַן איז געוואָרן פאַר־צווייפלט — ער האָט נאָך אַזוינס קיינמאָל ניט געזען, ווען די מאַשינען זיינען אויך קאַליע געוואָרן און די שיף האָט זיך געהאַלטן אויפן ים אויף דער ברירה פון ווינט, פון שרעקלעכן רעגן.

„עס האָבן שווער געאַרבעט כמעט אַלע פון אונדזערע מאַטראָסן די זעגלען איינצופעסטיקן, און דער ווינט האָט מיט איינמאָל אַריינגעשליידערט אין ים אַריין איבער פופצן פון אונדזערע מאַטראָסן און זיי דערטרונקען . . . אַ סך זיינען געזונקען צום אָפּגרונט און די, וואָס האָבן זיך נאָך געקענט האַלטן אויפן אויבער־פלאַך פון וואַסער, זיינען פאַרשלונגען געוואָרן פון די מתנות ים־פיש, וואָס האָבן זיך געטראָגן צווישן די פינצטערע כוואַליעס . . .

עטלעכע טעג האָבן מיר אַזוי געקעמפט מיטן שטורעם. צום סוף האָט דער ים זיך אַ ביסל איינגעשטילט.

„מיר האָבן גענומען אַרומקוקן אונדזערע פאַרלוסטן אין מענטשן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס פעלן אונדז 24 פון אונדזערע פּעאיקסטע און אַרום 20 מענטשן זיינען געווען פאַרוואונדעט.

„עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ טעטיקע אַרבעט צו פאַרריכטן די קאַליע געוואָרענע מאַשינען און די צעשעדיקטע דעק, וואָס דער ווינט האָט אָפּגעריסן . . .

„עס האָבן אונדז געפעלט עטלעכע שיפלעך, וואָס דער שטורעם האָט אָפּגעריסן און ערגעץ וואו פאַרטראָגן. מיר זיינען נאָך געבליבן מיט 6 שיפלעך.

„מיר האָבן אָפּגעאַרבעט עטלעכע וואָכן, בעת וועלכע מיר האָבן דורכגעמאַכט עטלעכע קליינע שטורעמס, און וויפל מיר האָבן ניט פאַרריכט, האָט שוין אָבער די שיף מער ניט געקענט אַרבעטן אַזוי ווי פריער.

„די מאַסטן האָבן געפעלט, קיין זעגלען זיינען ניט געווען, איז דערפאַר די שיף שוין ניט געווען אַזוי שטאַרק און זיכער.

ווידער איז געקומען אַ שיינער טאָג, די זון האָט געשיינט, דער הימל איז געווען לויטער ריין און האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט . . . די שיף איז געגאַנגען שוואַכלעך, ווייל די מאַשינען האָבן געאַרבעט נאָר 10 מייל אַ שעה און עס איז ניט געווען מעגלעך צו פאָרן ווייטער.

„דער קאַפּיטאַן האָט באַשלאָסן מיר זאָלן פאָרן צוריק. די סיבה איז געווען נאָך אַן ערגערע: דער קאָמפּאַס איז אונדז צעבראָכן געוואָרן . . . מיר האָבן שוין ניט געוואוסט וואו מיר זיינען. מיר האָבן אָנגענומען דעם קאַפּיטאַנס באַשלוס צוריק צו פאָרן.

„ניט וויסנדיק ווי אַזוי און וואוהין, האָבן מיר זיך געלאָזט גלאַט אין דער וועלט אַריין צוריקפאָרן.

„אָפּפאָרנדיק אַ פּאָר טעג, האָט דער הימל זיך ווידער פאַרכמורעט און דער קאַפּיטאַן האָט אונדז מודיע געווען, אַז מע דאַרף זיך ווייטער ריכטן אויף צרות פון ווינט און שטורעם . . .

עס איז נאַכט געוואָרן. עס האָט אָנגעהויבן צו דונערן און בליצן. באַלד האָט אָנגעהויבן גיין אַ רעגן . . . דער רעגן האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. מיר האָבן זיך גענומען פרייען, וואָס דער שטורעם איז שוין אַריבער. אונדזער פרייד האָט אָבער ניט לאַנג געדויערט, ווייל מיט עטלעכע שעה׳ן שפּעטער האָט זיך ווידער גענומען אָנרוקן אַ שטורעם און דאָס מאָל אַ דראַענדיקער! . . .

„די כוואַליעס האָבן זיך גענומען הויבן צום הימל, די שיף איז געוואָרן ווי אַ שפּילצייג ביי די כוואַליעס פון ים . . . יעדע כוואַליע איז געווען פינף מאָל העכער פון דער שיף.

„דער שטורעם האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע שעה. מיר זיינען שיער ניט אַראָפּ פון זינען. אַלץ אין דער שיף אין צעשמעטערט געוואָרן . . . די עלעקטרי האָט ניט געאַרבעט . . . עס איז געווען פינצטער . . . אַ סך פון אונדזערע מענטשן זיינען ווידער אַריינגעשליידערט געוואָרן אין ים אַריין . . . מיר האָבן זייערע געשרייען געהערט, איידער זיי זיינען געזונקען צום אָפּגרונט . . .

„מיט אַמאָל האָט זיך אונדזער שיף אַ הויב געטאָן און איז צוריק אַ פאַל געטאָן, ווי פון אַ גרויסן באַרג אַראָפּ.

„עס האָבן זיך דערהערט געשרייען, קרעכצן פון פאַרוואונדעטע און צעווייטיקטע . . . אַ סך זיינען גלייך דערהרגעט געוואָרן.

„ווען דער מאָרגן איז געקומען האָבן מיר דערזען אונדזער שיף צעשמעטערט, ליגנדיק אויפן הויכן פעלזן־באַרג.

„פאַר אונדז האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ שרעקלעכע סצענע . . . מענטשן צעריסענע, צעקוועטשטע, צעדריקטע. די שיף איז געווען צעבראָכן כמעט אויף דער העלפט . . . די געשרייען זיינען געווען שרעקלעכע . . .

„מיר האָבן פאַרבונדן די פאַרוואונדעטע די וואונדן און די טויטע באַגראָבן.

„מיר האָבן זיך געפונען אויף אַ קליינעם אינזל, וואָס איז געווען באַזעצט פון אַ פּאָר טויזנט שוואַרצע ווילדע מענטשן, מענטשן־פרעסער, ביי וועלכע טויטע ווערן ניט באַגראָבן, נאָר אויפגעגעסן.

„צווישן די פאַרוואונדעטע איז אויך געווען דער קאַפּיטאַן, און ער האָט אונדז געהייסן צוזאַמענקלייבן דאָס גאַנצע געווער און זיין צוגעגרייט, ווייל די שוואַרצע וועלן אונדז אַטאַקירן.

„און אַזוי איז טאַקע געווען.

„די שוואַרצע האָבן אונדז אַטאַקירט מיט אַלערליי שטיינערנע און האַל־צערנע כל־זין און מיט פייל־און־בויגן. מיר האָבן דערשאָסן עטלעכע פון זיי און זיי האָבן פאַר אונדזער שאָס געקראָגן רעספּעקט! . . . ווי עס ווייזט אויס, האָבן זיי דאָס נאָך קיינמאָל ניט פריער געהערט, און אַז זיי האָבן דערזען ווי עס פאַלן מענטשן אין בלוט, זיינען זיי זיך צעלאָפן. און אַזוי האָבן מיר גענומען בויען דאָרט הייזער און לעבן ווי די ווילדע . . .

„דער קאַפּיטאַן איז געשטאָרבן און נאָך זיין טויט האָבן ביי אַ 25 מענטשן אונדזערע באַשלאָסן צו לאָזן זיך וואַנדערן און זוכן אונדזער נייע וועלט.

„איך האָב זיך דערמאָנט, אַז איך האָב געהאַט אַ קליינעם קאָמפּאַס פון מיינע עקספּעדיציעס . . . און אַזוי האָבן מיר זיך אַוועקגעלאָזט אויף צוויי קליינע שיפלעך. ווי עס ווייזט אויס, איז דער אינזל ניט ווייט פון דאַנען, ווייל אין עטלעכע טעג זיינען מיר אָנגעקומען צו אונדזער „נייער וועלט“.

„דער וועג איז געווען אַ שרעקלעכער. די ערשטע צוויי אָדער דריי טעג זיינען געווען אַזוי שרעקלעך, אַז עס איז גאָר שווער צו דערציילן.

„געווען איז עס אין אַ פרייטיק, ווען מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין. 12 אין איין שיפל און 13 אין אַ צווייטן שיפל. מיר האָבן מיט זיך מיטגענומען עסן און טרינקען און אַ סך געווער . . .

„פאַר זיין טויט האָט אונדז דער קאַפּיטאַן אויך געראטן מיר זאָלן זיך אַרויסלאָזן געפינען אונדזער „נייע וועלט“.

„ער האָט אָנגעזאָגט וואָס מיטצונעמען אין אַזאַ פאַל און מיר האָבן זיך פאַרגרייט מיט ביקסן, מעסער און שטריק.

„ביי אַ טאָג רייזע פון אונזער אינזל זיינען מיר באַפאַלן געוואָרן פון אַ גאַנצער באַנדע שאַרקס, אייניקע פון זיי אַזעלכע גרויסע, וואָס האָבן געקענט איינשלינגען אַ מענטשן.

„מיר האָבן אויף זיי אָנגעהויבן שיסן און מיר האָבן הונדערטער פון זיי דערשאָסן. אַנדערע האָבן מיר דערשטאָכן. אַ סך זיינען געווען אַזוי ווילד, אַז זיי האָבן זיך געוואָרפן אויף אונדזערע שיפלעך.

„אַזוי האָבן מיר שווער אָפּגעאַרבעט עטלעכע טעג . . . מיר האָבן ניט געקענט עסן, ניט טרינקען און ניט שלאָפן . . . מיר זיינען געוואָרן אַזוי אויס־געמאַטערט, אַז מיר האָבן ניט געקענט רודערן די שיפלעך.

„די שאַרקס האָבן אַנדערש ניט געוואָלט נאָר אונדז אויפעסן, ווייל וויפל

מיר האָבן זיי ניט צעהרגעט, זיינען אַלץ נאָך געבליבן אָן אַ שיעור, אין די הונדערטער, וואָס האָבן אונדז ניט געוואָלט אָפּלאָזן . . . זייער צאָל האָט גע־האַלטן אין איין וואַקסן און זיי זיינען אַלץ ניט אָפּגעטראָטן, ביז עס האָט פּאַ־סירט דאָס, וואָס מיר האָבן ניט דערוואַרט — איין שיפל האָט זיך איבערגעקערט און אַלע מענטשן פון דעם שיפל זיינען פאַר אונדזערע אויגן אויפגעפרעסן געוואָרן פון די שאַרקס.

„איבערגעקערט דאָס שיפל האָט אַ וואַלפיש. מיר האָבן דעם וואַלפיש דער־שאָסן, אָבער דאָס וואָס מיר האָבן צוגעזען מיט אונדזערע אויגן, און וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט, האָט אונדז אַלעמען כמעט געריירט פון מוח . . .

„דריי פון אונדזער שיפל זיינען משוגע געוואָרן. מיר זיינען געשטאַנען אין געפאַר, דורך זייער משוגעת, צו ווערן אומגעבראַכט, האָבן מיר זיי גלייך אַריינ־געוואָרפן אין וואַסער אַריין. מיר האָבן קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט.

„קיין וואַסער צו טרונקען האָבן מיר ניט געהאַט און די היץ האָט געברענט. די שאַרקס זיינען אונדז נאָך אַלץ נאָכגעלאָפן. זיי האָבן צעביסן די רודערס, און אַט אַזוי זיינען מיר אויסגעשטאַנען דאָס אומגלויבבאַרע.

„ווי אַזוי מיר זיינען אָנגעקומען אַהער, ווייס איך ניט, דאָס איז אונדז ניט קלאָר . . . ניט אַנדערש נאָר דאָס שיפל איז אַליין געשוואומען און האָט אונדז געבראַכט אַהער . . .

„אָבער ערשט איצט, האָפן מיר, אַז מיר וועלן ווען דערגרייכן די אַלטע וועלט. מיין ערשטע אויפגאַבע וועט זיין צו געפינען אַ וועג ווי אַם שנעלסטן צו קענען אַראָפּברענגען פון שוואַרצן אינזל אונדזערע מענטשן, וואָס זיינען דאָרט פאַרבליבן, וועלכע דערוואַרטן אַז מיר זאָלן זיי צוריקברענגען, ווי נאָר מיר וועלן האָבן אַ מעגלעכקייט.

„פאַר דעם צוועק וועל איך איצט בויען אַ שיף, און איך האָף, אַז אונדזערע אינזשעניר וועלן אונדז מיטהעלפן צו בויען עטלעכע גרויסע שיפן און אונדז פאַרבינדן מיטן שוואַרצן אינזל.

„דער שוואַרצער אינזל וועט אונדז זייער צונוץ קומען, ווייל דאָרטן זיינען פאַראַן אַלערליי מעטאַלן, הויכע, דיקע ביימער און וואונדערבאַרע שטיינער פאַרן איבערבויען פון אונדזער „נייער וועלט".״

זעכצנטער קאַפּיטל

קאַלענין האָט זייער געליטן און זיך געהאַסט פאַר זיין כאַראַקטער. ער האָט אַליין ליובאַן פון זיך אָפּגעשטויסן . . .

— זי איז דאָך ניט קיין געוויינלעכע פרוי, — האָט ער געטראַכט.

ער האָט געוואוסט, אַז זי וועט אים ניט פאַרגעסן.

קאַלענין איז אַלט געווען עטלעכע און פערציק יאָר. זיין לעבן איז אַוועק אָן ליבע. איצט האָט ער באַשלאָסן צו וואַרטן, טאָמער וועט ער זי אַמאָל קריגן . . . און ער האָט זי איצט זייער געוואָלט קריגן . . . זיין ליבע צו איר האָט זיך צעפלאַקערט מיט אַ פייער, מיט אַ פלאַם פון זיין ערשטער יוגנט־ליבע . . .

ער האָט זי איצט געזען מיט דער מיידלשער שיינקייט . . . ניט קיין פרוי פון כמעט 40 יאָר, נאָר אַ מיידל אין די יונגע יאָרן . . . נאָך איידער זי האָט געהייראַט ליאָן.

ווי אַ שאָטן איז ער אַרומגעגאַנגען אין שטאָט. ער איז פיל פאַרענדערט

געוואָרן. ער האָט מיט קיינעם ניט געהאַט צו טאָן, מיט קיינעם ניט גערעדט, אויסגעמיטן מענטשן, נאָר אין איינזאַמקייט, פאַרטיפט אין זיך אַליין.

ער האָט איצט געוואוסט, אַז ליובאַ האָט זיך פאַרליבט אין איר מאַן. יאָ, ער האָט דאָס געזען און געפילט . . . זי האָט דאָס אים אַליין געזאָגט. אויך האָט זי אים געזאָגט, אַז איר מאַן האָט צוגענומען זיין ליבע . . . זי פילט איצט צו איר מאַן, ווי זי האָט אַמאָל געפילט צו אים.

ער האָט קיין איפערזוכט צו ליאָן ניט געפילט. פאַרקערט, ער האָט איצט צו ליאָן געפילט אַ רעספּעקט. ער איז פאַר אים איצט געשטאַנען גאָר אַן אַנדער ליאָ.

— אַן אידעאַליסט! . . .

איינמאָל האָט ער געפרעגט ביי ליובאַן צי ליאָ פרעגט זיך נאָך אויף אים און צי ער איז נאָך אויף אים איפערזיכטיק.

— ניין! האָט זי געענטפערט. — ניט נאָר איז ליאָ ניט איפערזיכטיק, נאָר אַז ער האָט איר נאָך געראַטן, אַז אויב זי ליבט קאָלענינען, זאָל זי גיין מיט אים, און ער וועט זיך פילן גליקלעך מיט איר גליק . . .

— ווי קען איך אים האַסן? — האָט קאָלענין געטראַכט. — אויב מיר טוט ווייַ אַ גליד, איז דאָס דען זיין שולד? ער האָט זי דאָך געוואָלט אויפגעבן אויב זי ליבט מיך! . . . אויב זי וויליקט איין צו גיין צו מיר! . . .

— איך טאָר אים ניט האַסן, כאָטש איך לייד! . . . איך מוז טראַכטן, אַז ער וואָלט אויך געליטן, ווען זי זאָל אַוועק פון אים . . . ער וואָלט געליטן מיט מער רעכט ווי איך . . . זי איז דאָך זיין פרוי!

ער איז אַוועק אין אַ קליין, אַלט שטיבל, האָט זיך דאָרטן באַזעצט.

פאַר דער וועלט האָט ער געזאָגט, אַז ער גייט דאָרט שאַפן וואָס, און דע־ריבער וויל ער זיין אַליין, פון קיינעם ניט געשטערט.

אַזוי פלעגט ער זיצן אַליין, טאָג ווי נאַכט, און טראַכטן, טראַכטן . . . ער האָט געטראַכט פון טויזנטער זאַכן . . . אָבער אַן אַ ציל . . .

ער האָט באַשלאָסן ווירקלעך עפּעס אויפצוטאָן. אין דער זעלבער צייט וועט ער פאַרגעסן אַן זיין ליבע צו ליובאַן . . . יאָ, ער מוז עפּעס שאַפן, עפּעס אויפטאָן!

אים איז עפּעס איינגעפאַלן אַ געדאַנק:

ער האָט זיך געכאַפּט, אַז אונדזער באַפעלקערונג וואַקסט, און אין אַ קורצער צייט אַרום וועט קיין פלאַץ ניט זיין פאַר אַלעמען . . . דערצו שטאַרבן ביי אונדז זייער ווייניק מענטשן. האָט אין זיין מוח אַ בליץ געטאָן אַזאַ געדאַנק: ער מוז עפּעס טאָן:

אויב עס קומען צו מער מענטשן ווי עס ווערן פאַרשוואונדען, דאַן מוז מען זען, אַז עס זאָלן ווייניקער געבוירן ווערן; און דער איינציקער מיטל איז: „בוירט־קאָנטראָל"! . . .

דאָס איז געוואָרן זיין ציל —

— איך מוז מיין פּלאַן פאַרברענגען פאַר דער „נייער וועלט" . . . — האָט ער אָפּגעמאַכט. — איך מוז אויך מכוח דעם אויפשרייבן אַ בוך . . .

ער האָט זיך דערמאָנט:

זיין זיידע האָט אים אַמאָל דערציילט וועגן „בוירט־קאָנטראָל" אין דער אַלטער וועלט . . . דאַן איז דאָס געווען פאַר נויט און הונגער, ווייל די רייכע האָבן צוגענומען ביי אָרעמאַן אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט . . . אָבער דאָ איז

די זאַך אַנדערש . . . דאָ איז די פראַגע, אַז מע האָט זיך שוין באַלד ניט וואו אַהין צו טאָן! . . .

— אויב אונדזער באַפעלקערונג וועט אַזוי וואַקסן, וואו וועט מען זיך דאָ אויפהאַלטן? וואו וועט מען זיך אַהינטאָן?

קאַלעניִנס באַשלוס איז געוואָרן פעסטער אין זיין דענקען, אַז צוויי קינדער זיינען גענוג פאַר אַ פאַמיליע . . . ווייל ווען מיר זאָלן נאָכגעבן די נאַטור, וועלן מיר דאַן פאַרפלייצט ווערן פון מענטשן! . . .

און ער האָט ווייטער געטראַכט:

— די נאַטור שאַפט איינעם פאַרן צווייטן. למשל, קאָרן, ווייץ, פרוכטן ווערן געשאַפן פון דער נאַטור, אָבער מיר מענטשן פאַרניכטן דאָס פאַר אונדזער דערנערונג, פאַר אונדזער חיונה.

די פיש מערן זיך, אָבער זיי עסן זיך אייגענע די צווייטע. און חיות לעבן דאָך אויך איינע פון די צווייטע . . . די חיה, וואָס דערנערט זיך מיט גראָז, ווערט פאַרניכטעט פון דער חיה פון וואַלד, וואָס דערנערט זיך מיט זיין פלייש . . . אָבער אויב מיר מענטשן וועלן לעבן לאַנג און עס וועלן צוקומען נאָך און נאָך, וואָס וועט דאַן זיין דער רעזולטאַט, אַז שטאַרבן שטאַרבט מען ניט ביי אונז?

מיר וועלן ווערן קאַניבאַלן פאַר ענגשאַפט; עס וועט ווערן אַ קאַמף פאַר פלאַץ, פאַר עקסיסטענץ . . . עס וועט ווערן אַן אומזיכערקייט אין אונדזער לעבן, — האָט ער אין זיך גערעדט.

מיר קוקן שוין היינט איינער אויפן צווייטן ווי אויף עפּעס איבעריקס, דער־ריבער בויט מען הויכע מויערן, מען מוז! . . . מוז מען פּראַקטיצירן געבורט־קאָנטראָל! . . .

ער האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט.

קאַלענין האָט געשריבן אַ בוך. די דאָזיקע אַרבעט האָט ביי אים צוגענומען עטלעכע חדשים. ער האָטווירקלעך פאַרגעסן אָן ליובאַן און אָן זיין ליבע צו איר . . .

ער האָט געפילט, אַז עס האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ נייער אידעאַל, אַז עפּעס וויכטיקעס שאַפט ער היינט פאַר זיין פאָלק, פאַר זיין לאַנד . . .

ער האָט אויסגעשריבן פּלענער און מאַטעמאַטישע באַווייזן וויפל מענטשן דאָס לאַנד קען אַרייננעמען . . .

— אין 50 יאָר אַרום וועלן מיר ניט האָבן וואו צו זייען ברויט פאַר אונדזער געברויך, ווייל יעדעס שטיקל ערד וועט זיין פאַרנומען מיט מענטשן, וואו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן וועט ניט זיין, און עס וועט זיין אַ בלוטיקער קאַמף פאַר עקסיסטענץ.

דאָס בוך איז פאַרענדיקט געוואָרן און אָפּגעגעבן געוואָרן צום דרוקן. ווען דאָס בוך איז דערשינען האָט עס געמאַכט אַ רושם. ביי דער קריטיק האָט דאָס בוך אַרויסגערופן אַנטריסטונג . . . די ערגסטע קריטיק קעגן אים. קיינער האָט ניט געגלויבט אין זיין טעאָריע, כאָטש ער האָט געמאַכט יעדן צו רעדן און פאַר־טראַכטן זיך, נאָך מער פון די מענטשן פון דער אַלטער וועלט.

אין אונדזער „נייער וועלט" האָט עס אוודאי אַרויסגערופן דעבאַטן, דיס־קוסיעס, ווייל ווער האָט ביי אונדז געהערט וועגן געבורט־קאָנטראָל, ווער?

יעדע פרוי האָט זיך געהאַט פון 10 ביז 20 קינדער און אַמאָל אויך מערער — דערפאַר איז די פרוי געווען די ערשטע צו פאַרטראַכטן זיך אויף קאַלעניִנס טע־אָריע, ווייל שוואַנגערן, אונטער די בעסטע אומשטענדן, איז ניט אַזוי גרינג. ניט

מער די נאַטור האָט שוין אין דער פרוי אַריינגעגעבן, אַז זי זאָל וועלן האָבן קינדער. אָבער צופיל קינדער האָט שוין די פרומע פרוי אויך ניט געוואָלט האָבן און די פרייע פרוי — אוודאי ניט!

איידער דאָס בוך איז אַרויס האָט דערפון קיינער ניט געטראַכט, אָבער איצט האָט די פרוי זיך גענומען פאַרטראַכטן:

— פאַרוואָס שטענדיק אַרומגיין מיטן הויכן בויך? — איז געוואָרן דער פרויס טענה — און צו האָבן אַ קינד איז דאָך אויך ניט אַזוי גרינג! . . .

דאָס בוך האָט געבראַכט אַ נייע באַוועגונג ביי אונדזער פרויען־פאָלק. פרויען האָבן גענומען צונויפשטעלן קלובן, און עס איז געוואָרן אַ ניי לעבן און שטרעבן . . . עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע באַוועגונג: „בוירט־קאָנטראָל“.

מע האָט גערעדט פאַר און קעגן וועגן דעם כמעט אין יעדן הויז . . . מע האָט געלייענט דאָס בוך און דער נאָמען קאַלעניו איז געלעגן אין יעדנס מויל.

דאָס בוך האָט געבראַכט עפּעס נייעס צו דענקען . . . עס איז ביי אונדז פאַרערכנט געוואָרן פאַר אַ געניאַלער פילאָסאָפיע. און מיר, דערהויפּט פרויען, האָבן זיך דערמיט אָפּגעגעבן, אי שטודירט, אי פּראַקטיצירט! . . .

זיבנצענטער קאַפּיטל

ליאָ האָט פאַר דער צייט אויפגעבויט אַ לופטשיף, וואָס האָט געקענט פירן ביי אַ 25 מענטשן. די שיף איז געפלויגן מיט דער שנעלקייט פון 150 מייל אַ שעה, האָט זיך אויך געקענט אַראָפּלאָזן אויף יעדן פּלאַץ, סיי אויף וואַסער, סיי אויף לאַנד . . . אַלץ איז געווען צוגעגרייט און פאַרזאָרגט, אַז טאָמער מאַכט זיך עס ווערט קאַליע אַ מאָטאָר, זאָל די לופטשיף קענען שווימען אין וואַסער רואיק מיט אַ ספּעציעלן מאָטאָר, און טאָמער קומט אויס אַראָפּצולאָזן זיך אויפן לאַנד, זאָל זי קענען פאָרן ווי אַן אויטאָמאָביל.

אין אַלגעמיין איז די לופטשיף געווען געזיכערט פאַר אַלצדינג, אַפילו פאַר־היט, אַז קיין נעצקייט זאָל ניט דורכדרינגען.

עס איז געמאַכט געוואָרן אַ פלי־פּראָבע און דער רעזולטאַט איז געווען ווי געוואונטשן — אַן אמת׳ער דערפאָלג.

מע האָט זיך פאַרגרייט מיט אַלערליי מעסט־מאַשינען, פאָטאָגראַף־אַפּאַ־ראַטן און אַנדערע עקספּעדיציע־מכשירים.

קאַלעניו האָט אויך דאָס מאָל גענומען אַן אנטייל אין דער לופט־עקספּע־דיציע. צווישן קאַלעניוען און ליאָן איז איצט געוואָרן אַ פריינדשאַפט, אַזוי אַז קאַלעניו איז געוואָרן אַ שטענדיקער אַריינגייער אין ליאָס הויז.

ליאָ האָט אים צוגעטיילט כבוד און אים געריימט פאַר זיין וואונדערבאַרן בוך, פאַר זיינע פילאָסאָפישע געדאַנקען. — ווי האָט ער זיך דערטראַכט צו דעם?

קאַלעניו ווידער האָט געגלויבט ליאָן פאַר זיין וואונדערבאַרער מאַשין, וואָס איז געווען פאַר אונדז פיל וויכטיקער ווי די שיף פונעם קאַפּיטאַן, וואָס איז פאַרניכטעט געוואָרן פון שטורעם.

— מיט דער פלי־שיף וועט זיך ערשט אָנפאַנגען אַ נייע עפּאָכע, — האָט קאַלעניו פאַרענדיקט. — מיר וועלן אפשר געפינען די אַלטע וועלט?

ליובאָ איז געווען צו קאַלעניוען ווי צו אַ ברודער. זי האָט אים געאַכט און רעספּעקטירט. אויב ער האָט אַמאָל באַלעסטיקט מיט אַ קוש, האָט זי עס פאַר־שוויגן, ווי דאָס וואָלט איר ניט געאַרט, הגם זי האָט פאַר אים שטאַרק געזאָרגט.

ליאַ און קאַלענין זיינען געוואָרן צוויי גוטע פריינט. זיי האָבן איינער קעגן אַנדערן ניט שטאָלצירט און אַפילו פאַרגעסן, אַז אַ פרוי שטייט צווישן זייביידן. ס׳איז אַלץ פאַרגעסן געוואָרן, ווי ס׳וואָלט קיינמאָל ניט עקסיסטירט, ווי גאָר ניט געווען.

עס איז צווישן זיי באַשלאָסן געוואָרן, אַז מע זאָל קיין אייפערזוכט ניט האָבן איינער צום צווייטן.

ליובאַן איז געגעבן געוואָרן די ברירה אויסצוקלייבן פון זיי וועמען זי ליבט . . . און אַזוי איז קאַלענין געוואָרן אַ היימישער מענטש אין ליאָס הויז.

מע האָט זיך געקליבן צו דער רייזע.

עס איז ווידער געווען אַ גרויסער יום־טוב. פון אַלע שטעט איז מען אָנגעקומען צום פּלאַץ פון וואַנען די לופטשיף האָט זיך געדאַרפט אויפהייבן און אָפּפליען.

פינף מענטשן זיינען געווען די אָפּפליער, ווייל מע האָט געדאַרפט צוריקברענגען פון שוואַרצן אינזל אַ היפשע צאָל מענטשן.

בעת די פינף מענטשן זיינען אָפּגעפאָרן האָט געהערשט גרויס פרייד צווישן די קינדער און צווישן די גרויסע . . . עס איז געווען אַ פריילעכער טאָג פאַר אַלעמען . . . די קינדער זיינען אין שולע ניט געגאַנגען, די גרויסע האָבן ניט געאַרבעט.

דער פירער פון דער שיף איז געווען ליאָ, ס׳הייסט דער קאַפּיטאַן. ער איז געווען אַ גרויסער קענער אין געאָגראַפיע. ליאָ האָט מיט זיך מיטגענומען אַ וועטער־מעסטער. דאָס איז אויך געווען איינע פון זיינע דערפינדונגען.

דער וועטער־מעסטער פלעגט מעסטן און באַשטימען די צייט פאַר אַ סך טעג אין פאָראויס.

ליאָ האָט אויך געהאַט אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט און האָט זיך געקענט מיט דעם פאַרבינדן מיט אונדז פון טויזנטער מיילן ווייט.

די לופטשיף איז אויך געווען באַזאָרגט מיט ספּעציעלע „פּאַראַשוטס" און ספּעציעלע רעטונגס־גאַרטלען, וואָס האָט זיי געקענט האַלטן אויפן וואַסער וואָכן לאַנג. אויך האָבן זיי געהאַט מיט זיך געוויסע פּילן פאַר עסן און טרינקען. דאָס האָט מען נאָר באַנוצט אין אַ נויט, ווייל זיי זיינען געווען זייער שווער צו פּראָדוצירן. מע פלעגט פאַרשלינגען אַ פּיל פאַרן עסן, האָט מען דאַן געקענט זיין זאַט עטלעכע טעג, און דאָס אייגענע ווען מע האָט געדאַרפט טרינקען, האָט מען גענומען אַ פּיל אין מויל אַריין און זי געהאַלטן אין מויל און דער דורשט האָט זיך באַלד געשטילט.

די לופטשיף האָט אויך געפירט געווער.

דער לופטשיף האָט מען אַ נאָמען געגעבן „ליובאַ", אויף דעם נאָמען פון ליאָס ווייב.

דאָס מאָל האָט ליובאַ ליאָן ניט געשטערט ער זאָל פליען. אדרבה, זי האָט אים נאָך צוגעגעבן מוט און קוראַזש; האָט זיך מיט אים צעקושט בעת ער איז אַריינגעגאַנגען אין דער לופטשיף, און אים נאָך צוגעוואָרפן אַ לופט־קוש.

מוזיק האָט געשפּילט, ווען די שיף האָט זיך אויפגעהויבן, זיך גענומען אַוועקטראָגן און באַלד איז זי פאַרשוואונדן פון די אויגן, מיט אירע פינף פליער.

ליובאַ האָט זיך צעוויינט, ווען זי איז געקומען אַהיים. קאַלענין האָט זי געטרייסט:

— אַלץ וועט זיך ענדיקן צום גוטן, — האָט קאַלענין איר פאַרזיכערט. — זיי וועלן אין גיכן קומען מיט אַ גרויסער צאָל פון אונדזערע מענטשן . . . עס בויען זיך איצט דאָ שיפן, וואָס וועלן אונדז פאַראייניקן מיט דעם שוואַרצן אינזל. און דער איינציקער, וואָס קען פאַר אונדז פאַראייניקן דעם אינזל, וואָס זאָל זיין פאַר אונדזער וואוילזיין, איז דער פעאיקסטער מענטש ליאַ אַליין . . . יאָ, ליאַ, ס'איז ניטאָ קיין צווייטער ווי ער.

— דאָס ווייס איך, — האָט ליובאַ געזאָגט: — אָבער דאָך שרעקט מיר דאָס האַרץ, אַז חלילה עפּעס וועט געשען מיט אים . . . ליאַ האָט מיר געזאָגט, אַז דאַרטן ליידט מען פון אַ מאָדנעם פיבער . . . דער דאָזיקער פיבער האָט דאָך אומגעבראַכט אַ סך פון אונדזערע מענטשן.

— דאָס מאָל האָט ער מיט זיך מיטגענומען אַ סך מעדיצינען, — האָט קאַלענין געזאָגט — וואָס וועט אויך דאַרטן העלפן די יעניקע, וואָס ליידן פון דעם פיבער.

קאַלענין האָט אַליין אויך דערפילט עפּעס אַן אומרו.

— ווער ווייסט? — האָט ער ביי זיך געטראַכט מיט שרעק. — ווער ווייסט וואָס מיט ליאַן וועט פּאַסירן? . . .

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ליאַ האָט אים אַמאָל דערציילט, אַז די פיבער־קראַנקהייט, וואָס הערשט דאָרט, איז אַן אויסערגעוויינלעכע. קוים ווערט מען אויף איר קראַנק, פאַלט מען באַלד אַוועק אין שרעקלעכע שמערצן . . .

איצט האָט שוין קאַלענין אויך מורא געהאַט, אַז ליאַ האָט אַוועקגעפירט זיין לעבן צו אַ גרויס געפאַר. אָבער מען מוז! האָט ער אין זיך געטראַכט.

ליאַ איז די לעצטע צייט זייער פיל חולה געווען. דאָס איז אים געוועזן פאַר־בליבן פון יענער ניט־געלונגענער עקספּעדיציע. קאַלענין האָט דערפון פיל גע־טראַכט. אָבער ליובאַן האָט ער געטרייסט מיט האָפענונגען, אַז אַלץ וועט זיך ענדיקן צום גוטן . . .

ליובאַ האָט זיך געלאָזן טרייסטן און אַלע האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דעם צוריקקער פון דער לופטשיף.

אויל האָט די שיף געהאַט מיט זיך גענוג אויף צוריק צו פאָרן, נאָר ער האָט געדאַרפט מאַכן אַ קורצע עקספּעדיציע אין לאַנד, וואָס עס וואָלט גענומען אַ פאָר חדשים, אָבער ניט מער ווי דריי חדשים . . .

ביי ליובאַן האָט זיך יעדער טאָג געצויגן ווי אַ יאָר. זי האָט קוים דערלעבט עס זאָלן אַריבערגיין דריי חדשים, ווייל נאָר אויף אַזוי לאַנג האָט קאַלענין איר צוגעזאָגט וועט זיין רייזע אַנהאַלטן, און ניט מער.

ווען די דריי חדשים זיינען אַדיבער און די שיף האָט זיך ניט באַוויזן, האָבן אַלע גענומען מורא האָבן, זיך שרעקן, אַז אַן אומגליק האָט מיט דער שיף גע־טראָפן און ווער קען וויסן דעם גורל פון די פינף פליער.

מע האָט פון דאַן אָן אויסגעקוקט יעדן טאָג אויף רעזולטאַטן. דערווייל איז אַוועק נאָך אַ וואָך.

ליובאַ האָט פאַר זיך ניט געקענט געפינען קיין אָרט, קיין מקום־מנוחה. אויף קאַלענין איז אַרומגעגאַנגען אַ צעטראָגענער און אַכטונג געגעבן, אַז ליובאַ זאָל אַליין ניט בלייבן מיט זיך . . .

ער האָט זי אָפּגעהיט, זי כסדר געטרייסט, און זי, ליובאַ, פלעגט אונטער זיינע טרייסט־ווערטער, זיך באַגיסנדיק מיט טרערן, אַזוי יעדע נאַכט איינשלאָפן.

זי פלעגט אָבער ניט קענען לאַנג שלאָפן . . . דערנאָך פלעגט זי שוין ליגן די גאַנצע נאַכט מיט אָפענע אויגן און טראַכטן, טראַכטן . . .

די צייט איז דערווייל ניט געשטאַנען אויף איין אָרט: פון די דריי חדשים איז געוואָרן פיר חדשים, און אויך דאַן איז קיין ידיעה ניט געווען פון די פליער און ליאָן.

מע האָט שוין ניט געוואוסט וואָס צו טראַכטן, וואָס מע האָט ניט געטראַכט איז דאָס געווען די שרעקלעכסטע זאַכן . . . עס האָט זיך ניט געוואָלט טראַכטן, אַז אַן אומגליק האָט געטראָפן, אָבער דער געדאַנק האָט דורכאויס אונטערגעזאָגט, אַז עס האָט יאָ עפּעס שרעקלעכעס פּאַסירט.

ליובאַ איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ צעמישטע. אַז ליאָ איז אומגעקומען איז זי געווען ווי זיכער . . . זי האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. זי האָט אויסגעמידן צו טרעפן זיך מיט מענטשן, זיך אָפּגעטיילט פון אַלעמען. אַפילו קאַלענין האָט מיט איר געקענט זעלטן ריידן, זעלטן זי זען.

פון איצט אָן, ווענן וואָס זי האָט נאָר געוואָלט ריידן, איז עס בלויז געווען וועגן ליאָן; און ווען זי האָט גענומען וועגן דעם וואָס ניט איז טראַכטן, איז דער געדאַנק באַלד איבערגעגאַנגען צו ליאָן . . .

„. . . לופטשיף, ליאָ, שוואַרצער אינזל . . .“ דאָס זיינען געווען אירע כסדרדיקע רייד . . .

אַלע האָבן אויף איר געקוקט מיט דעם גרעסטן רחמנות, מיטן גרעסטן מיטלייד.

אכצנטער קאפיטל

עס איז געווען אין אַ מיטן דער נאַכט. אַלע זיינען געשלאָפן. דער גרויסער גלאָק אויפן שטאָט־טורעם האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן צו קלינגען.

די גאַנצע באַפעלקערונג פון שטאָט איז אויפגעוואַכט געוואָרן, און ווי נאָר זיי האָבן די אויגן געעפנט, האָט זיך דערהערט די ראַדיאָ, וועלכע האָט געזאָגט פאָלגנדע ווערטער:

„די לופטשיף „ליובאַ“ שוועבט איבער אונדזער שטאָט!“

די דאָזיגע נייעס איז פאַרשפּרייט געוואָרן איבערן גאַנצן אינזל.

יענע נאַכט איז די באַפעלקערונג שוין מער ניט געשלאָפן . . . מע איז אַרויס אין די גאַסן און געהערט דאָס גערויש פון אַ מעכטיקער לופטשיף.

די נאַכט איז געווען זייער אַ פינצטערע, קיין שטערן אויפן הימל האָט זיך ניט געזען. איבער דער ערד אויפן אינזל איז געלעגן אַ געדיכטער נעפּל, אַ טומאַן, און עס האָט זיך געפילט ווי פאַר אַ רעגן . . .

ליובאַ און קאַלענין זיינען אויך אַרויס אין דרויסן דערפרייטע, באַגייס־טערטע און גליקלעכע.

קאַלענין האָט אַ קוק געטאָן אין דער הויך, זיין האַרץ האָט אַ צאַפּל געטאָן.

— ליובאַ, — האָט ער אַ זאָג געטאָן — דאָס איז דאָך ניט אונדזער לופטשיף.

— וואָס פאָלט דיר איין, — האָט זי געזאָגט — דו הערסט דאָך ווי זי פליט . . . און מע קען זי דאָך אויך זען. דו זעסט די פייערלעך, דאָרט זיצט מען אינווייניק?

— יאָ, טייערע, — האָט ער געענטפערט — איך הער זי און זע זי, אָבער אונדזער שיף דאַרף האָבן ווייסע ליכט און דאָ זעען מיר רויטע און גרינע ליכט . . . אויך איז די שיף פיל גרעסער ווי ליאָס . . .

ליובאַ האָט זיך צוגעקוקט, דורכגעדרונגען מיט אירע אויגן דעם נעפּל און געכומען זען, אַז קאַלעניין איז גערעכט!

עס איז געפלויגן אַ מאָנסטער צען מאָל גרעסער ווי ליאָס לופטשיף מיט גרינע און רויטע לעמפּלעך.

ווען עס האָט אָנגעפאַנגען גרויען דער מאָרגן, האָבן אַלע צו זייער שרעק און פאַרוואונדערונג דערזען אַ גרויסן דיריזשאבל, וועלכער איז געווען טויזנט פוס די לענג און עטלעכע הונדערט אין דער ברייט.

די עלטערע פון אונדז האָבן אונדז גלייך געלאָזט וויסן, אַז דאָס איז אַ לופטשיף פון דער אַלטער וועלט, און ווי עס ווייזט אויס, איז דאָס אַ דייטשער צעפּאַלין.

די אַלטע וועלט האָט אונדז געפונען — — —

די יונגע האָבן זיך געפרייט:

— די אַלטע וועלט איז ניט אונטערגעגאַנגען . . .

אונדזערע אַלטע האָבן זיך אָבער ניט געפרייט מיט דער פּאַסירונג.

איינער האָט אַ זאָג געטאָן צו די יונגע :

— זיי ברענגען אונדז ניט קיין פרידן, קיין גליק פון דער אַלטער וועלט! זיי וועלן אונדז דאָס לעבן פאַרביטערן, זיי וועלן אונדזער פרייהייט דערשטיקן און אונדזער גן־עדן לעבן פאַר אַ גיהנום מאַכן!

די יונגע האָבן דאָס ניט געקענט פאַרשטיין:

— וואָס הייסט דאָס?!

ביי די יונגע האָט שוין פון לאַנג געלעבט אַ טרוים, אַז זיי וועלן זיך נאָך אַמאָל קענען טרעפן מיט דער אַלטער וועלט און איצט איז דאָס דאָך פאַרווירקלעכט געוואָרן.

אָבער די אַלטע האָבן זיי געשראָקן:

— דאָס איז ניט קיין גליק! . . .

— דאָס איז אַן אומגליק! . . .

אין דער פרי האָט דער גרויסער דיריזשאבל געלאַנדעט אויסער דער שטאָט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס זיינען ענגלענדער, ביי אַ 50 מענטשן זיינען זיי געווען. זיי האָבן גערעדט אַ סך שפּראַכן און מיר האָבן זיך באַלד געקענט מיט זיי צוזאַמענריידן.

דאָס וואונדער איז געווען זייער גרויס, ווען מע האָט צווישן זיי געפונען איינעם, וואָס איז אַוועקגעפאָרן מיט ליאָן, איינער פון די פינף פליער פון דער לופטשיף „ליובאַ״.

ליובאַ האָט שיער ניט געחלשט, ווען זי האָט דעם אומזעריקן דערזען און ליאָן ניט.

דער איינער איז געווען ליאָס אונטערהעלפער אויף דער לופטשיף „ליובאַ״. זיין נאָמען איז געווען בוכאַרין. אַ יונגער ריז מיט ברייטע פלייצעס, מיט רויטע האָר, מיט ברענענדיקע אויגן און מיט אַ קיילעכדיק פּנים.

ער האָט אויף ליובאַס שרעק געשמייכלט און געזאָגט:

— ניט געשראָקן. ליאָ איז געזונט און שטאַרק און וועט אינגיכן קומען. מעגלעך, אין אַ טאָג אַרום וועט ער שוין דאָ זיין.

ווי בוכאַרין האָט דערקלערט, האָט ליאָס שיף זיך ניט באַוויזן צוזאַמען מיט

דער דיריזשאבל, ווייל יענע שיף פליט מיט 50 מייל וויניקער אַ שעה, פאַר־שטייט איר?

— אָבער ליאָ, — האָט ער געזאָגט — איז געזונט און שטאַרק.

ליובאַ האָט אַזש געוויינט פאַר פרייד!

קאַלעניִן פון זיין זייט האָט זיך אויך געפרייט און געזאָגט צו ליובאַן:

— זעסט, איך האָב דיר געזאָגט, אַז ער איז געזונט און לעבט . . .

— יאָ, — האָט ליובאַ מודה געווען. — יאָ, האָט זי געוויינט פאַר פרייד.

— און ער האָט אונדז אַנטדעקט די אַלטע וועלט, — האָט קאַלעניִן מיט פרייד באַמערקט . . .

שטאָט האָט אויפגענומען די פליערס מיט באַגייסטערונג און זיי געגעבן עסן און טרינקען און זיי געפירט איבער אונדזער שטאָט, געוויזן זיי אונדזערע אינסטיטוציעס, ווי די שולן, טעאַטערס, מוזעאומס, מאָנומענטן פון אונדזערע גרויסע מענטשן.

די גאַסן זיינען געווען פול מיט מענטשן, מיט פאָנען, מיט מוזיק, וואָס האָט פאַר זיי געשפּילט.

קינדער זיינען ווידער אין שולע ניט געגאַנגען; זיי זיינען געווען אַרום די פרעמדע פליער און זיך געפרייט מיט זיי און אָנגעקוואָלן פון זייערע קליידער, וואָס זיי האָבן געטראָגן — אַנדערע מיט מעשענע קנעפּ.

פאַר די קינדער איז געווען אַ נייעס צו זען אַזעלכע מלבושים . . .

די שטאָט איז דורך דער נאַכט געווען באַלויכטן, כדי ווען אונדזערע פליער וועלן קומען ביינאַכט זאָלן זיי וויסן, אַז זיי געפינען זיך שוין אין דער שטאָט „נייע וועלט“, און זיי זאָלן זיך קענען אַראָפּלאָזן אין אָרדענונג.

מיר האָבן געהאַט צוגעגרייט פאַר אונדזערע פליער אַ גרויסאַרטיקע אויפ־נאַמע. אַלע הייזער האָבן מיר אויסגעהאנגען מיט פאָנען, וועלכע האָבן אויף זיך געהאַט אויפשריפטן: „ווילקאָמען העלדן פון דער נייער וועלט!“

און ליובאַ האָט אויסגעפּוצט דאָס הויז מיט אַלעם שענסטן און צוגעגרייט די בעסטע עסנס, וואָס ליאָ האָט צום ליבסטן ליב געהאַט.

אויף זיינע מאָנומענטן האָט מען אויפגעהאנגען קראַנצן מיט בלומען . . . אויך ליובאַ האָט פאַר אים אויסגעפלאָכטן אַ קראַנץ פון רויטע רויזן, און קאַלעניִן האָט אויפגעשריבן אַ שיר, ספּעציעל פאַר ליאָן, פאַר זיין העלדישקייט, פאַר זיין גרויסן ווילן, פאַר זיין וואונדערבאַרן טאַלאַנט און גאונות.

אַלע האָבן געזונגען דעם שיר, סיי גרויס, סיי קליין.

ליובאַס האַרץ האָט געקלאַפּט פון פרייד און פון אומגעדולד — — —

בוכאַרין האָט ניט געוואָלט זאָגן קיין וואָרט ווי אַזוי זיי האָבן דערגרייכט ענגלאַנד.

די ענגלענדער ווידער האָבן זיך געוואָלט אָפּזאָגן פון כבוד, ווייל — האָבן זיי געזאָגט — דער גאַנצער כבוד קומט ליאָן צו געבן, פאַר זיין אַנטדעקן איין לאַנד פאַרן צווייטן.

די ענגלענדער האָבן אים געהאַלטן פאַר אַן אומגעוויינלעכן קאָפּ־מענטש, וואָס ווערט געבוירן איינמאָל אין אַ יאָר הונדערט, איינמאָל אין אַ טויזנט יאָרן.

און ליאָס גרויסקייט איז געווען אויסערגעוויינלעך.

אַלע האָבן געוואַרט מיט אומגעדולד אויף דעם אָנקומען פון דער לופטשיף. יעדער האָט געהאַלטן דעם קאָפּ פאַרריסן צום הימל, טאָמער זעט מען זי אָנ־קומען . . . ביז מיט אַמאָל האָט זיך דער טורעם־גלאָק ווידער אַמאָל דערהערט

קלינגען . . . און די ראַדיאָ האָט אָנגעזאָגט די בשורה, אַז ליאָ לאָזט וויסן, אַז ער איז ניט ווייט פון אונדז און זעט אַפּילו די באַלייכטונג פון דער שטאָט „נייע וועלט“ . . .

עס איז פריילעך, אַ שמחה געוואָרן אין די הייזער. מע איז געזעסן אין אַלע הייזער פאַר דער ראַדיאָ. דערנאָך האָט מען געטאַנצט פאַר שמחה. קינדער האָבן געזונגען דעם שיר, וואָס קאַלענין האָט אויפגעשריבן.

ליובאַ און קאַלענין זיינען געשטאַנען ביי דער ראַדיאָ. פון ליובאַס אויגן האָבן זיך פאַר פרייד געגאָסן טרערן . . .

קאַלענין האָט אויך אַרויסגעלאָזט אַ טרער פון התפעלות, באַגייסטערונג און פרייד. עס איז אין אים היינט געווען אַזאַ ברודערלעכע ליבע צו ליאָן! . . .

מיט עטלעכע מינוט האָט זיך דערהערט דאָס גערויש פון אַ לופטשיף. די באַפעלקערונג איז אַרויס אין דרויסן און האָבן די קעפּ פאַררויסן צום הימל.

די לופטשיף „ליובאַ“ האָט געשוועבט איבער שטאָט.

הוראַ־געשרייען פאַר ליאָן האָבן פאַרהילכט די לופט!

— הוראַ פאַר אונדזער ליאָ! — האָט מען געשריגן.

— הוראַ פאַר אונדזער ליאָ! — — —

— הוראַ! — — —

ליאָ האָט זיך גלייך ניט אַראָפּגעלאָזט, זיך געהאַלטן אין דער לופט עטלעכע שעה, ביז עס האָט גענומען גרויען אויף טאָג, און ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אינעם סקווער פון מיטן שטאָט.

די ערשטע אים צו באַגעגענען איז געווען ליובאַ. דער צווייטער איז געווען קאַלענין.

ליובאַ איז צו אים צוגעפאַלן אוןביידע האָבן זיך געקושט פאַר אַ לאַנגער צייט מיט צוגעמאַכטע אויגן.

פרויען האָבן איר מקנא געווען, און קאַלענין איז געשטאַנען און האָטביידן געגלעט איבערן קאָפּ און ביידן געקושט.

די אַנדערע פליער האָבן אויך לעבן זיך געהאַט זייערע פרויען, מיט וועלכע זיי האָבן זיך געקושט און געפרייט.

דער טאָג איז אַדורך אין גרויס פרייד פאַר אַלעמען.

די פליער זיינען געוואָרן מיד און מע איז זיך צעגאַנגען, יעדער צו זיין היים זיך אויסרוען . . . אַ ביסל מנוחה געפינען מיט ווייב און קינדער.

אָפּשלאָפנדיק עטלעכע שעה, זיינען ליובאַ, קאַלענין און ליאָ געזעסן אַרום אַ פול־געדעקטן טיש מיט כל־טוב, מיט אַלערליי שפייזן און געטראַנקען. און זיצנדיק אַזוי, האָט ליאָ גערעדט און דערציילט ווי אַזוי ער איז פאַרפלויגן קיין ענגלאַנד.

— די מעשה איז אַזוי געווען, — האָט ער אָנגעפאַנגען: — מיר זיינען אָפּגעפלויגן אַ נאַכט מיט אַ טאָג. דאָס וועטער איז געווען זייער שלעכט. איך האָב געוואָלט אויסמיידן דאָס שלעכטע וועטער, האָב איך זיך געדרייט אין אַלע ריכטונגען, אַבי ניט צו גיין קעגן ווינט. דאָס האָט ביי אונדז צוגענומען מער ווי אַ האַלבן טאָג צייט.

„פאַרנאַכט איז דאָס וועטער געוואָרן נאָך ערגער און דאָס דאָזיקע ניט־גוטע וועטער האָט אָנגעהאַלטן אַ גאַנצע נאַכט.

„דער קאָמפּאַס האָט געוויזן, אַז מיר גייען קיין מזרח, דערנאָך קיין מערב . . .

דער ווינט האָט אונדז אַזוי געדרייט, אַז מיר האָבן ניט געוואוסט וואו מיר גייען.

די נאַכט איז געווען פאַר אונדז אַ שרעקלעכע, אַ קאַלטע, דערפאַר אָבער איז דער מאָרגן געווען וואונדערבאַר. די זון איז אַרויס און האָט אונדז דער־וואָרעמט. די שטראַלן פון דער זון האָבן זיך צעגאָסן אויף דער שיף, ווי מיט אַ גאָלדענעם בעזים אָפּגערייניקט די שטויב־טראָפּנס פון דער שיף.

„אַזוי האָבן מיר זיך געדרייט עטלעכע שעה, ביז מיר האָבן דערזען שיפן.

„מיר האָבן זיך געטראָגן 50 מייל אַ שעה און מיר האָבן דערזען, אַז מיר זיינען לעבן אַ לאַנד.

„מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אין וואַסער ניט ווייט פון אַ ברעג, אָבער גלייך איז צו אונדז צוגעפאָרן אַ קליין שיפל און נאָך עטלעכע שיפלעך. מיר האָבן דערזען מענטשן, וועלכע האָבן זיך מיט אונדז צוזאַמענגערעדט, און אונדז דערנאָך אַרויפגענומען אויף זייערס אַ שיפל.

„מע האָט אונדז איבערגעטאָן און מע האָט אונדז אַרומגעגאָלט און גע־מאַכט פאַר אונדז אַ פאַראַד, אַז מיר זיינען צעטומלט געוואָרן. מיר האָבן גאָר זיך ניט געקענט פאַרשטעלן אין איין שטאָט צו זען אַזוי פיל מענטשן . . . מע האָט אונדז געזאָגט, אַז די שטאָט הייסט „לאָנדאָן", וועלכע איז אויך אַרומ־גערינגלט מיט וואַסער, ווי אונדזער „נייע וועלט" . . .

„זיי האָבן געזאָגט, אַז עס איז פאַרשריבן געוואָרן, אַז אונדזערע עלטערן זיינען מיט דער שיף אונטערגעגאַנגען, און אַז זייט דאָן, ווען דער וואולקאַן האָט זיך אויפגעהויבן פון ים, זיינען פיל לענדער אונטערגעגאַנגען און דער קלימאַט האָט זיך געביטן . . .

„ענגלאַנד איז פון אייביק אָן געווען ניט גאָר קיין קאַלט לאַנד, און איצט איז זי אַריבער די זעראָ, און זומער האַלט דאָרט אָן דריי חדשים.

„אַזוי איז אַוועק אַ וואָך. מע האָט אונדז געגעבן עסן און טרינקען פון דאָס בעסטע. איך האָב געהאַלטן לעקציעס וועגן אונדזער לאַנד. איך האָב זיי פאָרגעלייענט די געשיכטע פון אונדזער וועלט, ווי מיר לעבן און פירן זיך אויף. איך האָב זיי דערציילט וועגן דער עקספּעדיציע מיט דער שיף, וואָס עס איז ניט געלונגען, און זיי האָבן מיך מיט באַוואונדערונג אָנגעקוקט, ווי איך וואָלט זיי דערציילט אַ מעשה פון טויזנט און איין נאַכט . . .

„ווי קען גאָר זיין, אַז אַ לאַנד וואָס האָט גאָרניט פאַרמאָגט, ווי אונדזערס, זאָל זיין אַזוי ציוויליזירט און האָבן אַזוינע וואונדערבאַרע לופטשיפן? נו, האָב איך זיי איינגעלאַדן, זיי זאָלן באַזוכן אונדזער לאַנד. זיי האָבן איינגעשטימט, און אַזוי ווי איר זעט, זיינען מיר דאָ! . . .

— און ווי איז דאָרט דאָס לעבן? — האָט געפרעגט קאַלענין.

— אַנדערש ווי ביי אונדז, — האָט ליאָ געענטפערט. — דאָרטן זיינען פאַראַן צוויי קלאַסן מענטשן: רייכע און אָרעמע. די רייכע טוען גאָרניט און האָבן פון אַלעם גוטן, און די אָרעמע שקלאַפן, האָבן גאָרניט: וואוינען אין קעלערס און הונגערן, אַרבעטן פון דער פרי ביז דער נאַכט און האָבן גאָרניט! . . .

— פאַרוואָס איז דאָס אַזוי? — האָט ליובאַ געפרעגט.

— ווייל זיי האָבנגענומען דעם געלן מעטאַל, וואָס מיר באַפּוצן מיט דעם אונדזערע הענטלעך פון טירן און מאַכן שלעסער, האַלטן עס פאַר דעם גרעסטן ווערט . . . ווער עס האָט אַ סך פון דעם געלן מעטאַל, קען לעבן פון אַלעם בעסטן, מכל טוב . . . ער האַלט משרתים, וואָס באַדינען אים און פוצן אים; ער לעבט אין די שענסטע פּאַלאַצן, האָט די בעסטע פאַרגעניגס. ער האָט אַלץ.

אַפילו פון דעם וואָס מיר טראַכטן גאַרניט, וואָס מיר ווייסן גאַרניט!

— אַזוי? — האָט קאַלעניִן פאַרמחשבהט געזאָגט.

— פאַר אַ קליין קיילעכדיק שטיקל גאָלד (אַזוי רופן זיי אָן דאָס געלע מעטאַל) פאַרקויפט אַן אָרעמע אָבער שיינע מיידל איר גוף, איר קערפּער צו דעם רייכן . . . און ניט נאָר צו דעם רייכן, נאָר צו יעדן איינעם ווער עס האָט דאָס געלע מעטאַל. איך קען ניט פאַרשטיין, פאַרוואָס זיי ליבן אַזוי דעם מעטאַל, מער ווי אַנדערע זאַכן? . . . אַנדערע האָבן פּאַפּירלעך מיט ציפער אויפגעדרוקט אויף זיי . . . וואָס גרעסער דער ציפער, אַלץ מער קריגט מען דערפאַר . . .

— און פאַרוואָס איז דאָס אַזוי? — האָט קאַלעניִן געפרעגט.

— איך ווייס ניט. זיי רופן עס „געלט"! . . . ווער עס האָט „געלט", דער איז רייך. מע אַרבעט פון פרי ביז שפּעט . . . מע לויפט, מע איילט זיך . . . עס טרעפט פיל מאָל, אימעצער איז זייער הונגעריק, ער דאַרף האָבן „געלט", וואָלט ער זיך געקויפט עסן, האָט ער אָבער ניט קיין „געלט", און אָן „געלט" וויל מען אים ניט געבן, גאַרניט! . . . אָבער ער איז זייער הונגעריק, גייט ער און נעמט צו אַ לעבל ברויט בגנבה, דעמאָלט קומט אַ היטער, וועלכן מע רופט מיטן נאָמען „פּאָליציאַנט" און שלעפּט דעם אָרעמאַן ערגעץ אַוועק, און פיל מאָל גיט מען אים אויך קלעפּ דערצו, און מע פאַרשפּאַרט אים.

איך האָב געזען ווי אַן אַרבעטער האָט געבעטן אַרבעט צוליב אַ שטיקל ברויט. אָבער איידער וואָס, ווען, איז דער מאַן דערוויל געפאַלן טויט פון הונגער . . .

איך האָב געזען מיידלעך פון 15 יאָר בעטן זיך מע זאָל מיט זיי מיטגיין פאַר אַ מאָלצייט אָפּעסן . . .

איך האָב געזען מענטשן פאָרן אין קאַרעטן, געטריבן פון זעקס פאַר פערד מיט 12 באַדינער . . .

איך האָב געזען מענטשן רויכערן ציגאַרן און נאָכן ערשטן צי, וואַרפן זיי דעם ציגאַר באַלד אַוועק, ווישן דערנאָך אָפּ די נאָז מיט אַ נאָזטיכל, און וואַרפן דערנאָך אויך דאָס נאָזטיכל אַוועק, און גיבן אַ פּאַטש דעם באַדינער פאַר ניט דערלאַנגען אין דער גיך דעם טרונק וויין, און דער באַדינער כאַפּט דעם פּאַטש און פאַרנויגט זיך נאָך, און בעט פאַרצייאונג! . . .

אַנדערע האָבן הייזער און נעמען באַצאָלט פון די, וואָס וואוינען דאָרטן. האָט אַ מענטש אַמאָל ניט צו באַצאָלן פאַר זיין וואוינונג, וואַרפט מען אים אַרויס אויף דער גאַס, און דאָס הויז שטייט דערנאָך ליידיק, ביז עס קומט אַן אַנדערער, וואָס האָט די זאַכן, וואָס מע רופט „געלט", און ער קריגט דאָס הויז צו וואוינען אין דעם . . . ווער עס האָט די געלע רעדעלעך, דער האָט אַלצדינג! . . . אין אַזאַ וועלט וואָלט איך ניט געקענט לעבן . . . און איך פאַר דאָרט מער נישט אַהין! . . .

— איך אויך ניט! — האָט ליובאַ געזאָגט.

— און איך וואָלט יאָ געוואָלט פאָרן, — האָט קאַלעניִן געזאָגט.

— ביסט משוגע? — האָט ליובאַ געפרעגט. — וואָס הייסט דו וואָלסט? . . . דיר געפעלן אפשר די 15־יעריקע מיידלעך? . . .

— אָ, ניין, ניט דאָס, — האָט קאַלעניִן געזאָגט. — איך וואָלט וועלן דאָרט זיין און זיי דערציילן פון אונדזער לעבן, ווי מיר אַלע דאָ לעבן אין גליק, און קיין געלט־מעטאַל האָט ביי אונדז ניט קיין ווערט . . . אַרבעט איז אונדזער

גליק, און דאָס גאַנצע גליק איז פאַר דעם באַשאַפער און ניט פאַר דעם ליידיק־גייער . . .

— עס איז אָבער דאָרט פאַרבאָטן צו ריידן צו רייכעכץ געזעצטע ווערטער, — האָט ליאַ געזאָגט. — איך אַליין האָב פּרובירט פאַר מענטשן צו דערציילן ווי מיר לעבן זיך דאָ, האָט מען מיך ניט געלאָזט ריידן; מע האָט מיך גאָר אַריינגענומען אין אַ וואונדערבאַרן פּאַלאַץ פון עטלעכע טוצן מענטשן; מע האָט מיך געהייסן דערציילן פאַר זיי פון אונדזער „וואונדערלאַנד“, ווי זיי רופן עס . . .

נײַנצנטער קאַפּיטל

ווען אונדזערע מענטשן האָבן זיך פון אונדז דערוואוסט פון וואָס פאַר אַ וועלט זיי קומען; אַ וועלט, וואו איין מענטש פאַרשקלאַפט דעם אַנדערן; וואו איין מענטש שטאַרבט פון הונגער און ביי אַנדערע קריכט פון האַלדז דאָס צופיל עסן; ווי פרויען און קינדער ווערן באַהאַנדלט: ווי רייכע קויפן זיך פרויען וויפל זיי ווילן און ווי פרויען פאַרקויפן זיך אַליין אויס הונגער, אָדער צוליב אַ קלייד צי אַ פּאָר שיך, וואָס זיי ווילן האָבן, וואָס זיי דאַרפן האָבן . . .

ווען אונדזערע מענטשן האָבן דערפון געהערט, געהערט ווי יונגע מיידלעך ווערן פאַרפוילט פון ווענערישע קראַנקהייטן, און אַלץ איבער דעם געלן מעטאַל — האָט דאָס אין זיי אַרויסגערופן אַ געוואַלדיקן צאָרן, אַ געוואַלדיקן עקל!

אונדזערע פרויען און מענער האָבן קוים געקענט באַגרייפן אַזאַ לעבן, און דערפאַר האָבן זיי נאָך מער געצאָרנט.

דער אַלטער מאַן, וואָס האָט פריער געהאַט געזאָגט, אַז אים שרעקט די אַלטע וועלט, האָט איצט געזאָגט:

— אַ פּאַסקודנע וועלט! פון אָט דער פּאַסקודנער וועלט קומען זיי, די פליער! . . .

— מיר מוזן זיי פאַרטרייבן! — האָט אַן אַנדערער אויפגעפאָדערט.

— זאָלן זיי זיך פון דאַנען אָפּטראָגן און מער ניט אַהערקומען! — האָט מען געפאָדערט פון אַלע זייטן.

און די שטימונג קעגן די אַהערגעפלויגענע איז געוואַקסן פון רגע צו רגע און עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו גיין צו די פליער:

מע האָט אויסגעקליבן אַ קאָמיטעט, וועלכער איז אַוועק באַזוכן דעם קאַפּיטאַן פון דיריזשאַבל.

דער קאַפּיטאַן איז איבערראַשט געוואָרן פון די דאָזיקע שליחים, וואָס די נייע וועלט האָט געשיקט.

דאָס קאָמיטעט האָט איינפאַך געלאָזט וויסן דעם קאַפּיטאַן, אַז אונדזער באַפעלקערונג וויל זיי דאָ ניט האָבן . . . מיר ווילן ניט קיין שקלאַפן־טרייבער! . . .

— איר קענט דאָ ניט בלייבן! — האָט דאָס קאָמיטעט געזאָגט צום קאַפּיטאַן — אַפילו קיין איין טאָג ניט מער!

— פאַרוואָס? — האָט דער קאַפּיטאַן געפרעגט. — וואָס האָבן מיר אייך געטאָן?

— מיר ווילן דאָ ניט האָבן קיין מענטשן, וואָס קומען פון אַ לאַנד, וואו איין מענטש פאַרשקלאַפט דעם צווייטן! . . .

דאָס קאָמיטעט האָט אויך געשטעלט אַ באַדינגונג, אַז דאָס זאָל שוין געשען, ווייל:

— אויב איר וועט גלייך ניט פאַרלאָזן אונדזער לאַנד, וועט מען אייך באַלד די לופטשיף צעברעכן און איר וועט דערנאָך מוזן דאָ בלייבן, לעבן אונדזער לעבן און זיך פירן ווי מיר פירן זיך . . .

— ווי אַזוי פירט איר זיך דען? — האָט דער קאַפּיטאַן געפרעגט.

— מיר ווייסן דאָ ניט פון קיין עשירים, און מיר ווייסן ניט פון קיין אביונים. דאָ אַרבעטן אַלע, און אַלע געניסן גלייך פון זייער אַרבעט; איינער ווי אַלע, אַלע ווי איינער. קיינער לעבט ניט אויפן צווייטנס רעכענונג, יעדער אַרבעט פאַר זיך, פאַר אַלעמען, פאַרן כלל.

צווישן דער מאַנשאַפט פון דעם דיריזשאַבל האָט זיך אויפגעהויבן אַ באַוועגונג, וואָס איז געווען קעגן דעם קאַפּיטאַן. זיי האָבן זיך באַלד אַנטזאָגט פון זיין הערשאַפט, ווייל זיי האָבן דערזען פאַר זיך פרייע מענטשן, געזען פאַר זיך אַ גן־עדן, וואו זיי קענען געניסן אַ מענטשלעך לעבן.

דער קאַפּיטאַן האָט אויף זיי געשריגן, אַז ער קען אַליין אָן זיי ניט פאָרן; אַז ער קען די שיף ניט פירן מחמת זיי מוזן האַלטן די מאַשינען אין אָרדענונג, און מוזן אויך באַדינען; זיי מוזן קאָכן, און מוזן האַלטן ציכטיק ריין די שיף — ווער וועט דאָס אַלצדינג טאָן, ווען זיי וועלן ניט מיטפאָרן? . . . די עלעקטריע וועט אַליין ניט אַרבעטן, און אַנדערע זאַכן דאַרף מען אויך נאָך טאָן . . .

און קאַלעניק איז געשטאַנען און געהערט, געקוקט און געטראַכט:

דאָ שטייען פאַר אים צוויי קלאַסן מענטשן: אָרעמע און עשירים — אַזוי רופן זיי זיך אין דער אַלטער וועלט . . . די רייכע, וואָס באַהערשן די אביונים, זיינען אומפעאיקע, אומנוצלעכע, שרעקנדיקע . . . ריינע, ווייסע הענטלעך . . . און די מאַשיניסטן זיינען אַזעלכע געזונטע, קרעפטיקע, וועלכע וואָלטן מיט איין בלאָז דערשלאָגן אָט די ווייס־הענטיקע מענטשן און דאָך — — —

— פאַרוואָס לאָזן זיך די גבירים, די שטאַרקע, מעכטיקע, פאַרשוויצטע אַזוי באַהאַנדלען פון דעם דאַרן, קליינעם קאַפּיטאַן? — האָט קאַלעניק ניט פאַרשטאַנען. — ווי קענען זיי זיך אַזוי אונטערטעניק צוהערן צו זיינע באַפעלן און ניט פּראָטעסטירן?

— פאַרוואָס שווייגן ריזן, גיגאַנטן, ווען אַזאַ איינער דערנידעריקט זיי? פאַרוואָס נעמען זיי ניט אָט די רייכע, אָט די באַהערשער און דערווערגן זיי ניט? פאַרוואָס מוזן זיי זיין אונטערוואַרפן אָט די פּאַראַזיטלעך, אָט די ליידיקגייער?! . . . פאַרוואָס זיינען זיי אַזוי נאַריש?! . . .

— נאַרישע ריזן, נאַרישע גבורים, — האָט קאַלעניק געשמייכלט מיט פאַרדרוס — לאָזן רייטן אויף זיך ווי אויף פערד! . . .

— מיר וועלן אייך דערשיסן! — האָט איינער אַ קאַפּיטאַליסט מיט אַ מאַנאַקל געשריגן און אַרויסגעכאַפּט אַ רעוואָלווער און גענומען צילן אויף דער אַרבעטער־מאַנשאַפט . . .

קאַלעניק האָט פלינק דערלאַנגט דעם קאַפּיטאַליסט איבער דער האַנט, פון וואַנען דער רעוואָלווער איז אים באַלד אַרויסגעפאַלן, און אַ זאָג געטאָן:

— ביי אונדז אין לאַנד שיסט מען ניט קיין מענטשן . . . ביי אונדז זיינען די אַרבעטער די מאַכט . . . אין אונדזער לאַנד זיינען ניטאָ קיין פוילע, וואָס טוען גאָרניט און וועלכע באַהאַנדלען די אַרבעטער ווי פערד! . . .

— די אַרבעטער, וועלכע ווילן בלייבן מיט אונדז, זיינען ווילקאָמען! — האָט קאַלעניק זיך געווענדט צו די שיף־אַרבעטער. — ווער עס וויל מיט אונדז בלייבן זאָל בלייבן און די איבעריקע מוזן זיך שוין אָפּטראָגן פון דאַנען צו זיי־

ערע לענדער, פון וואַנען זיי זיינען געקומען, און זיך היטן נאָכאַמאָל ניט אַהער צו קומען.

— אָבער מיר קענען ניט אָפּפאָרן, — האָט דער קאַפּיטאַן געטענהט. — די אַרבעטער זיינען דאָך מעכאַניקער און זיינען אונדזערע באַדינער . . . וואָס קענען מיר טאָן אָן זיי? זיי זיינען דאָך אונדזערע הענט!

— אויב זיי זיינען אייערע הענט? — האָט קאַלענין געפרעגט — פאַרוואָס לאָזן זיי זיך פון אייך שלאָגן? פאַרוואָס מוזן זיי טאָן נאָר דאָס, וואָס איר ווילט, און קעגן זייער ווילן? . . . פאַרוואָס טוט איר אַליין גאָרניט? איר גיט זיי וואָס איר ווילט און וויפל איר ווילט! . . .

— און ווי איז ביי אייך? — האָט זיך דער רייכער געפרעגט.

— ביי אונדז אין לאַנד דאַרף יעדער אַרבעטן פאַר דעם אַלגעמיינעם כלל. דער וואָס אַרבעט געניסט ביי אונדז דערפאַר דעם פולן לוין . . . ביי אונדז אַרבעטן אַלע און יעדער איינער. ביי אונדז זיינען אַלע גלייך געקליידט, איינער ניט שענער פון צווייטן, איינער עסט ניט בעסערס פון צווייטן . . . ביי אונדז זיינען קינדער און פרויען טייער און פריי ווי די פייגל! . . . איר פאַרשקלאַפער! גייט פון דאַנען אַוועק! גייט פון וואַנען איר זייט געקומען! . . . מיר ווילן ניט האָבן צו טאָן מיט אַזאַ שקלאַפּערישער וועלט! . . .

— מיר זיינען דאָך נאָר זעקס מענטשן, — האָט דער קאַפּיטאַן זיך געקלאָגט — און אונדזער דיריזשאַבל פאָדערט ביי אַ 25 מענטשן צו דער אַרבעט, אַז זי זאָל קענען פליען . . .

— אויב איר גוויטיקט זיך אַזוי אין זיי און קענט אָן זיי ניט אויסקומען, פאַרוואָס זשע פאַרשקלאַפט איר זיי ווידער? — האָט קאַלענין געפרעגט. — איר זעט דאָך אַז זיי זיינען די מאַכט, און אַז זיי קענען טאָן מיט אייך וואָס זיי ווילן, ווען זיי זאָלן נאָר וועלען! . . . און עס וואונדערט טאַקע, פאַרוואָס זיי דולדן אַזוי פון אייך! . . . פאַרוואָס טוען זיי גאָרניט מיט אייך? . . . זיי זיינען 44 מענטשן און איר זיינט נאָר זעקס . . .

— ביי אונדז אין לאַנד האָבן מיר זעקס מער קראַפט ווי זעקס מיליאָן אַרבעטער, — האָט איינער מיט אַ מאָנאָקל אין אויג געזאָגט. — איך אַליין באַשעפטיק אין מיינע פאַבריקן אַרום 100 טויזנט אַרבעטער, אַלע מוזן טאָן, וואָס איך הייס און זיי מוזן פאָלגן מיינע באַפעלן! און ווען זיי פאָלגן ניט אָדער טוען ניט ווי איך וויל, באַדויערן זיי דערנאָך . . .

— אויב איר האָט אַזעלכע, וואָס קענען זיין פאַרשקלאַפט און ניט פּראָטעסטירן, זיינען דאָס ניט קיין מענטשן, וואָס האָבן פאַרשטאַנד! . . . — האָט קאַלענין געזאָגט. — זיי האָבן זיכער ניט קיין פאַרשטאַנד, ווען זיי טוען וואָס איר הייסט! . . .

— אַ, דאָרטן וואָלטן זיי געפאָלגט, — האָט זיך ווידער אָפּגערופן דער מיטן מאָנאָקל.

— איר זיינט זיכער? — האָט קאַלענין געשמייכלט.

— איך האָב אימעצן, וואָס מאַכט זיי צו פאָלגן! — האָט דער מיטן מאָנאָקל געענטפערט.

— ווער איז דאָס די מאַכט? — האָט קאַלענין געפרעגט. — ווער איז ער דאָס דער, וואָס העלפט אייך, אַז זיי זאָלן אייך פאָלגן?

— איר ווייסט ניט וועמען איך מיין? . . .

— ניין, איך ווייס ניט!

דער מיטן מאַנאַקל האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— הונגער . . . און נאָך אַ זאַך: פּריזאָן! . . . און פּאָליציי און סאָלדאַטן . . .

— וואָס איז עס אַזוינס „פּריזאָן“? — האָט קאַלענין געפרעגט.

— שטאַרקע פעסטונגען באַוואַכט פון היטער און סאָלדאַטן, — האָט דער קאַפּיטאַליסט געענטפערט. — ביי אונדז אין ענגלאַנד רופט מען עס „פּריזאָן“ און ביי אייך קען דאָס האָבן אַן אַנדער נאָמען . . .

— ביי אונדז איז אַזעלכעס ניטאָ! מיר בויען דאָס ניט! — האָט קאַלענין געזאָגט. — אָבער זאָגט מיר, ווער בויט ביי אייך די פעסטונגען?

— זיי, די אַרבעטער אַליין, בויען די פעסטונגען.

— פאַרוואָס טוען זיי דאָס?

— פאַרוואָס, פרעגט איר? . . . .

— יאָ, פאַרוואָס? . . .

דער קאַפּיטאַליסט האָט ביטער אַ שמייכל געטאָן, ווען ער האָט געזאָגט:

— איך זע, אַז איר זיינט צו קלוג . . . ביי אונדז אין ענגלאַנד וואָלט איר ביי מיר שוין געזעסן אונטער גראַטעס! . . .

איינער פון אונדזערע פליער איז אַרויסגעטראָטן און זיך אָפּגערופן צו די רייכע:

— איר זיינט ביי אונדז אין די הענט. מיר האָבן געזען ווי איר באַהאַנדלט אייערע מיטמענטשן . . . איר פאַרשקלאָפט זיי און מאַכט זיי פאַר אונטער־דריקטע פערד, וואָס שקלאַפן פאַר אייך . . .

איך האָב אין אייער לאַנד פיל טרערן פאַרגאָסן צוקוקנדיק, ווי מענטשן גייען ביי אייך אַרום הונגעריקע, דאַרע, פאַרשמאַכטע . . .

איך האָב געזען ווי מע האָט געשלאָגן אַ קינד פאַר נעמען אַ קליין בולקעלע פון אַ גאַנצער קופּע בולקעלעך . . .

איך האָב געזען קליינע קינדער אַרבעטן און גרויסע מענטשן האָבן געשריגן אויף זיי, אַז זיי אַרבעטן ניט שנעל גענוג . . . וואָס קען שוין אויסוואַקסן פון אַזוינע קליינע פאַרהאָרעוועטע, אויסגעמאַטערטע קינדער?

איך האָב געזען ווי צענדליקע קליינע מיידלעך לויפן נאָך אַ מאַן, כדי צו האָבן אַ מאָלצייט, און יענע מיידל, וואָס האָט געקראָגן די מציאה, איז געגאַנגען גליקלעך צו געבן איר בתולהשן קערפּער אויף צו פאַרמאַטערן . . . פאַרוואָס נעמט ביי אייך איינער אַ סך און אַ סך — גאָרניט? . . . וואָס איז עס ביי אייך אַזאַ פאַרברעכעריש לאַנד? . . . פאַרוואָס די אַלע אומרעכטן? פאַרוואָס די אַלע ליידן? פאַרוואָס אַזאַ פאַרברעכערישע באַציאונג פון מענטש צו מענטש? . . .

— מיר וועלן אויך נאָך אַמאָל זען ביי אייך, וואָס איר האָט געזען ביי אונדז, — האָט דער רייכער געזאָגט. ער האָט זיך דערנאָך געווענדט צו די ענגלישע אַרבעטער און אַ זאָג געטאָן: — ווער פון אייך עס פאַרט ניט מיט, דער וועט טייער באַצאָלן . . .

די אַרבעטער האָבן זיך שטומע איבערגעקוקט איינע אויף די אַנדערע און דערנאָך איינציקווייז זיך געלאָזט גיין צום דיריזשאַבל — — —

צוואַנציקסטער קאַפּיטל

נאָך דער פּאַסירונג מיט דער ענגלישער לופטשיף איז שוין געוועזן אַריבער אַ חודש. עס איז שוין געוועזן כמעט אָן אַלץ פאַרגעסן; אָבער אין ענגלאַנד האָט

מען דאָס נאָך גוט געדענקט. דערצו האָט ענגלאַנד אויסגעקוקט אירע אויגן אויף קאָלאָניעס . . .

ענגלאַנד האָט בעת דער לעצטער ערדציטערניש פאַרלוירן קאַנאַדע, אַפ־ריקע און האַלב אויסטראַליע . . .

און אַט איצט האָט זי דערזען אַ לאַנד, וואו גאָלד וואַלגערט זיך אַרום, און זי האָט באַקומען דערצו אַ חשק . . .

דער באַראָן און פינאַנץ־מיניסטער, דער קאַפּיטאַליסט, וואָס באַשעפּטיקט צוויי הונדערט טויזנט מענטשן, האָט אַריינגעבראַכט אין פּאַרלאַמענט אַ פאָר־שלאַג צו אָקופּירן דעם וואולקאַנען־אינזל. ענגלאַנד קען דאָס זייער לייכט באַ־קומען: ערשטנס, ווייסט נאָך די וועלט ניט דערפון . . . ענגלאַנד האָט איצט די געלעגנהייט צו קריגן אַן אוצר . . .

אין פּאַרלאַמענט האָט מען וועגן דעם גערעדט זייער פאַרזיכטיק. פון די ראַדיקאַלע דעפּוטאַטן האָט מען קיינעם ניט צוגעלאָזן, כדי די אויסערע וועלט זאָל דערפון ניט דערהערן, זיך דערפון ניט דערוויסן . . .

די אַרבעטער פון דיריזשאבל האָט מען געהאַלטן מחוץ למחנה פון די מענטשן, פון דער וועלט, מע זאָל פון זיי עפּעס ניט געוואָר ווערן, די וועלט זאָל ניט דערהערן, זיך ניט דערוויסן, זאָל ניט פאַרלויפן, זאָל ניט פריער פאַר־כאַפּן דעם אינזל! און אפשר וועט די וועלט זיך גאָר איינשטעלן פאַר די מענטשן אויפן אינזל? ניט לאָזן מע זאָל עס פון זיי אַוועקנעמען? וואָס הייסט דאָס: ניט דיר, ניט מיר? . . .

על־כן האָט מען די אַרבעטער פון דיריזשאבל געהאַלטן פאַרשפּאַרט אין אַ באַזונדערן באַראַק, אַ הינטערן שטאָט . . .

צווישן די מאַטראָסן איז אָבער געווען איינער, וואָס איז געווען אַ שפּיאָן פאַר דער סאָוויעטן־רעגירונג און האָט זיך דער ערשטער אָנגעבאָטן צו פאָרן צוריק. דערפאַר האָט מען אים ניט פאַרשפּאַרט אין באַראַק, דענקענדיק, אַז ער איז געטריי דאָס לאַנד! . . . און זייער סיסטעם . . .

דער דאָזיקער מאַטראָס האָט גלייך געלאָזט וויסן דער סאָוויעט־רעגירונג, וועלכע האָט זיך זייער געענגט אין גאָלד, ווייל די גאַנצע וועלט האָט מיט איר ניט געוואָלט האָבן צו טאָן און פלעגן זי אָפּט באַפאַלן, ביז איר קוואַל פון גאָלד איז אונטערגעגאַנגען, ווייל גאַנץ סיביר איז אונטערגעגאַנגען אין דער ערדצי־טערניש און אַלע גאָלד־מינעס און פאַרטיקע גאָלד מיט מיליאָנען מענטשן זיינען אונטערגעגאַנגען . . .

דער מאַטראָס האָט מיטגעטיילט מכוח דעם גאָלד, כדי צו העלפן דער סאָוויעטן־רעגירונג . . .

איינע פון די עטלעכע מדינות, וואָס האָבן ניט קיין דוחק אין גאָלד, איז געווען ענגלאַנד. אויך אַמעריקע איז אַזאַ. נאָר אַמעריקע האָט פאַרלוירן אַ סך פון איר גאָלד אין אַלאַסקאַ, ווייל אַלאַסקאַ איז אויך געזונקען: אַ דאַנק דעם וואולקאַנען אינזל . . . אין קאַליפאָרניע האָט גענומען הערשן גרויסע קעלטן און ביליאָנען זיינען געגאַנגען פאַרלוירן . . . אַסיגנאַציעס האָבן אויפגעהערט צו קורסירן אין דער גאַנצער וועלט, ווייל איין לאַנד האָט ביי דעם אַנדערן ניט גענומען קיין אַסיגנאַציעס, מע האָט געפאָדערט גאָלד אָדער זילבער.

די ראַדיקאַלע באַוועגונגען זיינען דערשטיקט געוואָרן. אין אַמעריקע האָט געקיניגט די הערשאַפט פון צוויי מאַכטן — פאַרדאַר און ראַקאַלער. און מער

האָבן די פאַראייניקטע שטאַטן ניט געהייסן, ווי פאַרד־אַלער דינאַסטיע פון אַמעריקע . . . די צווײ גאָלד־האָבער! . . .

רוסלאַנד, ווען זי האָט באַקומען די ידיעה וועגן דעם וואולקאַנען אינזל, האָט זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט. דער ערשטער שריט אירער איז געווען אַרויסצושיקן אַ פלאָט פון שיפן, עראָפּלאַנען, געווער, און אין אַן איינציקער וואָך האָבן זיי דערגרייכט דעם אינזל.

די אַלטע האָבן זיך דערפרייט מיט די רוסן — אייגענע מענטשן פון אַלאַנד, וואָס ווערט רעגירט פון אַרבעטער פאַר אַרבעטער. עס איז צווישןביידע לענדער אָפּגעמאַכט געוואָרן אַן אָפּמאַך און איז אַרייגעשלאָסן געוואָרן אין דעם סאָוויעטן־פאַרבאַנד. דאָס הייסט, דער אינזל האָט זיך פאַראייניקט אונטער דער סאָוויעטישער פאָן! . . .

אין ענגלאַנד האָט מען פון דער פאַסירונג נאָך ניט געוואוסט. דאָרט, אין ענגלאַנד, האָט מען נאָך דיסקוטירט די פראַגע „וואולקאַנען אינזל“ און די סאָוויעטן־מלוכה האָט שוין אויפן וואולקאַנען אינזל געבויט פעסטונגען און פאַרטן און אַ גרויסער פלאָט האָט באַוואַכט דעם אינזל אויף צענדליקער מײלן.

ענגלאַנד איז געגאַנגען לאַנגזאַם:

„ניטאָ וואָס צו איילן זיך! קיינער ווייסט דאָך סײ־ווי ניט פון דעם אינזל!“

דערווייל זיינען אַוועק זעקס חדשים, ביז ענגלאַנד האָט זיך גענומען צו־גרייטן צו גיין אויפן וואולקאַנען אינזל.

צוערשט איז געווען באַשלאָסן צו שיקן אַ באַוואָפנטע עקספּעדיציע, וועלכע וועט פּרובירן פאַרהאַנדלען מיט די פירער פון אינזל מכוח דעם באַאַרבעטן די רייכטימער, וואָס ער אַנטהאַלט, איבערהויפּט דאָס גאָלד דאָרט. אויב די פירער וועלן זיך אַנטזאָגן, וועט מען נעמען מיט געוואַלד!

„מירן אַרייַנוואַרפן אַ פּאָר הונדערט באָמבעס, און זיי וועלן שוין פאָלגן. . .“ אַזוי האָט דער קאַפּיטאַליסט מיטן מאָנאָקל געזאָגט.

דער סאָוויעטן שפּיאָן האָט וועגן דעם מודיע געווען רוסלאַנד. רוסלאַנד האָט דעם אינזל פאַרמינעוועט פון אַלע זייטן, אַז קיין שיף זאָל ווייט ניט קענען גרייכן, אַז זי זאָל נאָך אויף מײלן ווייט פאַרן אינזל אומקומען. אויך דער אינזל אַליין האָט גענומען גרייטן אַ גרויסן לופט־פלאָט. דער פלאָט איז באַשטאַנען פון 50 עראָפּלאַנען.

דער אינזל איז געשטאַנען אונטער דעם סאָוויעטישן פלאַג אַלס רוסישע קאָלאָניע.

אין פאַרלויף פון דער צייט האָט די סאָוויעטן־רעגירונג אַרויסגעפירט פון אינזל גרויסע אוצרות גאָלד, פּלאַטינום, דיאַמאַנטן און אַנדערע ווערטפולע שטיינער און פּערל — אַ מאַטעריאַל, נאָך וועלכן די קאַפּיטאַליסטן האָבן זיך געיאָגט.

די סאָוויעטן האָבן אונדז געלערנט די מיליטערישע קונסט, און אונדזער רואיק לאַנד האָט גענומען פאַרשטיין, וואָס עס מיינט ציוויליזאַציע! . . .

און פאַרשטאַנען האָבן מיר, אַז: „וואָס ציוויליזירטער מען איז, אַלץ אַ גרעסערער גזלן ווערט מען! . . .“

אָבער אַזוי איז עס געווען:

אונדזער פּאַטרול האָט אונדז אָנגעזאָגט, אַז ענגלאַנד פירט מיט זיך אַ פלאָט פון אַכט שיפן און אַ סך עראָפּלאַנען.

רוסלאַנד האָט באַלד דורך דער ראַדיאָ געלאָזט וויסן דער וועלט, אַז דער וואולקאַנען אינזל איז שוין באַזעצט פון רוסן 50 יאָר און איז אונטער דעם סאָוויעטישן פלאַג.

מע האָט גענומען זוכן פון וואַנען דאָס קומט, ווי קומען די סאָוויעטן צו וויסן פון אינזל? מע האָט אויסגעפונען, אַז דער אונטער־קאַפּיטאַן איז פאַר־שוואונדן, נעלם געוואָרן! . . .

דורך דער צייט, וואָס די נייעס איז אָנגעקומען צו דער וועלט, האָבן די ענגלישע שיפן זיך דערנענטערט צום אינזל.

ענגלאַנד האָט דורך דער ראַדיאָ גלייך געלאָזט וויסן צו אירע שיפן, זיי זאָלן זיין פאָרזיכטיק. אָבער די נאָכריכט איז געקומען צו שפּעט!

די שיפן האָבן זיך געיאָגט מיט דער גרעסטער שנעלקייט און די געדיכטע מינען האָבן זיי צעריסן אויף שטיקער! . . . די גרויסע שיף, וואָס האָט מיט זיך געפירט 20 עראָפּלאַנען, איז געווען די ערשטע צו זינקען און עס איז ניט גע־בליבן קיין איין עראָפּלאַן . . . . געבליבן זיינען נאָר צוויי קליינע שיפלעך, וועלכע זיינען געבליבן אויפן ים, אויף דער ברירה פון די כוואַליעס, ביז די רוסישע שיפן האָבן זיי אַרויסגעפירט פון זינקען.

די ענגלישע שיפן האָבן גלייך געלאָזן וויסן פון זייער אומגליק, אַז איבער 5000 סאָלדאַטן מיט די זעקס שיפן זיינען אונטערגעגאַנגען און אומגעקומען.

אין ענגלאַנד איז געוואָרן אַ טומל. מע האָט גענומען טענהן, אַז ענגלאַנד זאָל דערקלערן קריג קעגן רוסלאַנד. מע זאָל באַלד ביים אָנפאַנג פאַרכאַפּן דעם אינזל.

די צייטונגען זיינען געוואָרן פול מיט פּראָפּאַגאַנדע. באַלד האָט זיך אין לאַנד געשאַפן אַרבעט. עס האָבן זיך געשאַפן נייע פאַבריקן, וואו מען האָט גע־נומען צוגרייטן אַמוניציע, וואָס איז נויטיק אויף צו פירן די מלחמה.

עס זיינען באַשעפטיקט געוואָרן אַן אַ שיעור אַרבעטער. מענטשן האָבן שוין לאַנג אַזוי ניט פאַרדינט ווי איצט! ווייל מע האָט געאַרבעט בייטאָג און ביי־נאַכט. אָרעמע, אָפּגעריסענע אַרבעטער, וואָס האָבן שוין לאַנג קיין זאַטן מאכל ניט געגעסן ווי דאָס איצטיקע . . .

צו אַרבעטן אין אַזאַ פאַבריק האָט מען ניט געקליבן קיין ספּעציעלע פאַכ־לייט. ווער עס האָט נאָר געוואָלט האָט געקראָגן אַרבעט, אָבער מע האָט אים געצוואונגען גיין צו דער אַרבעט. דער עיקר, ער האָט געדאַרפט האָבן צוויי הענט, און האָט ניט געטאָרט טראַכטן, אַז ער אַרבעט אויס אַ מאַטעריאַל, וואָס וועט געניצט ווערן פאַר מלחמה־צוועקן, אויף צו הרגענען מענטשן, מענטשן פון זיינס גלייכן פון אַנדערע לענדער, כדי צו העלפן דערמיט דעם קאַפּיטאַליסט . . .

פאַרדינען האָבן שוין אויך אַפילו געקענט די גאַסן־פרויען. און זיי האָבן גוט פאַרדינט! ווייל דער עולם האָט גוט פאַרדינט, האָט מען זיך דערלויבט אַ לעב צו טאָן! . . .

איין און צוואַנציקסטער קאַפּיטל

ענגלישע שפּיאָנען האָבן אין רוסלאַנד אויך געאַרבעט טאָג און נאַכט. אַפילו אין די רעגירונגס־אַנשטאַלטן זיינען שפּיאָנען געווען!

אַז רוסלאַנד איז איצט רייך — דאָס האָט ענגלאַנד גוט געוואוסט, און געוואוסט האָט זי, אַז רוסלאַנד איז אפשר רייכער פון איר, ווייל רוסלאַנד האָט

אַריבערגעפירט פון אינזל גאַנצע שיפן מיט גאָלד, זילבער און דימאַנטן. זעקס חדשים צייט האָט רוסלאַנד געפירט פון דאָרט די דאָזיקע אוצרות.

אַ דאַנק דעם דאָזיקן אינזל האָט רוסלאַנד זיך געשטעלט אויף די פיס.

ענגלאַנד האָט פון דעם געוואוסט. זי האָט אויך געוואוסט, אַז צו רוסלאַנד זיינען באַקאַנט אַלע פּלענער אירע, אַז יעדער קער און ריר, וואָס ענגלאַנד טוט, איז ניט קיין סוד פאַר רוסלאַנד.

רוסלאַנד האָט דעריבער געוואוסט, אַז ענגלאַנד גרייט זיך צום קאַמף.

עס פאַרשטייט זיך, אַז ענגלאַנד האָט אויך געהאַט אירע שפּיאָנען אין רוסלאַנד און אויפן אינזל.

ענגלאַנדס שפּיאָן אויפן אינזל איז געווען איינער אַ קאָמיסאַר. דער דאָזיקער קאָמיסאַר האָט אָנגעטאָן פיל היזק דעם סאָוויעטן־פאַרבאַנד. ער האָט סאַבאָטאַזשירט, פיל געשטערט אין דער מלאכה, דערמיט וואָס ער האָט אויפגעריסן עטלעכע מינען פון אייזן און קופּער.

ליאָ, דער הויפּט אינזשינער, האָט ניט געוואוסט און ניט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס די מינען האָבן אויפגעריסן! אַלץ איז דאָך געווען אין אָרדענונג!

עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַן אונטערזוכונג און מען איז געקומען אויף אַ שפּור, וואָס האָט געפירט צום קאָמיסאַר, וועלכער האָט געהאַלטן איז צוגרייטן נאָך אַן אויפרייס אין דער הויפּט עלעקטרישער סטאַנציע, וואָס האָט געגעבן ליכט און קראַפט פאַר דער גרויסער שטאָט „נייע וועלט".

מע האָט אים דעריבער געכאַפּט. צוזאַמען מיט אים האָט מען פאַרכאַפּט אין צייט אַ גרויסן זאַפּאַס דינאַמיט און אַנדערן אויפרייס־מאַטעריאַל, וואָס ער האָט געדאַרפט באַנוצן אויף אויפצורייסן די עלעקטרישע סטאַנציע.

ער איז געשטעלט געוואָרן צו אַ געריכט און איז פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט דורך שיסן!

דאָס איז געווען דער ערשטער טויט־אורטייל אויף דעם אינזל, זינט דער אינזל האָט עקסיסטירט.

ענגלאַנד האָט געוואוסט, אַז פאַר איר שטייט פאַר אַ שווערער קאַמף, און אַז רוסלאַנד האָט איצט מער פון איר, איז שטאַרקער פון איר, איבערהויפּט אין סאָלדאַטן, וועלכע גייען אין מלחמה מיטן פרייען ווילן צו פאַרטיידיקן זייער לאַנד.

ענגלישע סאָלדאַטן זיינען געווען „געדרעפּטעט", געצוואונגען הייסט עס, צו גיין זיך שלאָגן און דאָס לעבן אָוועקלייגן פאַר עפּעס, וואָס עס גייט זיי ניט אָן. אַזעלכע סאָלדאַטן גייען ניט מיטן פרייען ווילן . . . און מע האָט טאַקע מיט געוואַלד אָפּגעריסן מענער פון פרויען, טאַטעס פון קינדער . . .

אין רוסלאַנד זיינען מיט מענער אויך מיטגעגאַנגען די פרויען, אויך קינדער, פריי, ניט געצוואונגען; אַלע אַנטשלאָסן צו פאַרטיידיקן זייער לאַנד, זייער עקסיסטענץ! . . .

די סאָוויעטן האָבן פאַר זייער לאַנד ניט געברויכט קיין געלט. עס איז געווען אַלצדינג, וואָס מען דאַרף — עסן, טרינקען, קליידונג פאַר אַלעמען; פאַר אַלעמען דאָס זעלבע . . . ניט איינעם בעסערס און ניט דעם צווייטן ערגערס . . . און יעדער האָט געאַרבעט זיינע עטלעכע שעה'ן אין טאָג . . מע האָט אַ סך געלייענט, מע האָט אַ סך גערוט און יעדער איז געווען גליקלעך און צופרידן . . .

ווען ניט די אויסערע וועלט, וואָס האָט רוסלאַנד ניט געלאָזט אָטעמען; ווען ניט די אָפּטע אָנפאַלן, וואָלט זי געווען אַ צווייטער וואולקאַנען־אינזל.

מע האָט געלעבט איינער פאַרן צווייטן און אַלע פאַר איינעם; מע האָט געליבט איינער דעם צווייטן, מע האָט זיך איינער דעם צווייטן ניט געהאַסט, סיידן אַ פּערזענלעכע טראַגעדיע צוליב אַ ליבע . . . אייפערזוכט.

אָבער אַזעלכע טראַגעדיעס וועלן קיינמאָל ניט פאַרשווינדן כל זמן מענטשן וועלן לעבן, ווייל דאָס איז אויך אַזוי צווישן חיות, וואו דער „ער“ לאָזט זיך אומברייינגען צוליב באַזיצן די „זי“.

און דאָך איז דאָס געווען אַ שיינע וועלט און אַ פיל שענערע ווי אַלע אַנדערע וועלטן, ווי למשל אַמעריקע, ענגלאַנד, דייטשלאַנד, פראַנקרייך א.אַז.וו., ווייל דער אַרבעטער איז אין אַלע לענדער געווען מער פאַרשקלאַפט ווי פריער.

אין אַנדערע לענדער, אין די קאַפּיטאַליסטישע, האָט דער קאַפּיטאַליסט אייגנטלעך באַהערשט די רעגירונג. ביי דעם אָרעמאַן האָט מען צוגענומען זיין שטימרעכט און ער האָט אין לאַנד קיין דעה ניט געהאַט . . . דער אַרבעטער איז אין זיין לאַנד געווען ניט מער ווי אַ שקלאַף, און האָט קוים געהאַט אויף ברויט אָפּצועסן צו זאַט און זעלטן פאַרמאָגט אַ מלבוש אויפן לייב. פאַר פילע אַרבעטער איז אימער געווען „דעפּרעסיע“, נאָר אין צייט פון מלחמה איז מען געווען שטאַרק באַשעפטיקט. נאָך דער מלחמה איז געווען דאָס זעלביקע, דאָס אַלטע — הונגער, „דעפּרעסיע“.

אַ רוס האָט אין קיינע לענדער ניט געטאָרט אַריינקומען, סיידן ער האָט געשטאַמט פון צאַרסקען יחוס און האָט מיט זיך מיטגעבראַכט מיליאָנען. דעם אַרבעטער פון רוסלאַנד, ווען ער איז געקומען אין אַ פרעמד לאַנד, האָט מען אים ניט אַריינגעלאָזן, מע האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג, אים צוריקגעשיקט!...

און רוסלאַנד האָט געמוזט מאַכן אירע שפּיאָנען פאַר צאַרסקע יורשים און זיי מיטגעגעבן אַ סך דימאַנטן, גאָלד און זילבער, מען זאָל זיי אַריינלאָזן, און זיי האָבן סיי־ווי־סיי געטאָן זייער אַרבעט פאַר דער סאָוויעטישער רעגירונג.

וואָס אַנבאַלאַנגט שפּיאָנען, האָבן זיך די לעצטע אַלע מאָל געקענט אַרייגנבנען, אַדורכשמוגלען פון איין לאַנד אין אַ צווייטן . . .

די קאַפּיטאַליסטישע לענדער האָבן זייערע אַרבעטער ניט אַרויסגעלאָזן פון איין לאַנד אין אַ צווייטן. איבערהויפּט ווען דאָס צווייטע לאַנד איז געווען אַ סאָוויעטן־רעגירונג, ווייל פילע לענדער זיינען רעגירט געווען פון סאָוויעטן־סיסטעמען.

די דאָזיקע לענדער האָבן געוואוסט, אַז קוים וועלן די אַרבעטער קומען קיין רוסלאַנד, וועלן זיי זיך שוין ניט וועלן אומקערן אַהיים צו זייער לאַנד, צו זייער אייגן לאַנד, וואָס פאַרשקלאַפּט זיי.

האָט מען דערפאַר געהאַט אַן אויג אויפן אַרבעטער און אים געהיט, ער זאָל ניט אַרויספאָרן. מע האָט אויך געהאַלטן אַ גרויסע וואַך ביי די גרעניצן אַכטונג צו געבן מע זאָל זיך פון לאַנד ניט אַרויסכאַפּן.

יעדער קאַפּיטאַליסט האָט דעם אַרבעטער געהאַלטן פאַר זיין אייגנטום, וואָס האָט אויף זיך אַליין קיין רעכט ניט און קיין דעה ניט געהאַט . . . זייערע ריכטער האָבן אַזוי געפסקנט ווי דער קאַפּיטאַליסט האָט געוואָלט.

צוויי און צוואַנציקסטער קאַפּיטל

דערווייל האָט רוסלאַנד גענומען באַשעפטיקן דייטשלאַנד און אַמעריקע און אויך אַנדערע לענדער מיט באַשטעלונגען.

די קאַפּיטאַליסטישע לענדער זיינען געוואָרן „ביזי" מיט באַשטעלונגען פאַר דער סאָוויעטן־רעגירונג.

רוסלאַנד האָט געגעבן די באַשטעלונגען צו די דאָזיקע לענדער בלויז דער־פאַר, ווייל זי האָט ניט געוואָלט איבעראַרבעטן אירע אַרבעטער. געלט איז געוועזן גענוג, גאָלד און זילבער האָט ניט געפעלט. פאַר זיך האָט זי דאָס ווייניק גענוצט און ווייניק געדאַרפט, ווייל זי האָט דאָס פאַר זיך אַליין ווייניק גע־ברויכט, האָט זי דאָס גענוצט פאַר אויסלאַנד, ווען זי האָט עפּעס וואָס געדאַרפט פאַר זיך איינשאַפן, ווי למשל, מאַשינען און נאָך אַזוינע נוצלעכע אַרטיקלען.

און די קאַפּיטאַליסטישע וועלט, וואָס האָט אַזוי געהאַסט די סאָוויעטן־רעגירונג, האָט דווקא ניט געהאַסט דאָס רוסישע גאָלד, וואָס די סאָוויעטן האָבן זיי געגעבן, געצאָלט.

רוסלאַנד האָט עס איצט באַשטעלט אַלערליי מלחמה־מכשירים, פּראָדוקטן; ווי קליידער, באַנען, שיפן, קוילן און אַנדערע נויטיקע זאַכן.

די ביליאָנען, וואָס רוסלאַנד האָט אַרויסגעפירט פון אינזל, האָבן עס איר געגעבן די מעגלעכקייטן אויף צו מאַכן די באַשטעלונגען . . .

אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער איז מען געוועזן באַשעפטיקט טאָג און נאַכט פאַר רוסלאַנד וועגן, און רוסלאַנד האָט זיך איצט פאַרגרייט מיט אַלץ, וואָס אייראָפּע און אַמעריקע האָבן פאַרמאָגט. זי האָט זיי דערפאַר געגעבן דעם געלן און ווייסן מעטאַל.

פאַר רוסלאַנד איז אָבער מער ווערט געווען צו האָבן דעם שוואַרצן אייזן און קוילן, דעם מעש און קופּער און קליידונג, און זי האָט דאָס געלאָזט אַריינ־שיקן אין אַ גרויסן זאַפּאַס. רוסלאַנד האָט אויך באַשטעלט אַזעלכע אַרטיקלען, וועלכע זי האָט גאָרניט געדאַרפט. געטאָן האָט זי עס ווייל זי האָט אַזוי אַרום געוואָלט אויסליידיקן די קאַפּיטאַליסטישע לענדער פון אייזן, שטאָל און אַנ־דערע מעטאַלן.

די סאָוויעטן האָבן אָפּגעקויפט אַלע פּריוואַט שיפן, לופטשיפן, אויטאָמאָ־בילן פון אַ גאַנצער וועלט; האָבן אויסגעקויפט פילע פאַבריקן פון אַלערליי קליידונג, אַפילו עסנוואַרג, וואָס קען לאַנג ליגן, האָט זי אויסגעקויפט, איינ־געקויפט . . .

רוסלאַנד האָט זיך געגרייט ניט נאָר מלחמה מיט ענגלאַנד אַליין, נאָר מיט דער גאַנצער וועלט, אויב זיי וועלן זי באַפאַלן. זי האָט איצט דערזען די גע־לעגנהייט צו באַפרייען דעם פאַרשקלאַפטן אַרבעטער, וואו ער זאָל ניט זיין. דעריבער האָט זי געוואָלט ביי די קאַפּיטאַליסטישע לענדער אַלץ אויסקויפן און געבן זיי דאָס גלאַנציקע מעטאַל, און דערנאָך רופן דעם אַרבעטער, ער זאָל אויפשטיין און אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם יאָך און זיך באַפרייען און העלפן איינפירן אַן אַרבעטער־מלוכה, ווי אין סאָוויעטן־לאַנד.

ענגלישע שפּיאָנען האָבן געוואוסט ווי מעכטיק רוסלאַנד ווערט פון טאָג צו טאָג, ווייל זי האָט שוין געהאַט אויסגעקויפט אַ האַלבע וועלט, געווער און מאַשינען. אַמעריקע איז געווען אויסגעליידיקט פון אירע פּאַרטיקע אויטאָמאָבילן און לאַקאָמאָטיוון און שיפן, פאַר וועלכע זי האָט געקראָגן ס'געלע מעטאַל . . .

די קאַפּיטאַליסטן האָבן זיך גענומען אַרומזען:

„רוסלאַנד ווערט צו מעכטיק . . . זי האָט ביי זיי כמעט אַלץ אַרויס־געקראָגן . . ."

עס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. זעקס חדשים איז די גאַנצע וועלט געווען באַשעפטיקט מיט שיקן קיין רוסלאַנד וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט און רוסלאַנד האָט זיי אַזוי אַרום אויסגעליידיקט . . .

שפּיאָנען האָבן אויסגעפונען וואָס רוסלאַנד וויל טאָן און די קאַפּיטאַליס־טישע וועלט האָט זיך באַאומרואיקט . . .

לענדער האָבן זיך פאַראייניקט קעגן רוסלאַנד; לענדער, וואָס האָבן זיך געריסן ווי די קעץ, האָבן זיך איצט פאַראייניקט ברידערלעך אין איין גרויסער מאַכט צום געשלעג מיט רוסלאַנד — אַ קאַמף פאַר לעבן און טויט! . . .

צו זיי איז אויך צוגעשטאַנען אַמעריקע! . . .

ליאַ מיט זיינע אינזשינערן און אייניגע אינזשינערן פון רוסלאַנד, וואָס זיינען דאָרט געווען אָהינגעקומען, האָבן דערפונדן איינע פון די גרעסטע וואונ־דער, וואָס דער מענטשלעכער געדאַנק האָט געקענט צוטראַכטן.

דער וואונדער איז באַשטאַנען אין דעם וואָס די דערפינדונג — אַן עלעק־טרישער אַפּאַראַט — האָט געקענט עלעקטריזירן זאַכן אויף אַ ווייטן דיסטאַנץ און די זאַכן האָבן אויפגעהערט צו פונקציאָנירן.

צום ביישפּיל: אַ שיף געפינט זיך 5 מייל ווייט, קען דער עלעקטרישער מאַגנעטיזם אים טרעפן, צי מאַגניטיזירן, פאַרניכטן די מאַשינען און די שיף בלייבט שטיין. אַ לופטשיף געפינט זיך אין דער לופט: די עלעקטריע דערגרייכט זי און פאַרניכטעט אירע מאָטאָרן און די שיף פאַלט אַרונטער.

מיט דער דערפינדונג קען מען גאַנצע אַרמייען פאַרניכטן. זי איז ווירקזאַם ווי דער בליץ און, ווי דער בליץ, טויט זי באַלד!

די ווירקונג איז אַ מערקווירדיקע: די זאַך אָדער מענטש, וואָס ווערט גע־טראָפן פון דעם דאָזיקן מאַגנעטיזם, ווערט ניט נאָר טויט, נאָר ווערט גלייכ־צייטיק פאַרבליבן אין זיין שטאַנד, ווי ער איז געווען ביים לעבן. קיינער האָט ניט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי דער טויט איז צו אים געקומען.

די גרעסטע דענקער און געלערנטע פון סאָוועט רוסלאַנד האָבן זיך אַליין דערשראָקן פאַר דער דערפינדונג . . . מע האָט זיך געהיט צו ריידן וועגן איר איינער פאַר דעם צווייטן . . .

ליאַ אַליין האָט געמאַכט עקספּערימענטן פאַר עטלעכע העכערע קאָמיסאַרן.

מע האָט געלאָזן לויפן אַ שיף מיט דער גרעסטער שנעלקייט און די שיף איז פּלוצלונג שטיין געבליבן מיט פאַרניכטעטע מאַשינען . . .

אין דער מאַשין גופא איז יעדער שטיקל מעש און קופּער צעשמאָלצן גע־וואָרן און די מאַשין איז געווען טויט, קאַליע געוואָרן . . .

די עלעקטריע האָט געהאַט אין זיך אַזאַ היץ, וואָס האָט צעשמאָלצן מעש און קופּער.

מיט דער דערפינדונג האָט מען געקענט געווינען די וועלט. כדי אָבער עס זאָל זיך קיין שפּיאָן ניט דערוויסן פון דער דאָזיקער וואונדערבאַרער דערפינ־דונג, האָט מען זייער פאַרזיכטיק געקליבן זייער פאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן פאַר דער דאָזיקער אַרבעט . . .

מע האָט געקענט ציען דראָטן אויף טויזנטער מיילן און דאָרטן האַלטן די קליינע מאַשין, זי זאָל טאָן די אַרבעט.

נאָכדעם ווי עס איז געמאַכט געוואָרן עטלעכע פּראָבען, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מע זאָל שיקן אַן אולטימאַטום צו די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען

מיט אַן אויפפאָדערונג, אַז זיי זאָלן באַפרייען די אַרבעטער־שקלאַפן . . . אויב ניט וועט רוסלאַנד דערקלערן קריג צו דער גאַנצער וועלט! . . .

„מיר קענען אייך פאַרניכטן אין איין קורצער צייט און קיין בלוט זאָל זיך אַפילו ניט זען" — האָט געלויטעט די נאָטע. „מיר האָבן די געהעריקע וואָפן! . . ."

אין דער זעלבער צייט האָט רוסלאַנד צעשטעלט די עלעקטרישע מאַשינען אין יעדן ווינקל פון וואַנען דער שונא האָט געקענט צוקומען, סיי פון וואַסער סיי פון לאַנד, און מע האָט דאָס פאַרטרויט צו אַזוינע, וועלכע מען האָט גוט געקענט און מע האָט געוואוסט און געגלויבט אין זייער טרייהייט.

צום מיינסטן האָט מען זיך באַנוצט מיט מענטשן, וואָס זיינען געבוירן געוואָרן אויפן וואולקאַנען אינזל, וועלכע האָבן ליב געהאַט די פרייהייט גלייך מיט זייער לעבן און געהאַסט די ענגלענדער, וואָס זיי האָבן זיי שוין געזען אויפן אינזל . . .

יעדער פאַרדעכטיקער פערזאָן האָט מען אַרעסטירט און געהאַלטן אָפּגעזונדערט פון אַנדערע, ביז מע האָט אויסגעפונען ווער ער איז!

אויפן אולטימאַטום האָט ענגלאַנד געענטפערט מיט אַ גרויסן פלאָט פון הונדערטער שיפן און טויזנטער עראָפּלאַנען.

אָבער ווי אַנטוישט איז געוואָרן די וועלט, ווען מע האָט דערזען, אַז די ענגלישע שיפן זיינען פּלוצלונג קאַליע געוואָרן און זייערע עראָפּלאַנען זיינען פאַרניכטעט געוואָרן מיט זייערע פליער צוזאַמען.

די מאַשין האָט געהאַט צוויי מעלות: איינע האָט ניט געהאַט צו טאָן מיט דער צווייטער. איינע איז געווען פאַר מענטשן, די צווייטע — פאַר מעש און קופער, אָדער אַן אַנדער ווייכן מאַטעריאַל ווי מעש און קופער: די מאַשינען זיינען פאַרניכטעט געוואָרן און די מענטשן זיינען ניט באַרירט געוואָרן. און ווען זיי האָבן פאַרניכטעט מענטשן, האָט עס די מאַשין ניט געשאַדט. אָבער ביידע האָבן געאַרבעט מיט דער זעלבער מאַשין און מיט אַן אַנדערן עלעקטרישן מאַגנעטיזם.

די סאָוויעטן האָבן ניט געוואָלט פאַרניכטן קיין מענטשן; זיי האָבן נאָר פאַרניכטעט מאַשינען, און יעדע מאַשין, יעדע פלי־שיף, וואָס איז נאָר צו זיי געקומען, איז אַרונטערגעשליידערט געוואָרן.

די סאָוויעטן האָבן אָפּגעדרוקט פּראָקלאַמאַציעס און האָבן זיי צעשיקט אויף פלי־מאַשינען, זיי צעשפּרייט איבער גאָר דער וועלט. אַז די אַרבעטער און פּויערים זאָלן נעמען די מאַכט אין זייערע הענט . . . זיי זאָלן ניט גיין אין מלחמה! . . . און אויב די רעגירונג וועט זיי שיקן, זאָלן זיי זיך אָפּזאָגן און זיך אַנשליסן אַן די סאָוויעטן, וואָס איז אַ מלוכה נאָר פאַר אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט! . . . פון אַרבעטער פאַר אַרבעטער! . . .

און ווייטער —

„די שיפן האָבן מיר פאַרניכטעט, די פלי־מאַשינען אויך פאַרניכטעט, בלייבט זיי אויך נאָר איבער סאָלדאַטן, און דאָס לוינט אייך ניט . . . ווייל מיר קענען אייך פאַרניכטן אין די טויזנטער, אין די מיליאָנען, און איר זאָלט אַפילו ניט וויסן פון דעם, אַז איר זיינט טויט! אָבער מיר ווילן דאָס ניט! מיר ווילן אייער לעבן, ווייל אין לעבן פון אַן אַרבעטער זיינען מיר פאַראינטערעסירט . . . דאָס לעבן פון איין אַרבעטער איז ביי אונדז טייערער ווי טויזנט לעבנס פון די קאַפּיטאַליסטן, וועלכע זויגן אייער בלוט און פאַרניכטן אייך פאַר דער צייט! . . ."

אַזוי האָט געלויטעט די „פּראָקלאַמאַציע“.

די רוסן זיינען צוגעקומען מיט זייערע מאַשינען אין יעדן לאַנד און האָבן דאָרט פאַרניכטעט יעדע מאַשין, יעדן לאָקאָמאָטיוו, און שיפן און באַנען זיינען געבליבן באַוועגלאָז.

די לענדער זיינען אָפּגעשניטן געוואָרן פון ציוויליזאַציע און זיינען געקומען צו דער שטופע פון פרימיטיוון לעבן, אָן טראַנספּאָרטאַציע: ניט אַהער און ניט אַהין!

רעגירונגען האָבן זיך נאָר געקענט דורכשלאָגן מיט דער הילף פון אַרבעטער. אָבער די אַרבעטער האָבן גענומען פאַרשטיין, אַז די סאָוויעטן זיינען ווירקלעך זייערע פריינט, האָבן זיי געהאַנדלט ווי די פּראָקלאַמאַציעס האָבן זיי געלערנט...

די סאָוויעטן האָבן גענומען וואַרפן פּראָקלאַמאַציע, אַז די אַרבעטער זאָלן ניט באַדינען די רייכע — זיי זאָלן זיך אַליין באַדינען . . . זאָלן זיי טאָן מיט די רייכע ווי מע האָט מיט זיי געטאָן אין סאָוויעטן־לאַנד נאָך דער רעוואָלוציע.

אין אַמעריקע האָבן די סאָוויעטן אויך געטאָן דאָס זעלבע אויף די שיפן און עראָפּלאַנען, האָבן זיי פאַרניכטעט זייערע מאַשינען, און האָבן ביי די פאַרטן און ביי די ברעגן פאַרניכטעט אַלע קריגס־שיפן, אַלע עראָפּלאַנען און די טראַנס־פּאָרטאַציע־מיטלען, סיי די עלעקטריע, סיי די לאָקאָמאָטיוון: אַ חושך און אַ תהו ובהו!

די סאָוויעטן האָבן די וועלט־אַרבעטער געוואונען אויף זייער זייט. די אַר־מייען פון דער גאַנצער וועלט האָבן זיך דערשראָקן:

די סאָוויעטן קענען זיי נאָך פאַרניכטן, ווי זיי פאַרניכטן די קריגס־שיפן, און האָבן זיך קאַטעגאָריש אָנטזאָגט צו גיין אין קריג! . . . זיי זיינען געבליבן איינגעשפּאַרט:

זיי ווילן ניט פירן קיין מלחמה מיט די רוסן! ווילן זיך מיט זיי ניט שלאָגן!...

די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות האָבן איינגעזען, אַז זיי האָבן פאַרלוירן, ניטאָ מיט וועמען צו גיין אין מלחמה, און האָבן זיך אונטערגעגעבן! . . .

עס איז נאָך קיין יאָר ניט אַוועק און די גאַנצע וועלט האָט שוין געהאַט איינגעפירט דעם סאָוויעטישן סיסטעם פון רעגירן.

רוסלאַנד איז געווען דער ביישפּיל.

די רייכע האָבן זיך געמוזט אונטערגעבן; זיי האָבן קיין ברירה ניט געהאַט, און האָבן געמוזט גיין אַרבעטן גלייך מיט זייערע באַדינער! . . .

אַלע קריגס־שיפן פון גאָר דער וועלט זיינען פאַרניכטעט געוואָרן. דעם אייגענעם גורל האָבן אויך געהאַט אַלע קאַנאָנען, אַלע ביקסן, אַלע פאַרטן און פעסטונגען, יעדע זאַך וואָס איז גענוצט געוואָרן אויף צו פירן מלחמה — האָט מען פאַרניכטעט אָדער איבערגעמאַכט אויף נוצלעכע געברויך־אַרטיקלען, ווי מאַשינען, אַקער־אייזנס א.אַז.וו., ווי אין דער תורה שטייט! . . .

אַ מענטשנס אַרבעטסטאָג איז געווען פון צוויי ביז ניט מער ווי פיר שעה יעדן טאָג, און יעדער מענטש האָט געאַרבעט. ס׳זיינען קיין ליידיק־גייער ניט געווען און אַלע האָבן גערן געאַרבעט.

די בייטאָגיקע אַרבעטער האָבן געאַרבעט פיר שעה דורכן טאָג; די ביי־נאַכטיקע — נאָר צוויי שעה דורך דער נאַכט!

דער דאָזיגער סיסטעם איז געווען איבער דער גאַנצער וועלט, און די וועלט האָט זיך איינגעלעבט אין דעם און זיך גיך דערזען אויף אַ וועג, וואָס פירט דורך גליק, פרייד און ברודערשאַפט פון מענטש צו מענטש! . . .

אונדזער אינזל איז געווען דער צענטער פון חכמה, און ווער עס האָט נאָר עפּעס דערפונדן אָדער אָנגעשריבן, האָט עס דער צענטראַל אויף אונדזער אינזל באַטראַכט, צי עס איז וויכטיק פאַרן כלל, ווייל מיר האָבן זיך געניוטיקט אין וויכטיקע זאַכן, וועלכע זאָלן קענען ברענגען דעם פאָלק אַ נוצן, דעם קאָלעקטיוו און ניט נאָר דעם יחיד! . . .

די וועלט איז אונטער דעם סאָוויעטן־סיסטעם געווען זייער גליקלעך, אַפילו די רייכע האָבן זיך אויך געפילט גליקלעך און האָבן צוגעגעבן, אַז די וועלט איז געוואָרן שענער, דאָס לעבן גרינגער, אָן זאָרגן, אָן דאגות, אָן פוסטע נאַריש־קייטן, אָן יאָגעניש נאָכן געלן מעטאַל, וואָס האָט אַפילו דעם רייכן ניט גליקלעך געמאַכט! . . .

דאָס שטענדיקע דאַגהן וועגן אַרמייען און אַמוניציע, וואָס האָט דער וועלט אָפּגעקאָסט ביליאָנען און האָט פאַרשקלאַפט דאָס פאָלק, האָט איצט מער קיין ווערט ניט געהאַט, מע האָט עס איצט מער ניט גדאַרפט האָבן . . .

דאָס זעלבע מיט די קריגס־שיפן און לופטשיפן, מיט די תפיסות און אַלע אַנדערע קלאַפּערגעצייגן פון דער אַלטער וועלט־אָרדענונג — האָט איצט שוין מער ניט געבראַכט קיין נוצן, מע האָט עס מער ניט גדאַרפט!

די נייע וועלט־אָרדענונג האָט ניט קיין בעטלער, קיין פּראָסטיטוטקעס, קיין רויבער, ווייל עס איז ניטאָ קיין געלט — עס איז דאָ אַרבעט; יעדער מוז אַר־בעטן, אַלע מוזן אַרבעטן, און דאָס לעבן איז אַזוי אַרום געזיכערט געוואָרן צו זיין אַ פרידלעכס, אַ רואיקס — אַ גליקלעכע מענטשהייט!

איינמאָל זיינען זיך אויפן אינזל צוזאַמענגעפאָרן דעלעגאַטן פון דער גאַנ־צער וועלט כדי צו פאַרהאַנדלען וועגן דערציאונגס־פראַגן.

די דעלעגאַטן זיינען באַשטאַנען, לויט דער פאַרגאַנגענהייט, פון דער אַלטער צייט — פון רייכע און אָרעמע . . . איצט זיינען זיי אַלע געווען גלייכע מענטשן, וועלכע האָבן געאַרבעט האַנט אין האַנט פאַרן וואוילזיין פון די מיטמענטשן פון דער גאַנצער וועלט.

צווישן די דעלעגירטע האָט זיך גאַרניט געפילט, אַז גאָר ניט לאַנג צוריק זיינען אַלע געווען ניט קיין גלייכע מענטשן, לויט יעדנס באַזונדערן קלאַס, פון וואַנען ער האָט געשטאַמט.

אויס יחוס! אויס אָרעמער שטאַנד! אַלע — ניט מער ווי מענטשן, גלייכע, גלייכבאַרעכטיקטע, דער עיקר גלייך פאַראינטערעסירטע אין דעם גורל פון אַלע מענטשן אויף דער גאַנצער ערד . . .

די דערציאונגס־פראַגע איז געווען אַ וויכטיקע און זי האָט קיינעם ניט צורו געלאָזט — נאָר בעסער און פאַרבעסערן.

דער געוועזענער בעל־יחוס, ווי דער געוועזענער רייכער, וואָס האָט געהאַט זיין פּריווילעגיע צו קוקן אויף קינדער, אויפן יונגן דור, ווי אויף צוקונפטיקע שקלאַפן, וועלכע זיינען געשאַפן געוואָרן כדי נאָר אים אַליין צו מאַכן רייכער און מעכטיקער — איז אַט דער אייגענער איצט פאַראינטערעסירט געוואָרן אין זייער דערציאונג, אין זייער וואוילזיין . . .

עס איז ביי אַלעמען דער געפיל, אַז די פראַגע — די פראַגע מכוח דערציאונג — איז אַ זייער וויכטיקע, אַז זי דאַרף שטיין און מוז שטיין אויפן אויבן־אָן.

קינדער זיינען געוואָרן ביי אַלעמען ווי בלומען.

קינדער זיינען די בלומען פון לעבן — — —

עפּילאָג

דער צונויפפאָר פון די דעלעגאַטן האָט פאַרנומען עטלעכע טעג. מע האָט אַרומגערעדט דעם ענין און זיך דערגערעדט צו אַלץ וואָס מע האָט געדאַרפט.

מיר האָבן געדענקט, אַז אין דעם זעלבן טאָג ווען אונדזערע דעלעגאַטן פאַרלאָזן אונדזער אינזל, האָט זיך אַבער דערוויילן דער הימל פאַרכמאַרעט . . . עס האָט זיך גענומען קלייבן אויף אַ רעגן . . .

דער ים איז געוואָרן אויפגעברויזט . . . עס האָט זיך אַדורכגעטראָגן דער ערשטער דונער מיט בליצן, וועלכע האָבן דעם הימל געשפּאָלטן. ס'איז נאָך אַזוינס קיינמאָל ניט געווען! . . .

אונדזער אינזל האָט זיך אַ טרייסל געטאָן.

אַ שרעק האָט אונדז אַלעמען אַרומגעכאַפּט — די געביידעס האָבן זיך גענומען בויגן און ברעכן, דער אינזל האָט זיך גענומען וויגן און זינקען וואָס אַמאָל טיפער און טיפער . . . איך האָב דערפילט, אַז איך שטיי אין וואַסער און דאָס וואַסער שטייגט העכער און העכער . . . אָט האָט שוין דאָס וואַסער דערגרייכט צו מיינע אַקסלען. איך האָב דערזען די געפאַר; איך האָב דערפילט, אַז איך מוז זיך וואָס גיכער ראַטעווען כל זמן איך בין נאָך ניט אינגאַנצן אונטערגעגאַנגען אונטערן וואַסער.

איך האָב גענומען שרייען, שרייען, איך האָב גענומען רופן הילף מיט אַזאַ געשריי און אַזאַ פאַרצווייפלונג! ווייל דאָס וואַסער האָט מיך שוין באַלד געהאַט אינגאַנצן פאַרטרונקען . . . און מיט אַמאָל — — —

איך כאַפּ זיך אויף . . .

עס איז געווען אַ חלום — — —

די גאַנצע מעשה — ניט מער ווי אַ חלום? . . . איך האָב געציטערט, ווי אַ בלאַט, און זיך איינגעקאָרטשעט אין אַ קנויל, ווי אַ קינד.

— ווי געפעלט אייך דער דאָזיקער חלום? איז דאָס ניט אַ וואונדערבאַרער חלום געווען? — האָט הילדא געפרעגט.

— יאָ, טייערע, — האָט ער זיך פאַרטראַכט. — אַך, וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרער חלום! ס'איז ווירקלעך ווערט צו באַשרייבן. אָבער איצט האָב איך דאָס וואָרט, ווי מיר האָבן אָפּגעמאַכט!

הילדא האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט ווייכע ליכטיקע אויגן, מיט אַ ווייך שמייכעלע, און געזאָגט:

— געוויס, איצט האָסטו דיין וואָרט! — — —

דער אייביקער וואַנדערער ב. דיימאָנדשטיין

ביכער וואָס וועלן דערשיינען אין יאָר 1951
פון ב. דיימאָנדשטיין

ס׳וועלן פילע ביכער איבערגעדרוקט ווערן, וואָס זיינען דערשינען מיט פילע יאָרן צוריק, אָנדערע נאָך פון 12־1911. דריי ביכער איבער־געאַרבעט פון זיינע ענגלישע ביכער, און פילע, וואָס זיינען נאָך ניט געדרוקט געוואָרן אין בוך־פאָרם פון פריער.

די דריי איבערזעצט זיינען שוין דערשינען! און אין פאַרלויף פון יעדע צוויי חדשים וועלן דערשיינען צו צוויי ביכער.

אַלע ביכער זיינען פון גרויסן פאָרמאַט און דאָפּלט געזעצט, כמעט צוויי זייטן אין איין זייטל.

„דער וואולקאַנען אינזל״ —
בראָשירט, $1.00; געבונדן, $2.00; דעלוקס, $3.00

„דער רוף אין זיך״ —
בראָשירט, $1.00

„איבער אונדזער קראַפט״ —
בראָשירט, $1.25; ביידע צוזאַמען, $2.00; געבונדן, $3.00;
דעלוקס, $4.00

אַלע ביכער וועלן האָבן דעם געדרוקטן פרייז אויפן בראָשורטן טאָוול.
די פאָלגענדע וואָס וועלן דערשיינען: —

אַ בוך איינאַקטערס — **אַ בוך פאַבלען**
אַ בוך דראַמען — **אַ בוך עסייען**
אַ בוך לידער — **אַ בוך דערציילונגען**
אַ בוך קינדער־לידער

און דער גרויסער ראָמאַן „**דריי דורות**״ אין זעקס גרויסע טיילן דער ערשטער טייל איז דערשינען אין 4 פאָרזעצונגען אין דעם זשורנאַל „ליטעראַרישע העפטן״, וואָס ווערט רעדאַקטירט פון ב. דיימאָנדשטיין.
אויך קען מען נאָך דערווייל קריגן זיינע צוויי ענגלישע ביכער:

"THE CALL WITHIN"
און
"BEYOND HUMAN POWER"

„ביאנד היומען פּאוער״ איז פאַרבאָטן און צוריקגעצויגן געוואָרן פון די פּאָבליק לייברעריס, וואָס איז איבערזעצט אין יידיש.

מען קען באַקומען פּילע יאָרגאַנגען

ליטעראַרישע העפטן

די וואָס ווילן זיך איינשאַפן פריערדיקע יאָרן פון די „ליטעראַרישע העפטן", קענען עס באַקומען פאַרן פאָלגענדיקן פּרייז:

ערשטער יאָר	$1.50	פערטער יאָר	$2.00
צווייטער יאָר	$2.00	פינפטער יאָר	$2.00
דריטער יאָר	$2.00	צוזאַמען די פינף יאָרן, ספּעציעלער אָפּער	$6.50

אַבאָנירט זיך פאַרן יאָר 1951

דער שענסטער און אינטערעסאַנטסטער יידישער זשורנאַל

$2.00 אַ יאָר

LITERARISHE HEFTEN

10143 Montair Ave., Tujunga, Calif.

שוין דערשינען

דער רוף אין זיך

פון ב. דיימאַנדשטיין

אַ היסטאָרישער ראָמאַן פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע

שוין דערשינען

פון ב. דיימאַנשטיין

איבער אונדזער קראַפט

ראָמאַן פון דער ערשטער וועלט-מלחמה און דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע

פאַרלאַג ליטעראַרישע העפטן, טאהאנגא, קאַליפאָרניע